STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01499

DI GESHIKHTE FUN SOTSYALIZM

Nahum Nir

Permanent preservation of this book was made possible
by S. Robert Freedman
in honor of
the marriage of Rachel & Carl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ראפאלקעס.

די געשיכטע פון סאציאליזם

ערשטער באנד

(פון אורעלטע צייטן
ביז נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע).

פארלאג „יוגנט־פאן" — קראקע

Kraków 1923.

[illegible]

Ber[illegible] [illegible]aszker

Ber[illegible]r[illegible] Piaszker

Nowa Drukarnia Dziennikowa, Sp. z ogr. odp., Kraków, Orzeszkowej 7.

[illegible]

הקדמה.

[illegible]

די געשיכטע פֿון סאָציאַליזם נעמט אַרום צוויי געביטן: זי איז די געשיכטע פֿון די קאַמפֿן, וואָס זיינען ביי פֿאַרשידענע פֿעלקער און לענדער און ביי פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע אומשטאַנדן געפֿירט געוואָרן דורך די אונטערדריקטע און פֿאַרשקלאַפֿטע גרופּן קעגן זייערע אונטערדריקער, קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע. זי איז אָבער צוגלייך דערמיט אויך די געשיכטע פֿון די אידייען, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אויפֿן סמך פֿון דער סאָציאַלער אונטערדריקונג — פֿון די אידייען פֿון פֿרייהייט, יושר און געזעלשאַפֿטלעכער גלייכהייט. די געשיכטע פֿון סאָציאַליזם מוז דערפֿאַר אַרומנעמען די גאַנצע מענטשלעכע מאַטעריעלע און גייסטיקע אַנטוויקלונג; זי מוז זיך פֿאַרנעמען נישט בלויז מיט דעם גאַנג און דער אַנטוויקלונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפֿן און סאָציאַליסטישע אידייען, נאָר מוז אויך אויספֿאָרשן די מאַטעריעל־ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן. אַ גרינטלעכע געשיכטע פֿון די סאָציאַליסטישע קאַמפֿן און אידייען איז בכן נישט קיין אַרבעט פֿאַר אַ יחיד; דער אומגעהויערער געשיכטלעכער און פֿאַקטישער מאַטעריאַל ווערט נאָר גרופּן־ווייז באַאַרבעט דורך באַזונדערע פֿאָרשער און איצט ערשט ווערן געמאַכט פּרואוון צו פֿאַרבינדן די צעשאָטענע אויספֿאָרשונגען אין איין איבערזיכטלעכע, אויסשעפּנדיקער אַרבעט.

דער אינטערעס פֿאַר סאָציאַלע פֿראַגן, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן ביי די ברייטסטע שיכטן, אַ דאַנק דער באַזונדערער באַדייטונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען פֿאַרן גאַנג פֿון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין דער איצטיקער עפּאָכע, און דאָס פֿעלן אין אידיש אַ פּאָפּולערע אַרבעט, וואָס זאָל געבן אַן אַלגעמיינעם הגם קורצן איבערבליק איבער די געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפֿן און אידייען אין זייער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָט געבראַכט דעם מחבר צום געדאַנק צו שרייבן די דאָזיקע אַרבעט.

אונדזער אַרבעט, וואָס איז באַרעכנט אויף צוויי בענדער פֿאַרנעמט זיך קודם־כל מיט דער געשיכטע פֿון די קאָמוניסטישע אידייען ביי פֿאַרשידענע פֿעלקער און לענדער. אויפֿן צווייטן פּלאַן איז אַוועקגעשטעלט די אַנטוויקלונג פֿון די סאָציאַלע קאַמפֿן צווישן די אונטערדריקטע און הערשנדיקע קלאַסן און נאָר פֿאַרבייגייענדיק באַרירן מיר די פֿראַגע וועגן די סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן.

דער ערשטער טייל פֿון אונדזער אַרבעט נעמט אַרום די אוראַלטע צייט, דעם מיטעלאַלטער און די תקופה ביז נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער צווייטער טייל ווערט זיך באַשעפֿטיקן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון די סאָציאַליסטישע אידייען אין נײַנצעטן יאָרהונדערט און מיט זייערע פֿיל־פֿאַרצווייגטע ריכטונגען.

פֿאַר אַ יסוד פֿון אונדזער אַרבעט האָבן מיר גענומען:

ב ע ר ס „אַלגעמיינע געשיכטע פֿון סאָציאַליזם און פֿון די סאָציאַלע קאַמפֿן",

ל ו צ א ט אָ ס „סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און סיסטעמען",

ק ו י ט ס ק י ס „געשיכטע פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג",

און דערבײַ אויסגענוצט אַ רייע קלענערע אַרבעטן פֿון פֿאַרשידענע מחברים.

צום סוף פֿון צווייטן באַנד וועלן מיר געבן אַ גענויען איבערזיכט איבער דער גאַנצער ליטעראַטור.

איבערגעבנדיק אונדזער אַרבעט דעם יידישן לעזער־קרייז שטרייכן מיר אונטער, אַז אונדזער באַשיידענער וואונטש איז געווען צו געבן אַן אַלגעמיין צוגענגלעך בוך, אויפֿן יסוד פֿון די שוין עקזיסטירנדיקע אויספֿאָרשונגען, וואָס זאָל דינען ווי אַ אָנרעגונג פֿאַר ווײַטערער פֿאַראינטערעסירונג מיט די דאָזיקע וויכטיקע פֿראַגן, וואָס דעקן פֿאַר אונדז אויף דעם גאַנצן מהות פֿון דער ביז־איצטיקער אַנטוויקלונג פֿון די סאָציאַלע אידייען און קאַמפֿן, וואָס מוזן מיט אַ געשיכטלעכער נויטווענדיקייט פֿירן צו דער באַפֿרייאונג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

דער מחבר.

ווין, אַפּריל 1922.

אײַנלײטונג.

„בײַ דעם װיגעלע פֿון דער מענטשהײט איז געשטאַנען דער קאָמוניזם" — זאָגט קױטסקי, און באמת, כמעט אַלע פֿעלקער, סײַ די ציװיליזירטע, סײַ די װילדע, הױבן אָן זײער היסטאָרישע אַנטװיקלונג מיט קאָמוניסטישע פֿאָרמען פֿון װירטשאַפֿטלעכן לעבן. נאָך עד־היום געפֿינען מיר װילדע פֿעלקער, װאָס לעבן איצט אין די צושטאַנדן און אין די געזעלשאַפֿטלעכע באַציִונגען װי עס האָבן געלעבט אין די גאָר אוראַלטע צײַטן די איצטיקע ציװיליזירטע פֿעלקער; מיר געפֿינען אפילו אין די שפּעטערדיקע צײַטן בײַ די ציװיליזירטע פֿעלקער רעשטלעך פֿון דעם אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם. אַזױ למשל די דאָרפֿגעמײנשאַפֿטן אין דײַטשלאַנד, די קאָמונעס אין פֿראַנקרײַך און די דאָרפֿס־געמײנדע אין רוסלאַנד — ביז פֿאַר דער רעװאָלוציע. אין רוסלאַנד האָבן ביז גאָר אין דער לעצטער צײַט עקזיסטירט געמײנזאַמע פּאַשעס, װעלדער — אַפֿילו דער אַקערבאָדן האָט געהערט צו דער גאַנצער דאָרף־געמײנדע און פֿלעגט װערן צוטײלט אַלע 12—24 יאָר צװישן די פּױערים אין דאָרף.

דאָס זײַנען אַלץ רעשטלעך פֿון דער אורשפּרינגלעכער פֿאָרם פֿון װירטשאַפֿטלעכן צוזאַמענלעבן פֿון די ערשטע פֿעלקער, װאָס זײַנען ערשינען אױף דער היסטאָרישער אַרענע פֿון דעם **אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם**, װאָס האָט אַנטשפּראָכן די לעבנס־באַדינגונגען פֿון יענער צײַט. דער אורשפּרינגלעכער מענטש האָט קײן שום באַגריף נישט געהאַט װעגן די נאַטירלעכע אוצרות, װעגן די גרױסע מעגלעכקײטן, װאָס עס גיט די נאַטור. דעריבער האָט בײַ אים נישט געקענט אַפֿילו אַנטשטײן דער געדאַנק פֿון אױסנוצן די נאַטירלעכע כוחות און אוצרות: ער האָט געלעבט פֿון גרײטן, דערפֿון װאָס האָט זיך אים געװאָרפֿן אין די אױגן, אַלס נוצלעך פֿאַר אים. אדרבא, די נאַטירלעכע כוחות זײַנען געװען נישט זײַנע פֿאַרבינדעטע, נאָר זײַנע שונאים. די זון, װאָס גיט אונדז װאַרעמקײט און ליכט, װאָס העלפֿט דעם באָדן אַרױסברענגען פֿון זיך די פּאָטענציעלע מעגלעכקײטן — איז פֿאַרן אורשפּרינגלעכן מענטשן געװען אַ געהײמער כח, װאָס װאַרעמט אים אַ מאָל, אָבער װאָס קען אױך פֿאַרברענען. דער רעגן, װאָס װערט איצט דורכן מענטשן אױסגענוצט סײַ װי װאַסער, סײַ און הױפּטזעכלעך, בײַם װאַקסן־פּראָצעס, איז געװען אַ כח, פֿאַר װעלכן דער אורשפּרינגלעכער מענטש האָט מורא געהאַט — װײַל ער פֿלעגט אים טאָן נאָר שלעכטס, אים נאַס מאַכן און אונטערשװענקען זײַנע פּרימיטיװע בײדלעך

וואס זענען געווען צוזאמענגעשטעלט פון בלעטער און דערנער. דער ווינט, וואס ווערט איצט דורך אונדז אויסגענוצט למשל ביי ווינט־מילן און אין אנדערע פאלן, איז געווען א שונא פון דעם ווילדן מענטשן — ווייל ער האט צעשטערט זיין וואוינונג און ער האט זיך נישט געקענט שיצן פאר אים. דאס פייער איז געווען נאר א צעשטערנדיקע קראפט — מיט איין ווארט, די אלע נאטירלעכע כוחות זיינען נישט בלויז, נישט אויסגענוצט געווארן דורכן אורשפרינגלעכן מענטשן, נאר ער האט אפילו נישט געוואוסט, אז מען קען זיי באהערשן. אדרבא, פאר אים זיינען דאס געווען פיינטלעכע כוחות, לעבעדיקע אינדיווידואומען ווי ער אליין, וואס האבן אים געקענט טאן א סך שלעכטס און האבן פונקט ווי ער געהאט א נשמה (דער אנימיזם). און פונקט ווי די נאטור כוחות, אזוי זיינען אלע געגנשטאנדן פארן אורשפרינגלעכן מענטש געווארן לעבעדיקע פילנדיקע אינדיווידואומען ווי ער אליין, וועמען מען קען בעטן, זיי זאלן טאן גוטס. וועמען מען קען אבער אויך אריינפירן אין כעס.

דער אורשפרינגלעכער מענטש איז בכן געווען ארומגערינגלט מיט שונאים. ער האט געלעבט נאר פון די פירות אויף די ביימער, פון די געוויקסן, פון די חיות, וואס ער האט געכאפט, פון די פיש, וואס ער האט געפאנגען. ער איז אבער געווען מאכטלאז קעגן די נאטירלעכע כוחות און געפרואווט זיך פארטיידיקן קעגן זיי. דאריבער האט ער געזוכט אין קאמף מיט דער נאטור זיך צו פאראייניקן מיט נאך אזעלכע ווי ער איז. בכדי צוזאמען ביייצוקומען דעם אלגעמיינעם שונא. מען האט צוזאמען געזוכט צום עסן, מען האט צוזאמען געגעסן. עס איז געווען א געמיינזאמע „פראדוקציע" (פיש פאנגען, חיות כאפן וכדומה) און א געמיינזאמער געברויך.

„דער קאמוניזם האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם וויכטיקסטן כלי־זין פון דער מענטשהייט אינעם קאמף פארן זכות הקיום. נאר א דאנק דעם ענגען צונויפנעמען זיך אין מער ווייניקער באדייטנדע געזעלשאפטן האבן די נאקעטע און אומבאוואפנטע מענטשן פון דער פארהיסטארישער צייט געקענט זיך באשיצן פון זייערע שרעקלעכע שונאים אין די ווילדע וועלדער. דער אורשפרינגלעכער מענטש האט געלעבט נאר אין זיין געזעלשאפט און צוזאמען מיט איר. אין דער געזעלשאפט האבן מענטשן זיך פארשאפט די עקזיסטענץ־מיטלען — צוזאמען זיינען זיי געגאנגען אויף יאגד, צוזאמען האבן זיי פיש געפאנגען, — אין געזעלשאפט האבן זיי געלעבט, צוזאמען פארטיידיקט זייער געמיינזאמע וואוינונג, זייער געמיינזאמען באדן"[1]. אלע מענטשן זיינען, אזוי צו זאגן, געווען נאר אביעקטן פאר דער נאטור אבער נישט איינער פארן אנדערן, ווי

[1] ק. קאוטסקי, „דער פלאטאנישער און אורקריסטלעכער קאמוניזם".

דאָס איז געוואָרן אין די שפּעטערדיקע ציטן. די גאַנצע אורשפּרינגלעכע געזעלשאַפט איז געווען האמאגען.

ביסלעכווייז אָבער, הויבט זיך אָן אַ דיפערענצירונג אין דער געזעלשאַפט: עס הויבן זיך אָן אויסצוטיילן באַזונדערע גרופּן פאַר באַזונדערע אַרבעטן. די ערשטע פאַנאַנדערטיילונג איז געווען צווישן די וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די דערנערונג־מיטלען און די וואָס האָבן געשיצט דאָס וואוינאָרט, געפירט מלחמות מיט אַנדערע שבטים. דאָס איז געווען די פאַנאַנדערטיילונג פון פרויען און מענער אַרבעט. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן ספּעציעלע גרופּן פאַר פאַרשידענע אַרבעטן. אַ טייל כאַפּט פיש, אַ טייל הויבט שוין אָן זייען, אַ טייל פאַרנעמט זיך מיט יאַגד. די דיפערענצירונג האָט אַריינגעבראַכט דעם ערשטן שפּאַלט אין דער אורשפּרינגלעכער געזעלשאַפט: עס האָט געמוזט זיין ווער ס'זאָל אָרגאַניזירן די פאַנאַנדערטיילונג פון אַרבעט. פריהער איז עס געווען דער עלטעסטער פון משפּחה, שפּעטער איז עס געוואָרן אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט גאָר נישט געטאָן, נאָר געהייסן טאָן אַנדערע. עס אַנטשטייט דאָס פּריוואַט־איינגנטום, פריהער פאַר אַלץ אויפן באָדן, שפּעטער אויף די נעצן — פּראָדוקציע־מיטלען — צו כאַפּן פיש און פאַנגען חיות. דער געברויך בלייבט נאָך לאַנג אַ געמיינזאַמער, אָבער די עלטסטע באַקומען אַלץ אַ גרעסערע שליטה און נעמען זיך צו דעם גרעסטן חלק, אָבער עסן קען מען נישט מער, ווי מען דאַרף, און דאַריבער „כל־זמן דאָס רייכטום באַשטייט נאָר פון געברויכס־מיטלען, וויל קיינער נישט מער, וויפיל עס איז נויטיק פאַר אַ באַקוועמען און אַנגענעמען לעבן"[1] אָבער מיט דער צייט, ווען ס'באַווייזן זיך די ערשטע אויסטוישמיטלען, דאָס געלד, הויבט אָן אַלץ טיפער און טיפער צו ווערן די ערשטע שפּאַלטונג. „געלד איז קיין מאָל נישט גענוג, ווייל דאָס געלד איז אַזאַ מין סחורה, פאַר וועלכע מען קען קויפן אַלע איבעריקע סחורות — וואָס ווערן נישט קאַלע און קענען אַלע מאָל צונויץ קומען. פון דער צייט אָן ווערט דאָס אָנזאַמלען פון אוצרות, פון קאַפּיטאַלן, וואָס שטייגן ווייט אַריבער די באַדערפענישן פון זייערע איינענטימער, די לעבנס־אויפגאַבע פון די רייכערע. פון איצט אָן קען דער קעגנזאַץ צווישן רייכקייט און אָרימקייט ווערן אָן אַ גרענעץ"[2]. עס אַנטשטיין אין דער געזעלשאַפט רייכע און אָרימע, הערשנדיקע און באַהערשטע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע. דער מענטש ווערט מיט זיין אַרבעט שוין אַ סחורה פאַר דעם צווייטן — איין מענטש ווערט אַן אָביעקט פון עקספּלאָאַטאַציע פאַרן צווייטן. עס אַנטשטייט די קנעכטשאַפט אין אַבסאָלוטן זין פון וואָרט און דערנאָך אין מעטאַפאָרישן זין.

---

1) Ibidem זייטע 3.

2) Ibidem זייטע 3.

„די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פֿון קלאַסן־קאַמף“ — זאָגט מאַרקס. וואָס שווערער עס ווערט דער דרוק, וואָס אומערטרעגלעכער דער יאָך, דאָס שטאַרקער הייבט אָן צו ווערן דער פּראָטעסט פֿון די אונטערדריקטע, פֿון די אונטעריאָכטע. עס פֿעלט נאָך דאָס באַוואוסטזיין פֿון די אונטערדריקטע, פֿון זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן, זיי זיינען נאָך נישט קיין קלאַס אין פּאָליטישן זין פֿון וואָרט. דער פּראָטעסט קומט מער פֿון האַרצן פֿון די געפֿילן, ער דערגייט נאָך נישט ביז צום קאָפּ, צום שכל. דער פּראָטעסט איז אַ רעפֿלעקסיווער, נישט קיין באַוואוסטזיניקער און אין פֿאַרשידענע עפּאָכן נעמט ער אָן די פֿאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם גייסטיקן צושטאַנד פֿון דער עפּאָכע, איר אידעאָלאָגיע, איר פֿילאָזאָפֿיע. דעריבער האָבן די פּראָטעסטן כמעט ביז דעם סוף פֿון XVIII יאָרהונדערט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. בשעת אין סוף אַכצעטן יאָרהונדערט הייבן אָן די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָטעסט־באַוועגונגען אָנצונעמען זייער אייגנטלעכן סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכן כאַראַקטער.

די מאַסע אונטערדריקטע ווייסט לכתחילה נישט, צו וואָס זי שטרעבט, זי איז אומצופֿרידן און אימפּולסיוו רייסט זי אַ מאָל די קייטן. אין יעדן דור אָבער, שטייען אויף מער אינטעלעקטועל אַנטוויקלטע מענטשן, מיט מער אָדער ווייניקער אינטואיטיוון גייסט און פּרוּוון צו פֿאָרמולירן די סבות פֿון דער אומצופֿרידנהייט. — די קריטיק פֿון די באַשטייענדע געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען און דאָס שטרעבן פֿון דער מאַסע — די פּאָזיטיווע נויטיקע ענדערונגען און דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן קומען די אינטואיטיווע גייסטער צו דעם אויסגאַנג־פּונקט פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע, צום אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם — ביי וועלכן עס זיינען נישט געווען קיין הערשער און נישט קיין באַהערשטע, נישט קיין אונטערדריקער און נישט קיין אונטערדריקטע. ווי אַ רויטער פֿאָדעם ציט זיך אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט דאָס שטרעבן צום אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם. אין יעדער עפּאָכע ווערט עס פֿאַרהילט אין אַ פֿאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם דעמאָלטיקן אופֿן פֿון דענקען, די קאָמוניסטישע שטרעבונגען ביזן אָנהויב פֿון ניינצטן יאָרהונדערט ווייסן נאָך נישט פֿון קיין שום געזעצמעסיקייט פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. פֿאַר זיי איז דער באַשטייענדיקער געזעלשאַפֿטלעכער מצב נישט קיין רעזולטאַט פֿון אַ לאַנג־דויערנדיקן פּראָצעס און דעריבער זיינען זיי גרייט אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג אָדער אייגנטלעך אומקערן זיך צוריק. ערשט אין ניינצטן יאָרהונדערט באַקומט די קאָמוניסטישע ריכטונג אַ וויסנשאַפֿטלעכן באָדן אונטער זיך אַ דאַנק די געניאַלע סאָציאָלאָגן מאַרקס און ענגעלס. זיי האָבן באַוויזן, אַז די ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג מוז ברענגען צום קאָמוניזם, אַז דער נייער קאָמוניזם וועט ווערן געבויעט נישט קעגן די ווירטשאַפֿטלעכע ערפֿינדונגען, נישט ער וועט פֿאַרניכטן דעם ווירטשאַפֿטלעכן פֿאָרשריט — דער־

קאָמוניזם וועט נישט זיי אַן אומקער צוריק צו דער נאַטור און ער וועט נישט אָננעמען די פֿאָרמען, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, נאָר ער וועט זיין א פֿועל־יוצא פֿון דער אומפֿאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג וואָס עס מוז דורכגיין דער איצטיקער געזעלשאַפֿטלעכער סדר: דאָס לעבן וועט איבערגעבויעט ווערן נישט דורך דעם, וואָס די רייכע וועלן פֿאַרשטיין דעם אומרעכט, וואָס זיי טוען, נאָר דורכן דראַנג פֿון די אונטערדריקטע, פֿאַרשקלאַפֿטע — דורכן אַרבעטער־קלאַס. דער קאָמוניזם ווערט אין ניינצטן יאָרהונדערט און הויפּטזעכלעך אין אָנהויב פֿונם צוואַנציקסטן, אַ געזעלשאַפֿטלעכע פּאָליטישע באַוועגונג, געטראָגן דורך דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיניקן קלאַס — דורכן פּראָלעטאַריאַט.

I.

די אידייען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאָמוניזם אין פּאַלעסטינע.

אַ). די אַלגעמיינע צושטאַנדן.

די אידייע פֿון קאָמוניזם האָט געקענט אַנטשטיין צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, נאָר בײַ די פֿעלקער, בײַ וועלכע עס האָט זיך פֿריִער אָנגעהויבן צו דיפֿערענצירן דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן. ווי עס האָט, מיט אַנדערע ווערטער, פֿריִער פֿאַר אַלעמען אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן דאָס אורשפּרינגלעכע קאָמוניסטישע צוזאַמענלעבן, כּדי איבערצוגיין צו מער קאָמפּליצירטערע פֿאָרמען פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן. דאָס זײַנען געווען די פֿעלקער, וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן צו שטייגן אויפֿן לייטער פֿון קולטור — די פֿעלקער וואָס האָבן געלעבט אַרום דעם מיטל־לענדישן ים — דעם צענטער פֿון דער אוראַלטער מענטשלעכער קולטור — די ייִדן, גריכן און רוימער[1].

די ייִדן זײַנען אײַנגעוואַנדערט ווי נאָמאַדישע שבטים אין צוועלפֿטן יאָר־הונדערט פֿאַר קריסטוס געבורט פֿון דער אַראַבישער מדבר אין כּנען. פֿאַר־האַרטעוועט דורך דעם וואַנדערנדיקן לעבן, האָבן זיי באַזיגט די אײַנוואוינער פֿון כּנען און זיך באַזעצט אויף זייער באָדן. בעת פֿריִער איז פֿי־צוכט געווען די הויפּטבאַשעפֿטיקונג פֿון די וואַנדערנדיקע ייִדישע שבטים איז נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אויפֿן באָדן, זייער הויפּטבאַשעפֿטיקונג געוואָרן אַקערבוי. אין די ערשטע צײַטן האָט נישט עקזיסטירט בײַ די ייִדן קיין פּריוואַט־אייגנטום אויף גרונט און באָדן. די שבטים האָבן געהאַלטן דעם באָדן ווי אַ בשותּפֿות־דיקן באַזיץ. יעדער שטיק באָדן האָט געדאַרפֿט בלײַבן אין רשות פֿון וועל־כיקן שבט[2]. אין דער העברעאישער שפּראַך איז אַפֿילו נישט געווען קיין באַגריף פֿון באָדן־פּריוואַט־אייגנטום — דאָס האָט געהייסן „נחלה" — וואָס באַדײַטעט אַ שטיק באָדן וואָס גייט איבער בירושה. אָבער מיט דער צײַט, בעת פֿאַמיליעס זײַנען שוין דורות לאַנג געזעסן אויף אַ באַשטימטן שטיקל

---

[1] וועגן די קאָמוניסטישע אידייען בײַ די עגיפּטער איז אונדז ווייניק וואָס באַ־וואוסט, נאָר ווייניק מאַטעריאַלן זײַנען אויך דאָ אין דער הינזיכט וועגן כינאַ און אינדיען.

[2] דאָס איז צו זען פֿון דער געשיכטע מיט צלפֿחדס טעכטער. — במדבר, קאַפּיטל ל״ו.

ערד און טיילווייז אויך אונטער דער ווירקונג פון די כנענים, וואָס זיינען שוין א סך לענגער געווען; א פאָלק פון אַקערבוי. האָבן די פאַמיליעס אָנגעהויבן קוקן אויף זייערע נחלאות ווי אויף זייער פריוואַט־אייגנטום, וואָס האָט אָנגע־הויבן זיך צו פאַרקלענערן און פאַרגרעסערן דורך פאַרקויפן און קויפן. די וואָס האָבן געהאַט א סך באָדן האָבן אים שוין נישט געקענט אליין באַאַרבעטן און געמוזט אויסנוצן פרעמדע קראַפט, אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען ביי זיי גע־וואָרן קנעכט. אַזוי אַרום זיינען אַנטשטאַנען אין פאַלעסטינע די ערשטע גע־זעלשאַפטלעכע קעגנזאַצן צווישן גרויסע גוטבאַזיצער און באַהנלאָזע אַרבעטער.

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אין פאַלעסטינע אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער האַנדל. פאַלעסטינע ליגט צווישן מצרים און מעסאָפּאָטאַמיען און איז אויף א נאַטירלעכן אופן געווען דער פאַרבינדונגס־פונקט צווישן די צוויי לענדער. צוויי אַלטע דאָקומענטן — פאַפּירוסן וואָס שטאַמען פון די יאָרן 1800—2000 פאַר קריסטוס'עס געבורט — באַווייזן אַז שוין די בעדואינער שבטים פון פאַלעסטינע האָבן געפירט א האַנדל מיט מעסאָפּאָטאַמיען. ווען די יידן האָבן פאַרנומען כנען האָבן זיי באַהערשט די פאַראַוואַנען־וועגן וואָס פאַרבונדן מע־סאָפּאָטאַמיען מיט עגיפּטן און א דאַנק זייער הערשאַפט איבער דעם ברעג פון ים מיט זיינע האַפנס, האָבן זיי אויפגענומען האַנדעלס־באַציונגען אויך מיט די פיניקיער (צור און צדון). „די בלוטיקע מלחמות מיט אֱדום אין 9־טן און 8־טן יאָרהונדערט זיינען געווען האַנדלס־מלחמות: עֵלַת, די האַפנשטאָט ביים רויטן ים האָט געמוזט עראָבערט ווערן, בכדי צו ברענגען גאָלד פון אופיר און קאָלאָ־ניאַל סחורות פון אינדיען"[1]. דער האַנדל האָט געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל, וואָס איז אויך דאָ אַרויסגעטראָטן אין דער פאָרם פון פאַר־מיטלערישן און פּראָצענט־קאַפּיטאַל. „מיין מאַן — קלאָגט זיך א פרוי פאַר אֱלישע'ן — איז געשטאָרבן, און ווי די ווייסט, איז ער געווען א פרומער מענטש. איצט קומט זיין בעל־חוב און וויל מיינע ביידע קינדער נעמען פאַר קנעכט" (מלאָכים ב, קאַפּ. ד, פּסוק א).

צו דעם אַלעמען איז ביי די יידן צוגעקומען די אַנטוויקלונג פון מאָנאַר־כיזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער וואַל פון שאול'ן, וואָס איז געווען א פועל־יוצא פון די אייביקע מלחמות מיט די אַרומיקע שכנים. די מאָנאַרכן האָבן לויטן שטייגער פון די אַזיאַטישע דעספּאָטן געהאַט גרויסע האַ־רעמס (שלמה המלך'ס טויזנט ווייבער), געלעבט אין אַזיאַטישן לוקסוס און געהאַלטן אין בויען פּאַלאַצן און באַפעסטיקן די שטעט. דאָס אַלץ האָט זיך

---

[1]) מ. בעער: „די אַלגעמיינע געשיכטע פון סאָציאַליזם און פון די סאָציאַלע קאַמפן" I טייל, זייט 18.

געלייגט ווי אַ שווערער יאָך אויף דער באַפעלקערונג, וואָס האָט גערעכנט צאָלן גרויסע שטייערן סיי פאַר דער מלוכה, סיי פאַרן אויסהאַלטן דעם רייכן אַזיאַטיש-צערעמאָניאַלן רעליגיעזן קולט.

די אַלע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען האָבן צעשפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק אויף גוט-באַזיצער און באָדנלאָזע, אויף רייכע און אָרימע, קאַפּיטאַליסטן און קנעכט, הערשענדיקע און באַהערשטע. אַנטשפּרעכענד די אוראַלטע צייטן האָט דער געזעלשאַפטלעכער קאָנפליקט אָנגענומען רעליגיעזע פאָרמען. דער סאָציאַלער קאָנפליקט ביי די יידן האָט נישט געבראַכט צו אויפשטאַנדן ווי אין גריכנלאַנד און רוים, נאָר צו אַ רעליגיעזער גערונג.

יהוה, דער יידישער גאָט, איז געווען דער גאָט פון מדבר, דער אַסקעטישער, שטרענגער גאָט, וואָס האָט זיך נוקם געווען אפילו אין דעם פערטן דור, אַ נוקם ונוטר. דער בעל, דער גאָט פון כנען, איז געווען אַ פריילעכער לעבנסלוסטיקער גאָט, אַ גאָט פון אַ לאַנד — זבת חלב ודבש, ענלעך צום גריכישן דיאָניס, צום רוימישן וואַקך. ווען די יידן זיינען געקומען קיין פּאַלעסטינע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנפליקט, צווישן די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע רעליגיעזע אָנשויונגען און דערמיט ווערן עקלערט די אָפטע דערציילונגען ספּעציעל אין שופטים, וועגן דעם, ווי די יידן פלעגן אָנהויבן דינען עבודה זרה ווי נאָר זייער פירער איז געשטאָרבן. בעל איז געוואָרן אויף אַ נאַטירלעכן אופן דער גאָט פון די רייכע, הערשנדיקע און דאַריבער לעבנסלוסטיקע מענטשן — וישמן ישורון ויבעט. יהוה איז געבליבן דער גאָט פון די נידעריקע, אָרימע, פאַרשקלאַפטע פאָלקס-מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין עולם הזה און געשטרעבט צו גערעכטיקייט — צום עולם הבא. די סאָציאַלע קעגנזאַצן האָבן זיך אויסגעדריקט אין קאַמף צווישן בעל'ן און יהוה.

ב). די נביאים.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון די אונטערדריקטע, באַזיצלאָזע, די בעסערע, עטיש-העכערע יחידים, האָבן קודם-כל אָנגעהויבן פאַרטיידיקן יהוה'ן קעגן בעל'ן, די אונטערדריקטע פאָלקס-מאַסע האָט געפונען אירע אידעאָלאָגן, אירע וואָרטזאָגערס — די נביאים, וואָס זיינען געוואָרן לערער פון פאָלק. די נביאים האָבן געקעמפט פאַר דער ריינקייט פון דער יידישער רעליגיע, פאַרן אומקערן זיך צום ריינעם באַגריף פון יהוה — דעם גאָט פון שטרענגער גערעכטיקייט. זיי האָבן געקעמפט פאַר דער פאַרטיפונג פון פאָלקס-מאָראַל, פאַר יושר און גערעכטיקייט אין מענטשלעכע באַציונגען, אָבער פונקט אַזוי ווי אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן די אַפּאָסטלען ... ציעלע פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער קירכע פאַרפאָלגט די אידעאַליסטישע קריסטן, וואָס האָבן געפּרעדיקט דעם ריינעם אורשפּרינגלעכן קריסטנטום.

אַזוי זיינען אויך בײַ די יידן די אָפּיציעלע פאָרשטייער פון דער רעליגיע — די כהנים, אַרויס קעגן די נביאים, ווייל די לעצטע האָבן קיין ווערט נישט גע־לייגט אויף די אויסערלעכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, אויף די קרבנות, וואָס האָבן אַזוי גוט געשפּייזט די כהנים. אַזוי געפינען מיר ביי ירמיהו: „די כהנים פרעגן נישט וואו איז דער הער, די הערשן אויף אייגענער האַנט" (קאַפּ. כו). יחזקאל: „די כהנים פירן נישט אויס מיינע געזעצן, זיי זיינען מחלל מיין הייליקטום" (קאַפּיטל כב, כו). צפניה: „די כהנים האָבן מחלל געווען דאָס הייליקע און פאַרגעוואַלטיקט דאָס געזעץ" (קאַפּ. ג, ד). ישעיהו טרעט אַרויס ווייער ענערגיש קעגן די קרבנות: „וואָס דאַרף איך אייערע קרבנות, זאָגט יהוה", (ישעיהו א. קאַפּ. יא, יב). פאַר די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען זיינען די נביאים געוואָרן גערודפט מצד די כהנים און דער רעגירונג.

אין קאַמף קעגן דער אָפּיציעלער רעליגיע האָבן די נביאים אַרויסגעשטעלט זייער באַגריף פון גאָט, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קרבנות און אין אויסערלעכע צע־רעמאָניעס, נאָר וואָס פאָדערט אין די קעגנזייטיקע באַציונגען פון די מענטשן יושר און גערעכטיקייט. אַזוי אַרום איז ביי די נביאים יהוה געוואָרן פון אַ לאָ־קאַל־גאָט דער אַלגעמיינער גאָט פון גערעכטיקייט; און ווייל פּאַלעסטינע איז געשטאַנען, אַ דאַנק איר פּאָליטיש־געאָגראַפישע לאַגע, אינם צענטר פון דער וועלט־פּאָליטיק, האָבן די נביאים געזען די תשוקות פון די גרויסע מלו־כות, וואָס האָבן איבער דעם קאָפּ פון די יידן געקעמפט פאַר דער וועלט הער־שאַפט. זיי האָבן אויך געזען ווי די גרויסע מלוכות האָבן פאַרביטן איינע די צווייטע אויף דער וועלט־אַרענע, און זייער בליק האָט זיך אויסגעדענט איבער דער וועלט. ער איז אַרויסגעוואַקסן איבער די ענגע ראַמען פון דעם קליינעם פּאַלעסטינע. זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון דער גאַנצער מענטש־הייט. פון יידישע בירגער זיינען זיי געוואָרן וועלט־בירגער. נישט אויפהערענדיק דערביי צו זיין יידישע פּאַטריאָטן — זיי זיינען געוואָרן די טיפּישע אינטער־נאַציאָנאַליסטן — אָבער נישט קאָסמאָפּאָליטן. זיי האָבן געזען דאָס שלעכטס און די אומגערעכטיקייט אין די באַציונגען צווישן איינציקע מענטשן און גרופּן, און שפּעטער אויך אין די באַציונגען צווישן פעלקער און מדינות. דער גאָט פון גערעכטיקייט וועט אַ סוף מאַכן צו די אינערלעכע אייגנטום קעגנזאַצן, ער וועט אויך אַ סוף מאַכן צו די אויסערלעכע מלחמות; עס וועט אָנקומען די הערשאַפט פון גאָט, יהוה, וואָס וועט דורך די יידן ווערן דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט.

„די נביאים האָבן אָנגעהויבן מיטן ריין לאָקאַלן קאַמף פאַר די אונטער־דריקטע, זיי האָבן געענדיקט זייער אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג מיט דער עטישער וועלט־מיסיע"[1].

אַ גאַנצע ריי פון נביאים האָבן געפּרעדיקט די אידייע פון דער גערעכטיקייט

[1]) מ. בעער I טייל, זייטע 20.

און אַרויסגעטריבן קעגן די רייכע, וואָס אונטערדריקן די אָרימע. ישעיהו דער ערשטער, ירמיהו, יחזקאל און אַ גאַנצע רייע נביאים, קלענערע לויט זייער מאַטעריעל־פּאָליטישן גייסט, האָבן געמוסרט דאָס פֿאָלק און געמאָלן אין בולטע קלאָרע ווערטער דאָס בילד פֿון אַ ליכטיקער צוקונפֿט. דער סאָציאַלער מאָמענט טרעט אַם בולטסטן אַרויס ביי ישעיהו דעם ערשטן (700 יאָר פֿאַר קר. געבורט). „ווי איז צו די, וואָס רוקן צונויף די הייזער איינס צום צווייטן, איין פֿעלד צום אַנדערן, אַז ס'בלייבט מער קיין אָרט פֿאַר קיינעם נישט, און זיי ווערן אַליין די באַזיצער פֿון לאַנד"[1]. „ווי איז די געזעצגעבער, וואָס מאַכן אומגערעכטע געזעצן און גיבן אַרויס אומגערעכטע פּסקי־דין, כּדי צו פֿאַרבויגן דאָס רעכט פֿון די באַזיצלאָזע און צו צעדריקן די אָרימע פֿון מיין פֿאָלק, כּדי צו מאַכן די אַלמנות און יתומים פֿאַר דעם אָביעקט פֿון אויסבייטונג מצד די רייכע"[2]. און דאַריבער האָט ישעיהו געדראָט דאָס פֿאָלק מיט אומגליקן און ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ ציים, ווען „די נידריקע וועלן ווידער אַ פֿרייד האָבן אין גאָט און די אָרימע צווישן מענטשן וועלן זיך פֿרייען מיט ישראל'ס הייליקטום, ווייל אַ סוף וועט זיין צו די טיראַנען און די האַרטהערציקע וועלן אומגעראָטעט ווערן"[3]. ירמיהו (600 יאָר פֿאַר קריסטוס געבורט), דער נביא מיט גרויסן האַרץ און פֿול מיט ליריק, זאָגט: איך געדענק דאָס גנאָד, וואָס איך האָב מיט דיר געטאָן אין דיין יוגנט, ווען די האָסט מיר געפֿאָלגט אין מדבר, אין לאַנד, וואו מען זייעט נישט;... איך האָב אייך געבראַכט אין לאַנד פֿון כּרמל, כּדי איר זאָלט געניסן די פֿרוכט און די גוטער פֿון דעם לאַנד. און אַז איר זייט אַריינגעקומען, האָט איר פֿאַראומרייניקט מיין לאַנד און מיין נחלה פֿאַראומווירדיקט"[4].

מיט ווייניקער פּאַטאָס, פּשוטער, אָבער נענטער צו דער ווירקלעכקייט האָט גערעדט יחזקאל (560 פֿאַר קריסטוס). דערפֿאַר מאַכט רופֿט איט נאָט בן־אָדם: „ווי איז צו די פּאַסטוכער וואָס פֿוטערן זיך אַליין אַנשטאָט צו פּאַשן די סטאַדע, איר פֿרעסט אויף דאָס פֿעטע, איר קליידעט זיך אין דער וואָל און איר שחט די געשטאָפּטע, אָבער די שאָף פֿירט איר נישט פֿוטערן, איר היילט

1) ישעיהו: „הוי מגיעי בית בבית, שדה בשדה יקריבו עד אפס מקום והושבתם לבדכם בקרב הארץ". — קאַפּ. ה, פּסוק ד.

2) הוי החוקקים חקקי און ומכתבים עמל כתבו; להטות מדין דלים ולגזל משפט עניי עמי, להיות אלמנות שללם ואת יתומים יבוזו". — קאַפּ. י, פּסוק א–ב.

3) ויספו ענוים ביהוה שמחה ואביוני אדם בקדוש ישראל יגילו; כי אפס עריץ וכלה לץ ונכרתו כל שקדי און". — ישעיה, קאַפּ. כט, פּסוק, יט—כ.

4) זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולתיך, לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה... ואביא אתכם אל ארץ הכרמל לאכל פריה וטובה ותבאו ותטמאו את ארצי ונחלתי שמתם לתועבה". — (ירמיהו קאַפּ. ב, פּסוק ב—ז).

נישט די קראַנקע, איר פאַרבינדט נישט די פאַרוואונדעטע, די פאַרבלאָנדזשעטע פירט איר נישט צוריק און די פאַרלוירענע זוכט איר נישט אויף, נאָר הארט און אָן האַרץ הערשט איר איבער זיי. דעריבער האָט גאָט אַזוי געזאָגט: „איך וועל משפּט'ן צווישן פעטע און מאָגערע שאָף, ווייל איר טרעט מיט די פיס, איר שטויסט מיט די הערנער, ביז איר שטויסט זיי ארויס אינגאנצן, וועל איך העלפן מיין עדה בכדי זי זאָל נישט ווערן צום רויב"[1].

ביי יחזקאל'ן פאַרוואנדלט זיך דער פּראָטעסט קעגן הוה אין נביאות וועגן עתיד, עטוואס שפּעטער אנטשטייט אויך דער געדאנק פון דער מיסיע פון יידישן פאָלק. יחזקאל מאָלט א בילד פון גאָטס-מלוכה, וואו דער הויפּט-יסוד איז די גלייכקייט פון מענטשן אין אייגנטום „און איר זאָלט דאָס לאנד גלייך צוטיילן, איינעם ווי דעם צווייטן... און ווען איר וועט וואַרפן גורל בכדי צו צעטיילן דאָס לאנד צווישן זיך, זאָלט איר די פרעמדע, וואָס וואוינען צווישן אייך, האלטן גלייך ווי די אייגענע פון די קינדער ישראל. זיי זאָלן אויך האָבן זייער חלק אין ערד, יעדער אין דעם שבט, וואו ער וואוינט"[2].

ישעיהו דער צווייטער (540 יאָר פאַר קריסטוס) זאָגט: גאָט'ס גייסט שוועבט איבער מיר, ווייל ער האָט מיך געזאַלבט. ער האָט מיך געשיקט די אָרימע-לייט אָנצוזאָגן די פריילעכע בשורה, צו טרייסטן די צעבראָכענע הערצער, צו פרעדיקן די געפאנגענע די באַפרייונג און די געבונדענע די אויסלייזונג"[3].

דאָס געפיל פון גערעכטיקייט פאַרבונדן מיטן ליכטיקן עתיד ברענגט שוין צו דער אלגעמיינער אידייע פון אלגעמיינעם אייביקן שלום: „דער וואָלף וועט וואוינען צוזאַמען מיט די לעמעלעך און דער לעמפּארד וועט ליגן נעבן די שאָף און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן צוזאמען... די שווערטן וועלן אין אקערן פאַרוואנדלט ווערן, די שפּיזן וועלן איבערגעשמיד ווערן אין רייבמעסערס, ווייל קיין פאָלק וועט שוין נישט אויפהויבן דעם שווערט קיינן אַנדערן און די פעלקער וועלן מער נישט לערנען קיין מלחמה"[4].

---

1) הוי, רועי ישראל, אשר היו רעים אותם, הלוא הצאן ירעו הרעים; את החלב תאכלו ואת הצמר תלבשו, הבריה תזבחו, הצאן לא תרעו... את החולה לא רפאתם ולנשברת לא חבשתם ואת הנדחת לא השבתם ואת האבדת לא בקשתם ובחזקה רדיתם אותם ובפרך... לכן כה אמר ה' אלהים: הנני אני ושפטתי בין שה בריה ובין שה רזה; יען בצד ובכתף תהדפו ובקרניכם תנגחו כל הנחלות עד אשר הפיצותם אותנה אל החוצה. והושעתי לצאני, ולא תהיינה עוד לבז. — (קאַ. לד, פסוק ב—כב).

2) ונחלתם אותה איש כאחיו... והיה תפילו אותה בנחלה לכם ולהגרים הגרים בתוככם... והיו לכם כאזרח בבני ישראל. אתכם יפילו בנחלה בתוך שבטי ישראל; והיה בשבט אשר גר הגר אתו שם תתנו נחלתו. (קאַפּ. מז. פסוק יד — כב).

3) רוח יהוה עלי יען משח יהוה אותי לבשר ענוים, שלחני לחבש לנשברי לב לקרא לשבוים דרור ולאסורים פקח־קוח. — (סא. פסוק א).

4) וגר זאב אם כבש ונמר אם גדי ירבץ... ונער קטן נוהג בם... וכתתו חרבותיהם

די גרויסע אַגיטאַציע פֿון די נביאים, די אויפֿרעגונג פֿון די נידריקערע פֿאָלקס-מאַסן האָבן סוף כל סוף געצוואונגען די הערשנדיקע קלאַסן צו גיין אויף געוויסע הנחות לגבי די באַזיצלאָזע. אין סוף פֿון זיבטן יאָרהונדערט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוב צו רעפֿאָרמירן די געזעצגעבונג; דאָס בילדעט דעם אינהאַלט פֿון ויקרא און דברים פֿון חומש. ווייל נאָך אַלע ביבלישע אויספֿאָרשונגען באַציט זיך דער מאָזאַאיזמוס און דער גאַנצער חומש נישט צום אָנהויב פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון די יידן, נאָר צו דער צייט קרוב פֿאַר דעם אונטערגאַנג פֿון זייער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. די נייע רעפֿאָרמירטע געזעצן באַציִען זיך סיי אויף ציווילרעכט, סיי אויף קרימינאַלרעכט. אונדז אינטערעסירן דאָ די מאָמענטן אין דער געזעצגעבונג, וואָס שטייען נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. די הויפּט יסודות פֿון דער רעפֿאָרמירטער געזעצגעבונג זיינען געווען די רעוואָלוציע פֿון חובות און די נייע פֿאַרטיילונג פֿון גרונט און באָדן, קודם כל איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מען טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט און קיין פֿאָרם. לאָחיך לא תשיך[1]. אַ ייד קען נישט זיין קיין קנעכט, ער קען נאָר אָבדינען אַ געוויסע צייט פֿאַרן חוב. אָבער מען דאַרף אים באַהאַנדלען ווי אַ געדונגענעם אַרבעטער און נישט ווי אַ קנעכט[2]. עס איז באַגרענעצט געוואָרן דאָס רעכט אויף אַ משכון. ווען דער בעל-חוב גייט נאָך אַ משכון זאָל ער נישט אַריינקומען צום לוה, נאָר וואַרטן ביז יענער וועט אים אַרויסטראָגן דעם משכון[3]. די שכירות האָבן געמוזט באַצאָלט ווערן פּינקטלעך[4]. צדקה איז געוואָרן אַ פּלירט, ווי בכלל באַרמהערציקייט און גוטע באַציונג צו די אָרימע. צו דעם געביט פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג געהערן די אינסטיטוטן פֿון לקט, שכחה און פּאה.

נאָך ראַדיקאַלער איז געווען די געזעצגעבונג בנוגע די ערד-באַציונגען. עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן דער פֿופֿציקסטער יאָר יובל, ווען דער גאַנצער באָדן מוז זיך אומקערן צו זייערע אורשפּרינגלעכע בעלי-בתים (ויקרא כה).

לאתים, וחניתותיהם למזמרות. לא ישאו גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה. — (ישעיהו ב. פּסוק ד., מיכה ד. פסוק ג).

[1]) לא תשיך לאָחיך נשך כסף, נשך אכל, נשך כל דבר אשר ישך; לנכרי תשיך ולאָחיך לא תשיך. (דברים, כג, 21).

[2]) וכי ימוך אָחיך עמך ונמכר לך לא תעבוד בו עבודת עבד; בשכיר, כתושב יהיה עמך עד שנת היבל יעבד עמך. (ויקרא, כה, 39).

[3]) בחוץ תעמד והאיש, אשר אתה נשה בו יוציא אליך את העבוט החוצה. (דברים, כד, 11).

[4]) ביומו תתן שכרו ולא תבא עליו השמש כי עני הוא ואליו הוא נושא את נפשו (דברים, כד—15).

עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן דאָס זיבעטע שמיטה־יאָר[1], ווען אַלע חובות ווערן בטל און אַלע קנעכט פֿאַר חובות ווערן פֿריי געלאָזן.

עס זיינען אָבער דאָ באַווייזן, אַז די דאָזיקע גאַנצע סאָציאַלע געזעצגעבונג איז נאָר אַ רצון און זי איז נישט דורכגעפֿירט געוואָרן אין לעבן. שוין ביי ירמיהו׳ן וואָס האָט געלעבט נישט לאַנג נאָך דער איינפֿירונג פֿון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג געפֿינען מיר אַנקלאַגן, אַז די געזעצן ווערן נישט אָבגעהיט. ביי נחמיה׳ן (אַן ערך אין יאָר 500 פֿאַר קריסטוס געבורט) געפֿינען מיר ווידער אָנקלאַגן, אַז דאָס פֿאָלק ליידט פֿון דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון אייגענע ברידער, אַז יידן זיינען קנעכט פֿאַר חובות ביי יידן, אַז די וויינגאָרטנס און די אַקערבוי־פֿעלדער זיינען פֿאַרזעצט פֿאַר אַ משכון ביי רייכע יידן. דער תלמוד, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין אַ קאָדיפֿיצירונג פֿון דער געזעצגעבונג און וואָס איז שוין בראשו־ורבו געשטאַנען אויפֿן באָדן פֿון פּריוואַט־אייגנטום און מסחר, האָט שוין סאַנקציאָנירט דאָס נישט איינהיטן דאָס שמיטה־יאָר. די משנה (גיטין 4, 3) זאָגט: „ווען מען זאָל אָפּהיטן די שמיטה, וועט מען דערמיט פֿאַרשליסן די טירן פֿאַר די לוה׳ס״, ווייל קיינער וועט דאָך קיין געלט נישט לייען, ווען דאָס שמיטה־יאָר וועט זיין נאָענט. בכדי דאָס אויסצומיידן האָבן די תלמידי חכמים באַשלאָסן דאָס גאַנצע געזעץ מבטל צו מאַכן. פֿון דער גאַנצער סאָציאַלער געזעצגעבונג, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען און אַ גרויסער מאָס מיט קאָמוניסטישע אידייען זיינען פֿאַרבליבן נאָר עטישע באַשטימונגען, רחמנות און נוטע באַציונג צו די אָרימע לייט און בכללברייטע צדקה־פֿילאַנטראָפּישע פֿאַרשריפֿטן.

G. די איסיים.

יעדע עפּאָכע אָבער, האָט אירע געניאַלע מענטשן, וועלכע פֿאָרמולירן מער אינטואיטיוו די פֿאָדערונגען פֿון דער מאַסע. וואָס ווייטער אָבער, ווערט די אידייע דאָס אייגנטום פֿון אַ גרעסערן קרייז מענטשן, וואָס פּרובן זי דורכצופֿירן אין לעבן. די פּרינציפּן פֿון קאָמוניזם ביי די נביאים האָבן אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער פֿאַרווירקליכט צו ווערן אין לעבן דורך די איסיים (מיט אַ 100 יאָר פֿאַר קריסטוס געבורט). זייער כאַראַקטעריסטיק געפֿינען מיר, אין אַן אויסשעפּענדער מאָס ביי פֿילאָנען און ביי יוסף פֿלאַוויי. פֿילאָן דערציילט: „אין פּאַלעסטינע לעבן ביז 4000 ערלעכע מענטשן, וואָס מען רופֿט זיי איסיים. זיי לעבן און די דערפֿער און מיידן אויס די שטעט צוליב דעם, וואָס די שטאָטישע איינוואוינער קענען זיך נישט באַהערשן. אייניקע פֿון זיי באַשעפֿטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט. אַנדערע זיינען בעלי־מלאכות און אַזוי

[1] מקץ שבע שנים תעשה שמיטה (דברים, טו—1).

אַרום העלפֿן זיי אײנער דעם צווייטן און זייערע נאָענטע. דערביי זאַמלען זיי נישט קיין גאָלד און זילבער, שטרעבן נישט צו נחלאות, בכדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן גרעסערע הכנסות. זיי באַמיען זיך נאָר צו באַפֿרידיקן די נויטווענדיקסטע באַדערפֿענישן. אַזוי זיינען זיי כמעט די אײנציקע צווישן אַלע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אײגנטום, נישט דערפֿאַר, ווייל זיי גייט שלעכט, נאָר ווייל זיי שטרעבן נישט צו קיין עשירות, און דאָך זיינען זיי באמת די רייכסטע, ווייל ביי זיי פֿאַרבייט דאָס רייכטום די קליינע באַדערפֿענישן און די צופֿרידנקייט מיט זייער גורל. צווישן זיי קען מען נישט געפֿינען קיין בעלי־מלאכות פֿון פֿיילן, וואַרפֿשפּיזן, שווערטן, העלמען, אָרעם־באַשיצערס, אָדער שילדן, אויך קיינע געווערשמידן; קיין אײנעם וואָס זאָל זיך באַשעפֿטיקן מיט מאַכן קריגסמאַשינען, אָדער בכלל מיט עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו מלחמה. עס פֿאַלט זיי גאָר נישט איין צו חלומען וועגן מסחר, שענקעריי אָדער שיף־וועזן, ווייל זיי ווילן גאָר נישט וויסן דערפֿון, וואָס קען זיין אַ סבה צו באַגערן; עס איז נישטאָ צווישן זיי קיין איין קנעכט. אַלע זיינען פֿריי און אַרבעטן אײנער פֿאַרן אַנדערן; זיי אַנערקענען נישט קיין הערשן און רעגירן, נישט נאָר דערפֿאַר ווייל דאָס באַשאַפֿט אויף אַן אומגערעכטן אופֿן די אומגלייכקייט, נאָר אויך ווייל דאָס איז קעגן גאָט און קעגן דער נאַטור, וואָס דערציט און דערנערט אַלעמען ווי אַ מוטער אַלס אמת׳ע און ליבלעכע ברידער. און די ליסטיקייט און באַגער צעשטערן די דאָזיקע קרובהשאַפֿט און רופֿן אַרויס אַנשטאָט נאָענטקייט — פֿרעמדקייט און אַנשטאָט פֿריינדשאַפֿט — שנאה. די איסיים האַלטן פֿון די פּרינציפּן פֿון פֿרומקייט, הייליקייט און גערעכטיקייט, הן ביי זיך אין דער היים, הן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און וויסן צו אונטערשיידן, וואָס גוט און וואָס שלעכט. דערביי באַנוצן זיי די דריי עטישע באַגריפֿן אָדער גילדער־פּרינציפּן: ליבע צו גאָט, צו צדקות און צום מענטשן. אַלס קאָנקרעטע ערשיינונגען פֿון מענטשן־ליבע האַלטן זיי מקבל־פּנים זיין יעדן בסבר פּנים יפות, מעשים טובים און דאָס געמיינזאַמע אײגנטום, וואָס ווערט ביי זיי ביז גאָר אָפּגעהיטן. און וועגן וואָס מען דאַרף נאָך צוגעבן: לכתחילה האָט קיינער נישט קיין אײגן הויז, וואָס זאָל נישט צוגלייך אַלעמען געהערן. שוין נישט רעדנדיק דערפֿון, וואָס זיי לעבן געזעלשאַפֿטלעך צוזאַמען, איז יעדעס הויז אָפֿן דעם פֿרעמדן, וואָס קומט פֿון וויט. אַלע שפּייכלערס מיט די פּראָדוקטן געהערן אַלעמען גלייך; אויך די קליידער זענען געמיינשאַפֿטלעך, ווי אויך דאָס עסן פֿאַר די, וואָס עסן באַזונדער, נישט צוזאַמען, און בכלל קען מען אין ערגעץ נישט געפֿינען אַזאַ פֿולקאָם געמיינשאַפֿטלעך לעבן, עסן און וואוינען, ווי ביי זיי. ווייל דאָס, וואָס זיי פֿאַרדינען איבערן טאָג, דאָס באַהאַלטן זיי נישט פֿאַר זיך, נאָר ברענגען עס צוזאַמען און שטעלן עס צו צום געמיינשאַפֿטלעכן געברויך פֿאַר די יעניקע פֿון זיי, וואָס דאַרפֿן זיך דערמיט באַנוצן. קראַנקע און אַלטע ווערן באַהאַנדלט מיט

דער גרעסטער זאָרגפאַלטיקייט און גוטסקייט". פילאָן דערציילט ווייטער, אַז די איסיים ווערן זער געאַכטעט. „אפילו די ערגסטע הערשער און פראָקאָנסולן קענען זיי גאָרנישט פאָרוואַרפן. זיי רוקן זיך מיט דרך־ארץ אָב פאַר זייער ריינעם צדקות און באַטראַכטן זיי פאַר מענטשן וואָס זיינען באַרעכטיקט צו באַשאַפן געזעצן פאַר זיך אַליין און וואָס זיינען פריי פון דער נאַטור. זיי האָבן געריממט זייער בשותפותדיקן צוזאַמענלעבן און בפרט זייער געמיינזאַמען אופן פון אייגנטום, וואָס איז העכער פון יעדן לייד און וואָס איז יעדנפאַלס דער בעסטער סימן פון פולקאָמען גליקלעך לעבן".

יוסף פלאַוויי דערציילט וועגן די איסיים פאָלגנדעס: זיי פאַראַכטן דאָס עשירות, און וואונדערלעך איז ביי זיי דאָס געמיינזאַמע לעבן; צווישן זיי איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זיין רייכער פאַרן צווייטן. און ווייל זיי האָבן אַ געזעץ, אַז יעדער, וואָס וויל אַריינטרעטן אין זייער געזעלשאַפט, מוז אָבגעבן זיין אייגנטום פאַרן געמיינזאַמען געברויך, און דעריבער קען מען נישט ביי זיי באַמערקן קיין עשירות און נישט קיין דחקות. אַלץ איז ביי זיי בשותפות, ווי ביי ברידער... זיי לעבן נישט צוזאַמען אין איין אָרט און האָבן אין פאַרשידענע ערטער באַזונדערע הייזער, און אויב פון אַנדערע מקומות קומען מענטשן, וואָס געהערן צו זייער געזעלשאַפט, טיילן זיי זיך מיט זיי מיט זייער האָב און גוטס און די דאָזיקע מענטשן קענען געניסן, ווי פון זייער אייגנטום. אָן שום טענות קומען זיי צו זייערע חברים, זיי האָבן אפילו ביז דאַן געקענט נישט זען איינער דעם אַנדערן, און פירן זיך אַזוי אויף, ווי זיי וואָלטן געווען דאָס גאַנצע לעבן נאָענט באַקאַנט. לאָזנדיק זיך אין וועג נעמען זיי מיט זיך גאָרנישט מיט, אַחוץ געווער צו באַשיצן זיך פון גזלנים. אין יעדער שטאָט איז דאָ זייער אַ ספּעציעלער מענטש, וואָס גיט אַרויס קליידער און שפייז די אָנגעקומענע פון פרעמדע ערטער. זיי האַנדלן נישט איינער מיטן אַנדערן און אויב עמיצער גיט עפּעס דעם וואָס נויטיקט זיך, נעמט ער ווידער ביי יענעם, וואָס ער דאַרף, און אויב דער באַדערפטיקער קען גאָרנישט געבן, קען ער דאָך נעמען אַלץ וואָס ער דאַרף, ביי וועמען ער וויל".

מיר זעען אַלזאָ, אַז ביי די איסיים האָט דער קאָמוניזם אָנגענומען גאַנץ קאָנקרעטע פאָרמען, ער האָט זיך אָבער נישט געקענט האַלטן אַ דאַנק דעם אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער זיינעם (זע ווייטער).

II.

דער קאָמוניזם ביי די גריכן.

א). אַלגעמיינע באַמערקונגען.

אויך ביי די גריכן הויבט זיך אָן דער קאָמוניזם צו באַווייזן, נאָכדעם ווי די אורשפּרינגלעכע קאָמוניסטישע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן זיינען דערשיטערט געוואָרן און אויף זייער אָרט האָבן זיך אויסגעבילדעט נייע פּראָדוקציע־באַציאונגען, וואָס האָבן דאָס פאָלק — דאָס גריכישע פאָלק גופא, פון שקלאַוון אָפּגערעדט — פאַנאַנדערגעטיילט אויף אָרימע און רייכע.

שוין אין האָמער'ס „אָדיסיי" געפינען מיר רמזים וועגן דעם אוראַלטן קאָמוניזם און אינם 8־טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, געפינען מיר ביי העזיאָדן, א שאַרפע קריטיק פון דער הערשנדיקער קלאַסן־צעטיילונג. אינם 6־טן יאָרהונדערט האָבן טעאָגניס פון מעגאַרא און דער לעבנסלוסטיקער אַנאַקרעאָן, געשילדערט די קלאַסן־קעגנזאַצן. אינם 5־טן יאָרהונדערט זאָגט דעמאָסטען, אין איינע פון זיינע רעדעס: „אין די פריערדיקע צייטן איז געווען אַנדערש ווי איצט. דעמאָלט איז אַלץ, וואָס האָט געהערט צו דער מלוכה, געווען רייך און גלענצנד. אָבער צווישן די בירגער האָט זיך קיינער נישט אונטערשיידט פון צווייטן מיט זיין אויסערלעכן אויסזען. יעדער איינער פון אייך קען זיך נאָך איצט מיט די אייגענע אויגן איבערציינגן, אז די וואוינונגען פון טעמיסטאָקלס, מילטיאַדס און פון אַלע גרויסע מענטשן פון דער אַלטער צייט, זיינען נאָר נישט געווען שענער פאַר די וואוינונגען פון זייערע מיטבירגער. אָבער די געזעלשאַפטלעכע געביידעס און דענקמאָלן פון יענער צייט, זיינען געווען אַזוי גרויסאַרטיק און פּראַכטפול, אז זיי וועלן אויף אייביק בלייבן ווי אויסנאַמען... און איצט זיינען דאָ מלוכה־באַאַמטן, וועמענס פּריוואַטע וואוינונגען עם שטייגן מיט זייער פּראַכט פיל מאָל איבער אַסאַך מלוכה׳ישע געביידעס און וועלכע האָבן זיך צונויפגעקויפט אַזעלכע גרויסע נחלאות, אז די אַלע פעלדער, וועלכע געהערן צו אייך, וואָס איר זיצט דאָ ווי שופטים, קענען זיך אין שטח נישט פאַרגלייכן מיט זיי. דערפאַר אָבער, איז אַלעס, וואָס די מלוכה בויעט איצט, אַזוי קליין און נישטיק, אַז עס איז אַפילו א חרפה דערפון צו רעדן".

אין דעמאָסטענס לעצטע ווערטער ליגט שוין, אין א געווויסן מאָס, די

כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם גריכישן קאָמוניזם. בשעת די יידישע נביאים זיינען צום סוף דערגאַנגען צו דער גרויסער אידיי פֿון אַלגעמיינעם פֿרידן, צו דער טאָלעראַנץ צום פֿרעמדן (יחזקאל), צו דער אלמענטשהייט, צו דעם אָמת'ן אינטערנאַציאָנאַליזם, געפֿונט מען דאָס נישט ביי די גריכישע קאָמוניסטן. פֿאַר זיי ווערט דער ענדציל דער גאַנצער אָמת און נישט דער אינדיווידואום. אָבער דאָס גאַנצע איז נישט די מענטשהייט, נאָר דאָס פֿאָטערלאַנד, די מלוכה. אָבער אַפֿילו אין דעם איז דאָ אַן אונטערשיד צווישן די קאָמוניסטישע פּראַקטיקער פֿון ספּאַרטאַ (לאַקעדעמאָן) און די קאָמוניסטישע טעאָרעטיקער פֿון אַטען. בשעת פֿאַר די ערשטע עקזיסטירט נאָר ספּאַרטאַ און די איבעריקע גריכישע מלוכה־טיילן גייען זיי ווייניק אָן, (דאָס ערקלערט זיך טאַקע מיט זייער פּראַקטיציזם: דורכצופֿירן קאָמוניסטישע עקספּערימענטן איז מעגלעך געווען נאָר אין אַ קליינעם מאָסשטאַב) דערהויבן זיך די קאָמוניסטישע פֿילאָזאָפֿן פֿון אַטען ביז אַלגריכנלאַנד. אָבער, סיי פֿאַר די ערשטע, סיי פֿאַר די צווייטע, איז דער פֿרעמדער אַ באַרבאַר. אָפֿטמאָל אַ קנעכט. וועמענס גורל עס גייט זיי גאָר נישט אָן; אדרבה, די פֿרעמדע ווערן אָפֿטמאָל באַטראַכט ווי אַ שטענדיקער באַשטאַנדטייל פֿון דער מלוכה, וואָס גיט די הויכגעבוירענע בירגער די מעגלעכקייט צו זין פֿריי פֿון אַרבעט (פּלאַטאָן). דעם געדאַנק פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם ביי די גריכישע פֿילאָזאָפֿן געפֿונען מיר נאָר ביי די סטאָיקער.

ב). דער קאָמוניזם אין ספּאַרטאַ.

ביי די אַריסטאָקראַטן־ספּאַרטאַנער, וואָס זיינען געווען אַ שבט פֿון אַקערבויער און וואָס צוליב דעם האָט זיך ביי זיי נישט אַנטוויקלט דער האַנדל און שיפֿבוי (בער), האָט זיך דער קאָמוניזם לענגער געהאַלטן און זיי האָבן אין די לעצטע צייטן פֿון זייער עקזיסטענץ אַפֿילו געלעבט אין אַ קאָמוניסטישער געמיינשאַפֿט. בעת עס האָבן זיך שטאַרק פֿאַרערגערט די אייגנטומס־באַציונגען אין אַלטן ספּאַרטאַ, האָט ליקורג (די צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט איז נישט פֿעסטגעשטעלט) איינגעפֿירט קאָלאָסאַלע שנוים אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס האָבן עס פֿון גרונט אויס געענדערט. קודם־כל האָט ער, לויט עס דערציילט פּלוטאַרך, אויף דאָס ניי צעטיילט דעם באָדן אין 39.000 גלייכע נחלאות, לויט דער צאָל פֿון די בירגער. ער האָט אָפּגעשאַפֿט דאָס גאַנצע גאָלדענע און זילבערנע געלט און האָט איינגעפֿירט גרויסע אייזערנע מטבעות. דאָס געלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז צו אַ סומע פֿון 10 מינען, אַן ערך פֿון 900 דייטשע מאַרק, (לויטן ווערט פֿון אַפּריל 1922), האָט מען געדאַרפֿט צו האָבן אַ באַזונדער צימער

און, א געשפּאַן מיט 2 פערד. האַנדל און שיפֿערײַ האָט ער פֿאַרבאָטן. ער האָט אײַנגעפֿירט א בשותּפֿות'דיק אײַנפֿאַך עסן פֿאַר אַלע. עס איז געשענקט געוואָרן א גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער קינדער־דערציונג, ובפֿרט אויף דער פֿיזישער, וואָס איז געווען גלייך פֿאַר ביידע מינים. געזונטע קינדער האָט מען געלאָזט לעבן, שוואַכע און קרענקלעכע האָט מען געהאַרגעט. ליקורג האָט אַפֿילו געהאַלטן פֿון געמיינשאַפֿטלעכער קינדער־דערציונג. „בכלל — זאָגט פּלוטאַרך — האָט ליקורג צוגעוואוינט זײַנע בירגער דערצו, אז זיי האָבן נישט געפֿירט און זיך אויך נישט געוואונטשן קיין אָפּגעזונדערט פּריוואַט־לעבן; זיי האָבן געפֿילט דעם ענגן צוזאַמענהאַנג מיטן כלל, אַזוי ווי די בינען און האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט זייער קעניג, און פֿון באַגײַסטערונג און כבוד האָבן זיי פֿאַרגעסן אין זיך און האָבן געלעבט נאָר פֿאַרן פֿאָטערלאַנד".

די ליקורגישע געזעצן זענען אָבער נאָך געווען ווײַט פֿון קאָמוניזם. בעער זאָגט גאַנץ ריכטיק, אז דער ספּאַרטאַנישער „קאָמוניזם איז געווען נאָר די געמיינזאַמקייט פֿון באַזיץ און פֿון געברויך, אָבער נישט פֿון דער פּראָדוקציע. דאָס איז נישט געווען קיין דערציונג נאָר א דרעסירונג און צוכט פֿון אריסטאָקראַטן און מיליטער־לײַט". פֿאַרשטייט זיך אָבער, אז דער דאָזיקער אופֿן פֿון געמיינזאַמען לעבן האָט די ספּאַרטאַנער פֿיל געהאָלפֿן איבערצונעמען די העגעמאָניע איבער גאַנץ גריכנלאַנד, ספּעציעל נאָך די פּעלאָפּאָנעזישע מלחמות אין יאָר 404 פֿאַר קריסטוסן.

עס פֿאַרשטייט זיך, אז אַפֿילו אזא קאָמוניסטיש צוזאַמענלעבן האָט זיך נישט געקענט לאַנג אײַנהאַלטן אָן ענדערונגען, ווײַל ווי ווירטשאַפֿטלעך אָפּגעשלאָסן עס זענען געווען די מלוכות אין אַלטערטום, האָט אָבער ספּאַרטאַ געמוזט קומען אין אָפֿטער באַריִרונג מיט די אַרומיקע — זאָל זײַן אַפֿילו נאָר גריכישע — מדינות. און דאָס האָט אויך אין ספּאַרטאַ סוף כּל סוף געמוזט ברענגען צו ענלעכע אומשטאַנדן, ווי אין די איבעריקע גריכישע מדינות. פּלוטאַרך שרײַבט: „דער אָנהויב פֿון דער ירידה און צעשטערונג אין דער מלוכה פֿון די לאַקעדעמאָנער, הויבט זיך אָן פֿון יענע צײַטן, ווען זיי האָבן צעשטערט די הערשאַפֿט פֿון די אַטענער און האָבן זיך באַרײַכערט מיט גאָלד און זילבער. נאָך די פּערסישע (479—492) און פּעלאָפּאָנעזער (404—431) מלחמות. אַזאַ צושטאַנד האָט בײַ די בעסערע גײַסטער אין ספּאַרטאַ ווידער אַרויסגערופֿן א שטרעבן צוריק צום קאָמוניזם. פֿאַר אזא פּרואוו האָט אַפֿילו א ספּאַרטאַנישער מלך אַ ג י ס, אין יאָר 240, באַצאָלט מיטן לעבן. נ ע ר האָט איז אָן דער ערשטער מאַרטירער פֿאַרן קאָמוניזם. אָבער שוין מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, האָט א צווייטער מלך, ק ל ע אָ מ ע נ ע ס, אינם יאָר 235, דאָך דורכגעפֿירט די ווידער־פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון באָדן און געבראַכט אויפֿצולעבן די אַלטע ליקורגישע געזעצן, אָבער נאָכדעם ווי די מא־

צעדאָנער האָבן אים באַזיגט. האָבן זיך די פֿרויען געענדיקט און די מאַצעדאָנער האָבן אין ספּאַרטאַ ווידער איינגעפֿירט די נישט־קאָמוניסטישע געזעצן. אויך באַזיגט די ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג די פֿרויען פֿון איינצעלנע מענטשן, וואָס ווילן זיך שטעלן העכער פֿון זייער עפּאָכע און אָפּשטעלן דעם אומפֿאַרמיידלעכן גאַנג פֿון דער געשיכטע.

בײַ די גריכן איז געווען נאָך אַ בײַשפּיל פֿון אַ מין קאָמוניסטישן לעבן. דער סיציליִשער שרײַבער דיאָדאָר דערציילט, אַז אין יאָר 580 האָבן קנידיער און איינוואוינער פֿון אינזל ראָדאָס פֿאַרלאָזן זייער היימאַט און זיך באַזעצט אויפֿן אינזל ליפּאַרא (נעבן סיציליען) און צוזאַמען מיט די אָרטיקע איינוואוינער, האָבן זיי געבילדעט אַ קליינע מלוכה מיט בשותּפֿותדיקן אייגנטום און שותּפֿותדיקע סעודות. דעם באָדן האָבן זיי צווישן זיך איינגעטיילט אין גלײַכע חלקים אויף אַ משך פֿון 20 יאָר, וכדומה.

ס. די קאָמוניסטישע אידייען אין אַטען.

אין אַטען איז דער צערזעצונגס־פּראָצעס געגאַנגען אַסך שנעלער. אַטען איז אייגנטלעך דער בולטסטער בײַשפּיל דערפֿון, צו וואָס עס ברענגט אַ ריינער דעמאָקראַטיזם בײַ קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. צוגלײַך מיט דער פֿולשטענדיקער בירגער־גלײַכקייט, האָט עקזיסטירט די שקלאַווערײַ. אָבער אַפֿילו צווישן די גלײַכע בירגער האָט דער גרויסער האַנדל מיט אויסלאַנד באַשאַפֿן אין אַטען אַ גרופּע פֿון אויסערסט רײַכע מענטשן, פֿון וועמען עס זײַנען געוואָרן אָפּהענגיק, סײַ די קליינע קרעמער, סײַ די פֿרײַע אַרבעטער, און אַנטשפּרעכנד די דאָזיקע פּראָדוקציע־באַציונגען, האָט זיך אויסגעבילדעט די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון אייניקע רײַכע צווישן אַלע „גלײַכע". די דעמאָקראַטיע האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין דער אָליגאַרכיע, אָדער פּלוטאָקראַטיע.

און נאָר אַ דאַנק דעם, האָט געקענט אַנשטיין דער געדאַנק פֿון פֿילאָזאָפֿאָקראַטיע (די הערשאַפֿט פֿון די פֿילאָזאָפֿן), וואָס מיר געפֿינען בײַ פּלאַטאָנען. די אַריסטאָקראַטיע אין ספּאַרטאַ טויג נישט, די דעמאָקראַטיע אין אַטען האָט געבראַכט צו דער פּלוטאָקראַטיע; די פּלוטאָקראַטיע טויג נישט — מוזן די בעסטע, די געניאַלסטע מענטשן, די פֿילאָזאָפֿן, די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע קומען צו דער מאַכט.

אין דעם צוזאַמענהאַנג האָבן פֿאַר אונדז אַ באַזונדערן אינטערעס צוויי ווערק פֿון פּלאַטאָן (געבוירן 428 פֿאַר קריסטוסן) „די מלוכה" (פּאָליטעאַ) און „די געזעצן" (נאָמאָי). פֿאַרשידענע סאָציאַליסטישע היסטאָריקער שאַצן אָפּ

פאַרשווינדעריק דעם ווערט פון די דאָזיקע ווערק. אַזוי האַלט קויטסקי,[1] אַז די גאַנצע וויכטיקייט איז נאָר אין ערשטן ווערק, ווייל דאָרט איז דער קאָמוניזם אויסגעהאַלטן. דערגעגן לוצאַטאָ[2] זאָגט, אַז אויב אין ערשטן ווערק איז דער קאָמוניזם שטרענגער דורכגעפירט געוואָרן, דערפאַר אָבער „באַווייזן די „געזעצן" אַ קאָמפּראָמיס מיטן פּריוואַט־אייגנטום, דערפאַר אָבער אַנטהאַלטן זיי אַ סאָציאַלע פאַרזאָרגונג פון אַלע שיכטן פון פאָלק און דערנענטערן זיך אין אַ סך פּונקטן אַ סך מער צו אונדזער מאָדערנער אויפפאַסונג". אַזאַ אָפּשאַצונג איז, פאַרשטייט זיך, אַ פּועל־יוצא פון די סוביעקטיווע אָנשויונגען און פיל ריכטיקער איז די מיינונג פון בעערן, אַז די „פּאָליטעא" איז רעוואָלוציאָנער און „די געזעצן" — רעפאָרמיסטיש.

דער קאָמוניזם ביי פּלאַטאָנען אין דער „פּאָליטעאַ", איז באמת אַ קאָמוניזם נאָר פון די הערשנדיקע קלאַסן. „ווען דאָס פּריוואַט־אייגנטום — זאָגט ער — וועט אונטערגיין פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, וועט ביי זיי פאַרשווינדן דער חשק צו עקספּלואַטירן און אונטערדריקן דעם אַרבעטנדיקן קלאַס, דערמאָלט וועלן שוין די הערשנדיקע נישט זיין קיין וועלף — נאָר הינט צום היטן. זיי וועלן האָבן נאָר איין אויפגאַבע: פאַרטיידיקן דאָס פאָלק און פירן אים צו זיין וואוילטאָג". (קויטסקי). אָבער, דאָס פּריוואַט־אייגנטום בלייבט ביי די אַרבעטנדיקע קלאַסן, ביי די פּויערים און האַנדווערקער, ביי די קליינע און גרויסע סוחרים. אויפן חשבון פון די דאָזיקע קלאַסן לעבט דער הערשנדיקער קלאַס. פּלאַטאָנס קאָמוניזם „איז נישט די געמיינזאַמקייט פון פּראָדוקציע־מיטלען, נאָר פון די מיטלען פון גענוס און תענוג אין ברייטן זין פון וואָרט: דער קאָמוניזם פון געברויך", (קויטסקי). די צוגעהעריקייט צום הערשנדיקן קלאַס קען נישט איבערגיין בירושה. ווען עמיצער פון דעם קלאַס זאָל נישט אַנטשפּרעכן זיינע אויפגאַבן, דאַרף ער אַרויסגעוואָרפן ווערן, אָבער דער קלאַס מוז צו דער הערשאַפט אַנטשפּרעכנד דערצויגן ווערן. אָט וואָס עס זאָגט פּלאַטאָן אַליין וועגן דעם הערשנדיקן קלאַס:

„קודם־כל דאַרף קיינער פון זיי נישט האָבן קיין אייגנטום, אויב מען קען עס אויסמיידן, קיינער פון זיי דאַרף נישט האָבן קיין באַזונדערע וואוינונג, נישט קיין סקלאַד פאַר פאָראַטן, וואוהין עס זאָל נישט האָבן קיין צוטריט יעדער, וועד עס וויל. אָבער דאָס אַלץ אין וואָס עס קען זיך נויטיקן אַ טאַפּפערער, ווי אויך אַ געווינלעכער זעלנער, מוזן זיי באַקומען נאָך דער רייע פון די איבריקע בירגער, ווי שכר פאַרן שוץ, וועלכן זיי איבן אויס. זיי מוזן קריגן אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן זיך אין גאָרנישט נויטיקן, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, זאָל

[1] „דער פּלאַטאָנישער און אַלט־קריסטלעכער קאָמוניזם".
[2] „סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און סיסטעמען".

בּיי זיי אויך נאָרנישט בּלייבּן אויפן צווייטן יאָר. זיי מוזן לעבּן צוזאַמען, אַזוי ווי בשעת אַ מלחמה אין פעלד, און צוזאַמען עסן (סיסיטיעס). גאָלד און זילבּער, מוז מען זיי זאָגן, טראָגן זיי אַלעמאָל אין זייער נשמה, ווי אַ הייליקע מתנה פון די געטער, און דעריבּער נויטיקן זיי זיך נישט אין גאָלד און זילבּער פון מענטשן. זיי מוז זיין פאַרבּאָטן צו פאַראומרייניקן זייער געטלעך גאָלד מיט דעם צייטווייליקן גאָלד, ווייל מיט דעם נידריקן געלט טוט זיך אָפּ אַזוי פיל שלעכטס, בשעת דאָס גאָלד אין זייער נשמה איז ריין. נאָר זיי אַליין אין דער מלוכה דאַרף זיין פאַרווערט, צו האָבּן טון מיט גאָלד און זילבּער, צוצורירן זיך צו זיי, האָבּן זיי בּיי זיך אין וואוינונג, אָדער טראָגן אין די קליידער, אָדער טרינקן פון גאָלדענע און זילבּערנע כלים. אויבּ זיי אַליין וואָלטן געהאַט אין זייער בּאַזיץ אייגענעם בּאָדן און וואוינונגען און גאָלד, וואָלטן זיי געוואָרן הויז־בּאַזיצערס און גוט־בּאַזיצערס און נישט קיין היטער — שטרענגע הערשער, אָבּער נישט קיין חברים פון די איבּעריקע בּירגער; דאַן וואָלטן זיי געלעבּט שטענדיק צווישן שנאה און אומצוטרוי, מורא האָבּנדיק אַסך מער פאַרן אינערלעכן שונא, ווי פאַרן אויסערלעכן, און זיי אַליין און די גאַנצע שטאָט וואָלטן געקומען צום אָפּגרונד"[1]. די מענטשן טאָרן נישט האָבּן קיין פּריוואַטע אינטערסן, און דעריבּער „מוזן אַלע פרויען געהערן געמיינזאַם צו אַלע מענער און קיינע פון זיי דאַרף נישט לעבּן בּאַזונדער מיט איינעם. און די קינדער מוזן זיין געמיינזאַם, אַזוי, אַז דער פאָטער זאָל נישט קענען זיין קינד, און דאָס קינד זאָל נישט קענען דעם פאָטער"[2]. דערבּיי אָבּער דאַרפן צונויפקומען „די בּעסטע מענער מיט די בּעסטע פרויען, די ערגסטע מיט די ערגסטע. די קינדער פון די ערשטע דאַרף מען דערציען, די קינדער פון די צווייטע דאַרף מען נישט אויפהאָדעווען — בּכדי די געזעלשאַפט זאָל בּלייבּן אָן חסרונות; און דאָס אַליץ (דאָס רעגולירן פון די געשלעכטס־בּאַציונגען) דאַרף זיין פאַר אַלעמען אומבּאַוואוסט, אַחוץ די הערשער, בּכדי די געזעלשאַפט פון די היטער זאָל שטענדיק זיין וואָס ווייטער פון וכוחים"... די ניי־געבּוירענע קינדער נעמען צו זיך די אַנשטאַלטן, וואָס זיינען דערצו געשאַפן, וואָס בּאַשטייען פון מענער אָדער פרויען, אָדער פון מענער און פרויען, ווייל די דאָזיקע אַמטן זיינען צוגענגליך סיי פאַר מענער, סיי פאַר פרויען. די קינדער פון די בּעסערע מענטשן טראָגן זיי אַוועק אין הויז פאַר נייגעבּוירענע צו די דערציערינס, וואָס לעבּן אין אַ בּאַזונדער שטאָט־טייל, די קינדער אָבּער פון די ערגסטע מענטשן, ווי אויך קאַלעקעס דאַרפן זיין גוט בּאַהאַלטן אין אַן אומבּאַקאַנטן אָרט, אין אַ צוטריט. די רעגירונג וועט אויך זאָרגן וועגן

1) פלאַטאָן: „פּאָליטעא" III בוך, 22 קאפּיטל.
2) דאָרט: V בוך, 7 קאפּיטל.

דערגערן ברוסט־קינדער. ז' וועט בריינגען אין הויז פאר די ניי־געבוירענע די מוטערס, וואס האבן א סך מילך, דערביי וועט אבער, נאך דער מעגלעכקייט געלייגט ווערן אכט אויף דעם, אז קיין מוטער זאל נישט דערקענען איר קינד. אויב עס וועט נישט זיין גענוג מוטערס, וועט די רעגירונג צושטעלן נאך אנדערע אמען"[1].

ווי עס איז גרינג צו זען פון דעם אלעמען, איז דא ביי פלאטאנען — וואס איז געשטאנען אונטער דער השפעה פון ספארטא — א סך מאמענטן פון מאדערנעם קאמוניזם, וועלכע מיר פארשטיין אבער פאר אלע קלאסן, אדער ריכטיקער פאר דעם איינציקן קלאס — פארן גאנצן פאלק, וואס וועט עקזיסטירן אין דער סאציאליסטישער אָרדענונג. ביי פלאטאָנען פעלט דער קאמוניזם פון דער פראָדוקציע און ווען ביי דער געשלעכט־פראגע איז פלאטאן געקומען צו אבסורדן, בלייבט אבער אויך דא ריכטיק די אידייע פון געזעלשאפטלעכער דערציונג פון די קינדער אנטשפרעכענד זייערע פעאיקייטן. אינטערעסאנט איז, אז פלאטאנ'ס אידייע וועגן דעם, אז די היטער זאלן נישט האבן קיין פריוואטע אינטערעסן, האט איבערגענומען אין די שפעטערע צייטן די קאטוילישע קירכע, וועלכע איז אפילו דערגאנגען ביז פלאטאנ'ס פארבאט חתונה צו האבן. די צביעות פון דער קירכע האט אבער פארביטן פלאטאנ'ס געמיינזאמקייט פון פרויען מיט א פולשטענדיקן פארבאט פון געשלעכטס־באציונגען פאר די מאנאכן און קארדינאלן.

אין די „געזעצן" איז די קריטיק פון די עקזיסטירנדיקע ווירטשאפטלעכע באציונגען אזוי שארף ווי אין דער „פאליטעא", אבער „די פאזיטיווע קאמוניסטישע פארשלאגן זיינען ווייניקער אבסאלוט"[2]. אזוי זאגט פלאטאן אז „עס דארף באזייטיקט ווערן דער קענגזאץ אין דעם באזיין און פארבינדונג מיט דער נערעכטיקייט"[3]. דער באָדן דארף צעטיילט ווערן גלייך, אבער די באארבעטונג דארף זיין אינדיווידועל, נישט געמיינשאפטלעך.

פלאטאן האט נישט אנגעוויזן דאס מיטל, דורך וועלכן עס זאל געשאפן ווערן אזא שטאאט, ווי ער האט געוואלט. ער האט זיך באמיט צו באוועגן דעם סיראקוזער טיראן דיאנים, ער זאל דורכפירן דעם פראוו, אבער דאס איז אים נישט געלונגען.

אריסטאטעל, (געבוירן אין יאר 384) דער תלמיד פון פלאטאנען און דער גרינדער פון דער פעריפאטעטישער שול, איז איינגעלעך א קעגנער פון קאמוניזם. ער האלט, אז דער קאמוניזם איז קעגן דער מענטשלעכער נאטור,

---

[1] דאַרט: V בוך, 9 קאַפּיטל.
[2] בעער: 52־טע זייט.
[3] פלאטאן: „געזעצן" V בוך, 8 קאַפּיטל.

אַז ער שטעלט דער פּערזענלעכער איניציאַטיוו און אַז דער אומגליק פון דער מענטשהייט באַשטייט ניט אין פּריוואַט־אייגנטום נאָר אין דער שלעכטקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. מיר זעען די פאַקטאַ, מער סכסוכים צווישן די, וואָס האָבן אַלץ געמיינשאַפטלעך, הגם עס איז דאָ ווייניק אַזאַלכע אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס באַזיצן פּריוואַט־אייגנטום". אַריסטאָטעל אָבער פאַרשטייט די ירידה פון דער מלוכה, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער סתירה צווישן עשירות און אָרימקייט, וויל דאָס מוז פירן צו אויפשטאַנדן, וואָס ווערן אויסגענוצט דורך דעמאַגאָגן. ווי אַזוי זשע אַרויס־צוגיין פון דער לאַגע, אַז אי דער וואָלף זאָל זיין זאַט (דאָס פּריוואַט־אייגנטום זאָל בלייבן) און די שעפסעלעך זאָלן בלייבן גאַנץ (אויסמיידן די ירידה פון דער מלוכה)? די איצטיקע איינריכטונגען, פאַרבעסערט דורך די מנהגים און געזעצן, וועלן אַ סך בעסער זיין און קענען האָבן די מעלות פון ביידע סיס־טעמען... עס איז, פאַרשטייט זיך, בעסער, אַז דאָס אייגנטום זאָל בלייבן פּריוואַט, אָבער דער געברויך זאָל זיין געמיינשאַפטלעך; און דער געזעצגעבער האָט די אויפגאַבע צו דערציען ביי די בירגער אָט די גוטע נטיה"[1]. אינטערעסאַנט איז אַז אַפילו אַריסטאָטעל רעקאָמענדירט געמיינזאַמע סעודות, אָבער אָן פרויען.

זייענדיק בכן אַ קעגנער פון קאָמוניזם, נעמט אַריסטאָטעל דאָך עפּעס פון קאָמוניזם. דאָס איז אָבער ביי אים אַזוי צו זאָגן פאַרבייגייענדיק: ער גרייפט אָן שאַרף פאַר זיין קאָמוניזם פּאַלעאַס'ן פון כאַלצעדאָן, וועמעס ווערק זיינען באַקאַנט נאָר פון אַריסטאָטעלעס קריטיק. און דערביי זאָגט אַריסטאָ־טעל אַרויס דעם געדאַנק, אַז ניש די נויט אַליין שטויסט די מענטשן צום פאַרברעכן נאָר זייערע תאוות. „דער אָנהויב פון אַלע רעפאָרמען ליגט מער אין דער דערציונג פון מענטשן צו באַהערשן זייער באַגערן איידער אין אויס־גלייכן דעם באַזיץ". פון אַריסטאָטעלעס קריטיק איז צו זעען אַז פּאַלעאַס, האָט דער ערשטער גערעדט וועגן גלייכהייט פון באָדן, פון אַלגעמיינע מלו־כהישע דערציונג און פאַרשטאַטלעכונג פון דער האַנדווערקעריי"[2].

ווען מען פאַרגלייכט פּלאַטאָנען מיט אַריסטאָטעלעסן איז צו זעען, אַז הגם פּלאַטאָן, לויט זיינע אַנדערע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען (די לערע איבער דער אידייע) איז אַ רייכער אידעאַליסט און גייט זיך צוזאַמען מיט אַריסטאָטעלעסן (זיין לערע איבער דער סובסטאַנץ און אַקצידענץ), אָבער אין סאָציאָלאָגישע פראַגן שטייט פּלאַטאָן אַ סך נענטער צו דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג, ווי אַריסטאָטעלעס. בשעת דער ערשטער נעמט פאַרן אויסגאַנגספּונקט די אייגנ־טום באַציונגען אין דער געזעלשאַפט, נעמט דער צווייטער פאַרן אויסגאַנגס־

---

1) אַריסטאָטל: „פּאָליטיקאַ" II בוך, 5 קאַפּיטל.
2) בעער: 57־טע זייט.

פּונקט די מענטשלעכע נאַטור. דערפֿון שטאַמט עס, וואָס בײַ פּלאַטאָנען איז אויפֿן ערשטן פּלאַן די אידייע פֿון דער מלוכה, און בײַ אַריסטאָטעלעסן אַ סך מער די דערמעגלעכונג פֿון דעם גרעסטן גליק פֿאַרן איינצעלנעם[1].

פֿון די ווייטערדיקע פֿילאָזאָפֿן איז זייער אינטערעסאַנט זענאָן (350-264), דער פֿאָרשטייער פֿון דער סטאָאישער שול; ער האָט געירשנט פֿון די ציניקער די אידייע פֿון וועלט־בירגערטום; ער איז דער איינציקער גרויס איבער די ראַמען פֿון העללאַדאַ און געזאָרגט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער איז איינגענטלעך דער אוראַלטער פֿאָרשטייער פֿון ריינעם אַנאַרכיזם. ער איז קעגן דער מלוכה, קעגן גערוכט, קעגן געזעצן, נאָר פֿאַר געמיינזאַמען באַזיץ, גלייבהייט פֿון געשלעכטער, און די ברידערלעכקייט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט[2]. דער לעצטער געדאַנק האָט אַנטשפּראָכן דעם פֿאַקטישן צושטאַנד, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכן אין לעבן די אידייע פֿון אַן אַלוועלטלעכער מלוכה פֿון אַלעקסאַנדר מאַצעדאָנער (323—334). אינטערעסאַנט איז נאָך בײַ זענאָנען, אַז ער שטיצט זיך אויף דעם נאַטוראַלן רעכט און אויף דעם פּרינציפּ, וואָס איז דער לייטגעדאַנק פֿון איצטיקע אַנאַרכיסטן, אַז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פֿון מענטשן איז אַרבעט — און אַז דער מענטש שטרעבט און זוכט אַרבעט. דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען אַלס אַ קעגנזאַץ צו דער דאַמאָלסטיקער אידייע, אַז די אַרבעט דאָס איז די זאַך פֿון די קנעכט.

דער היסטאָריקער דיאָדאָר דערציילט וועגן יאַמבולאָס'ן, וואָס האָט געשילדערט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון פּלאַטאָנס מלוכה און וועגן אויהאַמעראָס'ן וועלכער באַשרייבט אַן אינזל, איינגעאָרדנט לויט אַלע פּרינציפּן פֿון מלוכהשן סאָציאַליזם. „אַלע בירגער זיינען אין דריי קלאַסן געטיילט: די פּריסטער און האַנדווערקער, די פּויערים, דאָס מיליטער און פּאַסטוכער... עס איז אַ געזעץ, אַז קיינער קען נישט האָבן פֿאַר זיך מער ווי אַ הויז און אַ גאָרטן; אַלע הכנסות און ערנטן נעמען צו די פּריסטער און צעטיילן גערעכט יעדן זיין חלק; זיי אַליין האָבן אָבער אַ דאָפּעלטן חלק“[3].

אין פֿאַרשידענע צייטן טרעפֿן מיר אין דער גריכישער פּאָעזיע אָנדייטונגען און קריטיק אָדער אַ סאַטירע אויפֿן קאָמוניזם. אַהער געהערן די קאָמעדיעס „די פּערזער“ — פֿון פּערעקראַטעס, „אַמפֿיקטיאָנען“ — פֿון טעלעקלידן און הויפּטזעכלעך די קאָמעדיע פֿון אַריסטאָפֿאַנעסן (אָנהייב VI יאָרהונדערט). אין זיין קאָמעדיע „עקקלעזיאַצוזן“ (פֿרויען־פּאַרלאַמענט) שטעלט ער פֿאָר אין זער

[1] לוצאַטאָ: 33־טע זייט.
[2] בעער: 65־טע זייט.
[3] דאָס V בוך פֿון דיאָדאָר 46—41 קאַפּיטל.

אַ סאַטירישער פאָרם דעם קאָמוניזם אין די גלייכבאַרעכטיקונג פון די פרויען, אין זיין קאָמעדיע „פלוטאס“ לאַכט ער אויס די רייכע.

די קאָמוניסטישע אידייען, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט אַרויסגעוויזן אין אַלט־גריכנלאַנד, האָבן אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די געשיכטע פון איר נאַטירלעכן גאַנג. די קלאַסן־קעגנזאַצן אין גריכנלאַנד זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, די שנאה צווישן די קלאַסן אַלץ גרויזאַמער און ענדלעך האָט עס געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער אַלט־גריכישער קולטור.

III.

די קלאַסן־קאַמפֿן אין רוים.

א). דער קאַמף צווישן די פּאַטריציער און פּלעבייער.

מיר האָבן נישט קיין גענויע היסטאָרישע פֿאַקטן וועגן דעם אנטשטיין פֿון רוים און וועגן זיין געשיכטע ביז 300—400 פֿאַר קריסטוס געבורט. אָבער שוין פֿון די ערשטע היסטאָרישע פֿאַקטן איז צו זעען, אַז אין רוים האָט זיך די באַפֿעלקערונג פֿאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי טיילן, וואָס זיינען אייגנטלעך אַרויסגעקומען פֿון צוויי פֿאַרשידענע שבטים. דאָס זיינען די פּאַטריציער און פּלעבייער. בשעת בעער מיינט, אַז דער אונטערשיד צווישן די צוויי גרופּן איז באַשטאַנען נאָר אין גרויס פֿון זייער באָרד־באַזיץ (ווייל דאָס אַלטע רוים איז געווען אַ פּויערישע מלוכה); די פּאַטריציער זיינען געווען די גרויסע גוט־באַזיצער און די פּלעבייער די קליינע פּויערים, מיינט לוצאַטאָ אַז די פּאַטריציער זיינען געווען די גוטבאַזיצער און די פּלעבייער די אַרבעטנדיקע מאַסע. ריכטיק שיינט אָבער צו זיין בעערס מיינונג, ווייל דער גאַנצער קאַמף צווישן די צוויי געזעלשאַפֿטלעכע גרופּן האָט געהאַט אַ שייכות צו גלייכע רעכט און צום פֿאַרטיילן דעם באָדן. דאָס זיינען בכן נישט געווען קלאַסן־קאַמפֿן אין דעם זין פֿון וואָרט, ווי מיר פֿאַרשטייען עס איצט, אַלס קאַמף צווישן אויס־בייטער און אַרבעטנדיקע. צו פּראָדוקטיווער אַרבעט האָבן זיך ביידע גרופּן גלייך פֿאַרהאַלטן: זיי האָבן געאַרבעט מיט פֿרעמדע, בונד'דיקע אַרבעטס־קראַפֿט, מיט די קנעכט. אָבער אַזוי ווי די פּאַטריציער זיינען געווען יעדנפֿאַלס די גרויסע גוט־באַזיצער, די רייכע, האָבן זיי פֿאַרנומען אַלע וויכטיקע פּאָסטנס אין דער מלוכה און גענאָסן פֿון פֿיל געזעלשאַפֿטלעכע פּריווילעגיעס. די פּלעבייער האָבן זיך אַלע געזוכט „פּאַטראָנען" צווישן די פּאַטריציער און יעדער פֿון די לעצטע האָט אַלע מאָל געהאַט זיין קרייז פֿון „קליענטן" צווישן די פּלעבייער און איז געווען פֿון זיי אַרומגערינגלט. די פּלעבייער האָבן אַלזאָ נישט געפֿירט קיין קלאַסן־קאַמף מיט די פּאַטריציער, ווייל זיי האָבן אייגנטלעך געהערט צו דעם זעלביקן קלאַס. „די פּלעבייער האָבן נישט געשטרעבט צו קיין אַנדערער ווירט־שאַפֿטס־אָרדנונג, און האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע העכערע, אידעאַלערע וועלטאַנשויאונג ווי די פּאַטריציער. ביידע גרופּן זיינען תמיד געווען גרייט צו האָבן קנעכט און צו עקספּלאָאַטירן אַנדערע פֿעלקער. די פּלעבייער האָבן גע־

פֿאָדערט פֿון די פּאַטריציער נאָר קליינע ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע עקספּלאָאַטאַציע מעגלעכקייטן"[1].

שוין אין יאָר 494 האָבן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די צוויי גרופּן געבראַכט צו אַן אויסבּרוך. אַלס צייכן פֿון פּראָטעסט זיינען די פּלעבּייער אַוועק פֿון רוים אויף איינעם פֿון די בּערג, נעבּן דער שטאָט. די פּאַטריציער האָבן געפּרואווט פּויעלן בּיי די פּלעבּייער, זיי זאָלן צוריק קומען, זיי האָבן זיי ערקלערט, אַז די מלוכה בּאַזיצט פּונקט ווי אַ מענטש, אַ קאָפּ, פֿיס און הענט און אַנדערע אָרגאַנען. פּונקט ווי אומזיניק ס'וואָלט געווען, אַז הענט און פֿיס זאָלן פּראָטעסטירן קעגן קאָפּ און פּונקט אַזוי ווי דאָס וואָלט געבּראַכט אַ סך שאָדן דעם גאַנצן גוף, אַזוי איז אויך אומזיניק און שעדלעך פֿאַר דער מלוכה דאָס אַוועקגיין פֿון די פּלעבּייער. ווען די אַגיטאַציע האָט ווייניק געהאָלפֿן, האָבן די פּאַטריציער זיך געזען געצוואונגען צו גיין אויף הנחות: די פּלעבּייער האָבן געקריגן זייערע ספּעציעלע צוויי פֿאָלקס־טריבּונען, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרטרעטן זייערע אינטערעסן בּכלל און אין סענאַט בּפֿרט.

בּעת די פּאַטריציער האָבן אָנגעהויבּן פֿון אַ גרעסערע אויסערלעכע פּאָליטיק און צוליבּ דעם זיך גענויטיקט אין אַחדות אין דער היים, האָבן זיי געמוזט גיין אויף ווייטערע הנחות. אין יאָר 367 זיינען אָנגענומען געוואָרן די געזעצן פֿון ליציניי, וואָס האָבן פֿאַרקלענערט די חובֿות פֿון די פּלעבּייער און פֿעסטגעשטעלט די גרויס פֿון די חלקים פֿון אַלגעמיינעם בּאָדן (בּיז 500 מאָרגן) וואָס זיינען פֿאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צו יחידים. דער פּלעבּס האָט אויך אַזוי פֿיל געקענט קריגן פֿון די עראָבערטע לענדערייען; דאָס דאָזיקע געזעץ האָט אויך בּאַשטימט, אַז איינער פֿון די צוויי קאָנסולן — דער העכסטער אמט אין דער רוימישער מלוכה, — האָט גערדאַרפֿט זיין פֿון די פּלעבּייער. צו דער צייט, ווען עס הויבּט זיך אָן די אויסערלעכע עקספּאַנזיע־פּאָליטיק, — צום אָנהויבּ פֿון דריטן יאָרהונדערט — זיינען די פּלעבּייער שוין געווען פֿולבּאַרעכטיקט (287).

בּ). די רעפֿאָרם־בּאַוועגונגען פֿון די בּרידער גראַקך.

פֿון יענער צייט אָן, אייגנטלעך פֿון יאָר 264, האָט זיך רוים אָנגעהויבּן צו פֿאַרוואַנדלען פֿון אַן אַגראַר־מלוכה אין אַ מלוכה פֿון געלטווירטשאַפֿט און ספּעקולאַציע. אַ דאַנק די זיגרייכע מלחמות, וואָס זיינען געפֿירט געוואָרן די גאַנצע צייט, איז אַריינגעקומען קיין רוים אַ סך גאָלד און זילבּער, אַ סך קנעכט וכדומה. ענדלעך איז דער צושטאַנד געוואָרן אַזעלכער ווי עס כאַראַקטעריזירט אים דער רוימישער געשיכטס־שרייבּער סאַלאַסטי: „די זיגער האָבּן שוין נישט געוואוסט

[1] בּעער: 70־טע זייט.

קיין מאָס און קיין ציל... נאָכדעם ווי ס'איז איינמאָל געשען, אַז רייכטום איז געוואָרן אַ כבוד און אַלס פּועל־יוצא האָט עס געהאַט מאַכט און איינפלוס, האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטעמפּן דער געפיל פון טוגנט, און אָרימקייט האָט אָנגעהויבן צו גילטן פאַר אַ זידלערײַ, אויך די זיטן זיינען געפאַלן. „מענער האָבן זיך געלאָזט געברויכן אַלס פרויען. פרויען האָבן זיך עפנטלעך אָנגעבאָטן"... די לאַנדווירטשאַפטן, וואָ זיינען אויסשליסלעך באַאַרבעט געוואָרן דורך קנעכט, האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון גרויסע אונטערנעמונגען פאַר אויסאַרבעטן וויין און פון פיצוכט. די פויערים, וואָס זיינען געבליבן אָן ערד, האָבן זיך געצויגן אין שטאָט (רוים) און געוואָרן פּשוטע ליידיקגייער — לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן באַקומען בחנם ברויט און טעאַטער־שפּילן (panem et circeuses) אויפן חשבון פון דער רעגירונג.

דער צושטאַנד האָט געגעבן דעם גינסטיקן באָדן פאַר רעפאָרם־באַוועגונגען און סקלאַווןּ־אויפשטאַנדן. אין יאָר 134 האָט דער פאָלקס־טריבון טיבעריי גראַקך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צוריק אויפצושטעלן דעם קליינעם פויער. ער האָט אין סענאַט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג „אַז מען זאָל באַגרענעצן די גרויסע גוטסבאַזיצער און באַשאַפן אַ פאָנד צו פאַרמאַכטן קליינע פויערים צו 30 מאָרג באָדן און געבן זיי אַפילו רעגירונגס־שטיצע. דעם פאָרשלאַג האָט טיבעריי מאָטיווירט אויף פאָלגנדן אופן: די ווילדע חיות, וואָס לעבן אין איטאַליען, די שאָף, וואָס פּאַשן זיך אויף די פעלדער, זיי האָבן זייער היים און ווינקל, אָבער נאָר די בירגער, וואָס קעמפן פאַר איטאַליען, האָבן נישט קיין אייגנטום אַ חוץ ליכט און לופט"[1]. אַפּיאַן דערציילט, אַז טיבעריי גראַקך האָט געהאַלטן צום פאָלק אַ גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האָט געפרעגט: „צי איז עס נישט גערעכט געמיינשאַפטלעך צו צעטיילן בשותּפותדיק גוטס? צי איז דער בירגער נישט אַלעמאָל בעסער ווי דער קנעכט? צי איז נישט נוצלעכער דער קריגסמאַן ווי דער, וואָס טויג נישט צו מלחמה?..."[2].

ווי יעדער רעפאָרמאַטאָר, האָט טיבעריי גראַקך געהאַט אַ סך פיינט און איז ענדלעך דורך זיי דערהאַרגעט געוואָרן, אָבער זיין געזעצפּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרן און עס זיינען באַשאַפן געוואָרן צו יענער צייט אַכציק טויזנט קליינע פויערישע ווירטשאַפטן.

אין 10 יאָר אַרום אין יאָר 123 איז טיבעריי'ס אַ ברודער קאַי גראַקך געוואָרן אַ פאָלקס־טריבון און פאָרטגעזעצט די אַרבעט פון זיין ברודער. ער האָט דורכגעפירט אָדער ריכטיקער אַריינגעפירט אין לעבן אַן אַלטן געזעץ, אַז מען טאָר נישט מער געבן פון געמיינשאַפטלעכן באָדן ווי צו 500 מאָרג

1) פּלוטאַרך.
2) רוימישע בירגער מלחמות I בוך, 11 קאַפּיטל.

(126 העקטאר) און קיינער זאָל נישט האָבן דאָס רעכט צו פאשן אויף די די געמיינזאמע פעלדער מער ווי 100 רינדער און 500 שאָף. אחוץ דעם האָט ער דורכגעפירט, אַז יעדער פאָלקס־מענטש (פּלעביי) זאָל באַקומען פון דער מלוכה אַ געוויסן סכום תבואה. ער האָט אויך רעפאָרמירט דאָס געריכט, געבויעט וועגן איבער איטאַליען, בכדי צו באַשעפטיקן אַרבעטסלאָזע, און צו דעם־זעלבן צוועק האָט ער פאַרפליכטעט די נוטבאַזיצער צו באַשעפטיקן ביי זייערע פעלדער אַחוץ די קנעכט, אויך פרייע אַרבעטער. ער האָט אויך געפּרוּווט צו דעמאָקראַטיזירן דאָס וואַלרעכט. אָבער אויך ער האָט געהאַט דעם גורל פון זיין ברודער; אין יאָר 121 האָט מען אים געהאַרגעט. אַ דאַנק דעם טויט פון די ברידער גראַקך איז עס געלונגען די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן צו־נישט צו מאַכן זייערע פּלענער און געזעצן.

ג). די שקלאַוון־אויפשטאַנדן.

כמעט צו דער זעלביקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אונטער רוים'ס הער־שאַפט אַ גאַנצע רייע פון שקלאַוון־אויפשטאַנדן.

צוליב דעם, וואָס רוים האָט פאַרנומען אַלץ נייע מלוכות און איז אַריבער צו אַ ריין קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס איז געווען געבויט אויף אומ־זיסטיקער אַרבעטס־קראַפט, האָט זיך אין סוף פון דריטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן קאָלאָסאַל צו פאַרערגערן די לאַגע פון די קנעכט. דער ערשטער שקלאַוון־אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 187 אין אַפּוליען (דרום־איטאַליען); דער אויפשטאַנד איז אָבער גיך דערשטיקט געוואָרן אין אַ בלוטבאָד פון די שקלאַוון (7000 קנעכט האָט מען געקרייציקט). ערנסטער זיינען געווען די אויפשטאַנדן אין סיציליען. דער ערשטער פון 132—134 אונטער דער אָנ־פירונג פון דעם סירישער עבנוס, וואָס די קנעכט האָבן אים געקרוינט צו אַ מלך אונטער דעם נאָמען אַנטיאָך, און דעם מאַצעדאָנער קלעאָן, די אָנפירער האָבן, ווייזט אויס, געהאַט בדעה צו גרינדן אַן אַסירישע מלוכה. זיי האָבן שוין געהאַט אַרום זיך ביז אַ 70.000 מאַן, אָבער נאָך צוויי יאָר זיינען זיי באַזיגט געוואָרן דורכן רוימישן קאָנסול סאַלפורני פּיזאָ, וועלכער האָט געקרייציקט ביז אַ 20.000 קנעכט.

דער צווייטער אויפשטאַנד אין סיציליען, ווידער אונטער דער אָנפירונג פון איין סירער — סאַלווי און איין מאַצעדאָניער — אַטעניאָן, האָט געדויערט נאָך לענגער — דריי יאָר (101—104) און איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן דורך מאַריי'ן, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די פירער זיינען געהאַרגעט געוואָרן.

צו דער זעלבער צייט איז אין קליין־אַזיען אויך פאָרגעקומען אַן אויפ־שטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַ דינאַסטישער סבה. אַז עס איז גע־

שטאָרבן אין יאָר 133 אין פּערגאַמאָן דער מלך אַטטאַלאָס און אָבגעזאָגט זיין מלוכה צו רוים, האָט זיינער אַ ברודער אַריסטאָניקאָס, אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד. און בכדי זיך פּאָפּולער צו מאַכן האָט ער באַפרייט די קנעכט און גערופן אַלע אומפרייע אַרבעטער צום קאַמף מיט רוים. אַ דאַנק דעם האָט ער געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. ער האָט אָבער ווי עס ווייזט אויס בדעה געהאַט, איינצופירן אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, ווייל ער האָט באַשאַפן דעם אַזוי גערופענעם „זאָנענשטאַט“, אונטער וועלכן מען האָט אַלעמאָל פאַרשטאַנען אין די אַלטע צייטן אַ קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן. גענויע ידיעות מכּוח דעם זאָנענשטאַט פעלן. די מלחמה האָט געדויערט ביז 129, ווען דער „זאָנענשטאַט“ איז צעשטערט געוואָרן דורך די רוימער.

אָבער דער גרעסטער פון אַלע סקלאַוון־אויפשטאַנדן איז געווען דער אויפשטאַנד פון דעם אַזוי שטאַרק פּאָפּולערן ספּאַרטאַקוס (73 פאַר קר. געב.). דער אויפשטאַנד האָט אַ דאַנק זיין דויער און זיינע נצחונות געוואָרפן אַן אמת׳ע אימה אויפן שטאָלצן רוים און איז געווען אַ סכּנה פאַר זיין עקזיסטענץ. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון גלאַדיאַטאָרן — מענטשן וואָס זענען געווען געניט אין מלחמה־ענינים און ספּאַרטאַקוס אַליין, ווי פּלוטאַרך שילדערט אים, איז געווען „אויסערסט שטאַרק און ערנסט, זייער קלוג, מער אַן אמת׳ער גריעך ווי אַ באַרבאַר“.

ספּאַרטאַקוס איז געווען אַ טראַציער, און ווי אַ קריגסגעפאַנגענער איז ער געוואָרן אַ קנעכט אין רוים, און נאָכדעם אַ גלאַדיאַטאָר אין קאַפּוא. 200 גלאַדיאַטאָרן מיט אים בראש האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג, וואָס איז פאַרראַטן געוואָרן, אָבער ספּאַרטאַקוס מיט 70 גלאַדיאַטאָרן האָבן זיך דורכגעריסן און אין וועג האָבן זיי צוראַבירט אַ וואָגן מיט געווער; זיי האָבן צעשלאָגן זייערע פאַרפאָלגער און דאָס האָט זיי באַלד פאַרשאַפט אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט. לכתחילה האָט מען אין רוים געקוקט אויף ספּאַרטאַקוסן ווי אויף אַ פּשוטן גזלן, אָבער נאָכדעם ווי ספּאַרטאַקוס האָט צוקלאַפּט דעם פּרעטאָר קלאָודי פּולכער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קעגן אים מיט 3000 מאַן, איז די זאַך אין רוים געוואָרן ערנסטער. ספּאַרטאַקוס האָט זיך ערקלערט אַלס אַפענער שונא פון רוים און האָט אויפגעפאָדערט אַלע אונטערדריקטע און קנעכט זיך מיט אים צו פאַראייניקן אַנטקעגן רוים. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן צו אים צושטראָמען קנעכט און גלאַט גערודפטע, אונטערדריקטע און אָרימע. די מחנה פון ספּאַרטאַקוס, וואָס איז כּסדר געוואַקסן האָט אָבער געליטן ערשטנס פון דעם, וואָס די פאַרביטערטע מענטשן האָט מען נישט געקענט האַלטן שטאַרק דיסציפּלינירט, והשנית האָט געשטערט איר פאַרשיידענער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד: טראַציער, סירער, גאַליער, גערמאַנער, איטאַליענער וכדומה.

די ידיעה וועגן פּרעטאָר קלאַודיי'ס מפּלה, האָט אויפֿגערודערט רוים; עס איז באַלד געשאַפֿן געוואָרן אַן אַרמיי ביז 10.000 מאַן אונטער צוויי פּרעטאָרן, וועלכע זיינען לסוף, נאָך אַ גאַנצע רייע פֿון איבערפֿאַלן באַזיגט געוואָרן דורך ספּאַרטאַקוס'ן: דער גאַנצער אונטערשטער חלק פֿון איטאַליען איז געבליבן באַזעצט דורך די גלאַדיאַטאָרן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פּלינדערן דאָס לאַנד. ספּאַרטאַקוס האָט אָבער געהאַט אַן אויסגעהאַלטענעם פּלאַן, וואָס באַווייזט אויף זיינע מלוכה'שע פֿעאיקייטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך נישט צייט צו באַפֿאַלן רוים און אַז רוים'ס כּוח איז נאָך דורך אים נישט אונטערגעגראָבן. דערפֿאַר האָט ער זיך געשטעלט דעם ציל צו באַפֿרייען אַלע קנעכט אין גאַנץ איטאַליען; קודם־כּל אין אונטער־איטאַליען, וואָס איז שוין אייגנטלעך געשען נאָך דער צווייטער מפּלה פֿון דער רוימישער אַרמיי, און דערנאָך אין די איבעריקע טיילן פֿון איטאַליען, איידער די רוימער וועלן באַווייזן אַרויסצורופֿן זייערע הויפּט מיליטערישע כּוחות — די לעגיאָנערן, וואָס זיינען צו יענער צייט געווען פֿאַרנומען אונטער די הויפּט אָנפֿירער פּאָמפּעי און שוקול, אין שפּאַניען און אויפֿן אונטערשטן דונאַי. אויספֿירן די דאָזיקע פּלענער האָבן אים אָבער געשטערט זיינע אייגענע מענטשן. דער האַס צו רוים איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ טייל פֿון זיין מחנה, ספּעציעל די גאַליער און נערמאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ק ר י ק ס י האָבן דווקא געוואָלט תּיכּף גיין אויף רוים. רוים האָט אויף גיך צונויפֿגעשטעלט דריי אַרמייען, צוויי אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ביידע קאָנסולן, און איינע אונטער אַ פּרעטאָר.

קריקסי האָט זיך מיט אַ 30.000 מאַן אָפּגעטיילט פֿון ספּאַרטאַקוסן, וואָס איז געבליבן מיט אַן אַרמיי פֿון 40.000 טראַציער און אונטער־איטאַליענער און האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה. פֿון זיין אַרמיי האָבן זיך קוים 10.000 דערשלאָגן צו ספּאַרטאַקוסן, וואָס האָט דורך אַ גלענצענדן סטראַטעגישן מאַנעווער צוקלאַפּט די ביידע רוימישע קאָנסולאַרישע אַרמייען. שפּעטער האָט ער דורכמאַרשירט גאַנץ איטאַליען און דערגאַנגען ביז מאָדענאַ. דאַן האָט ער זיך דערלויבט 300 געפֿאַנגענע רוימער צו מאַכן פֿאַר גלאַדיאַטאָרן און באַפֿוילן זיי קעמפֿן אויף דער אַרענע, בשעת די צושויער זיינען געווען געוועזענע גלאַדיאַטאָרן. רוים האָט נישט געקענט מוחל זיין אַזאַ מין דערנידערונג.

ספּאַרטאַקוס האָט דערגרייכט די גרעסטע מאַכט. ער איז אָבער נישט באַפֿאַלן רוים, נאָר געלאָזן די שטאָט אָן אַ זייט. פֿאַרנומען טוריום, ערקלערט די שטאָט אַלס פֿרייהאַפֿן און איינגעפֿירט דעמאָקראַטישע געזעצן. פֿאַראַן אַ סברה, אַז ספּאַרטאַקוס האָט געוואָלט מאַכן פֿון גאַנץ אונטער־איטאַליען אַ מלוכה לויטן בילד פֿון דער ליקורגישער ספּאַרטאַ. ער האָט אָבגעשאַפֿן דעם געברויך פֿון גאָלד און זילבער. ער האָט פֿעסטגעשטעלט ביליקע פּרייזן אויף

אלע לעבנס-מיטלען, ער האט איינגעפירט דעם ספארטאנישן איינפאכן ארט פון לעבן"...[1].

דערווייל האט אבער רוים צונויפגעקליבן זיינע כוחות און ארויסגעשיקט א גרויסע ארמיי אונטער דער אנפירונג פון פרעטאר קראס. דורך דער אומ־אייניקייט אין דער איינענער ארמיי איז ספארטאקוס באזיגט געווארן (71). ער אליין איז געפאלן אין שלאכט. 6000 געפאנגענע האט קראס געקרייציקט, בשעת אין לאנער פון די גלאדיאטארן האט מען געפונען 3000 לעבעדיקע געפאנגענע רוימער. מען קען זיך אבער פארשטעלן וואס פאר א פחד און אימה ספארטאקוס האט ארויפגעווארפן אויף רוים, אז נאך א לאנגע צייט שפעטער האבן די מוטערס געשראקן די קינדער מיט די ווערטער: „איצט וועט צו דיר ספארטאקוס קומען".

ד. קאטילינאס פארשווערונג.

אין א פאר יאר שפעטער האט זיך אנגעהויבן אין רוים גופא א רעפארמ־באוועגונג, וואס איז אנגעפירט געווארן פון א רוימישן פאטריציער קאטילינא, אלע פלעבייער, פארשטייט זיך, זיינען געווען אויף זיין זייט. עס איז שווער פעסטצושטעלן גענוי און וואס עס איז באשטאנען די באוועגונג און וואס פאר א כוונות קאטילינא האט געהאט, ווייל אלע רוימישע היסטאריקער באווארפן אים מיט שטיינער ווי א פארעטער. דאך איז נישטא קיין ספק דערין, אז ער האט בדעה געהאט צו פארשאפן בארן פאר די באזיצלאזע, פארקלענערן זייערע חובות, צו פארבעסערן די פינאנסן פון דער מלוכה און צו פארלייכטערן דעם גורל פון די פעלקער, וואס זיינען אונטערדריקט געווארן דורך רוים. דאס איז צו זען פון די טענות און פון דער קריטיק קעגן קאטילינא'ן, וואס מיר געפינען ביי זיין ערגסטן שונא ציצערא. (אגב איז אינטערעסאנט, אז אונדזער גאנצע יוגנט, וועלכע שטודירט ציצערא'ן אין די גימנאזיעס טראגט ארויס וועגן קאטילינא'ן דעם באגריף ווי פון אן אמת'ן פאלקס-פארעטער. ציצערא האט עס געפירט די גאנצע קאמפאניע קעגן קאטילינא'ן און ארויפגע־דעקט זיין פארשווערונג). קאטילינא איז העלדיש געפאלן אין א אפענער שלאכט נעבן פלארענץ אין יאר 62.

אין יאר 48 האט איינער פון יוליוס צעזאר'ס פריינט, קעליוס רופוס, געפרואווט ארויסטרעטן פאר באפרייען די אונטערדריקטע פון זייערע שולדן און אין א יאר שפעטער, ווידער א פריינט פון צעזאר'ן — דאלאבעלא האט אפילו געפרואווט מאכן א גאנץ-רעוואלוציע. די פרואוון האבן נישט גע־

---

[1] בעער: 80־טע זייט.

האָט קיין ערפֿאָלג אָן זיינען דערשטיקט געוואָרן אין זייער שורש. רוים האָט געמוזט, אַ דאַנק זיין ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג, קומען צו זיין פֿולשטענ־דיקע ירידה און קיינע אינדיווידועלע אָרויסטרעטונגען האָבן נישט געקענט אָב־שטעלן דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע.

ה) די קריטיק פֿון די ווירטשאַפֿטלעכע באַציונגען אין דער ליטעראַטור.

די אַלע ווירטשאַפֿטלעכע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס רוים האָט זיך פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ פּויערים־שטאַט אין אַ ריין קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, געבויעט אויף באָדן־ספּעקולאַציע און בחנמ'דיקע אַרבעט, האָבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט נאָר אַרויסגערופֿן די גאַנצע רייע פֿון רעפֿאָרם־באַוועגונגען און אויפֿשטאַנדן, נאָר אויך זיך אָבגעשפּיגלט אין גייסטיקן לעבן און אין דער ליטעראַטור, ספּעציעל אין ערשטן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוסעס געבורט, האַרט צום סוף פֿון דער רעפּובליקאַנער צייט. שוין לאַנג איז אין רוים אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז „דער מענטש באַטייט נאָר אַזוי פֿיל וויפֿיל ער באַזיצט“. ק ל י נ י דער עלטערער (23 יאָר פֿאַר קריסטוס געבורט — 79 נאָך קריסטוס געבורט) האָט געשריבן: Latifundia perdidere Italiam, iam vero et provincias — („די לאַטיפֿונדיער רואינירן איטאַליען, ווי אויך די פּראָווינצן“). ס ע נ ע ק אַ דער עלטערער (54 פֿאַר קר. געב. — 38 נאָך קר. געב.) ברענגט אַ גאַנצע רייע פֿון אַנקלאַגן פֿון אַ קליינעם פּויער, וואָס דערציילט, אַז ער האָט אַ מאָל געוואוינט אין שכנות מיט אַ רייכן און אַרום זיינען געזעסן נאָך קליינע פּויערים. און איצט איז אומעטום ווי מען גיט זיך אַ קער נאָר דער באַזיץ פֿון רייכן: ער האָט אַלץ איינגעשלונגען. דאָס האָט געבראַכט צו גאַנץ אַנדערע ערשיינונגען, ווי איצט אין אייראָפּע. איצט גייט דער פֿאַראָרימטער פּויער אין שטאָט, וואו ער פּראָלעטאַריזירט זיך, דעמאָלט איז ער אויך געגאַנגען אין שטאָט, אָבער נישט געהאַט קיין אַרבעט. ערשטנס ווייל ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער קאָנקורענץ פֿון אומזיסטער אַרבעט, והשנית, ווייל רוים איז געוואָרן דער אויסערלעכער מאַרק פֿאַר די מער קול־טורעלע לענדער, וואָס זענען דורך רוים באַזיגט געוואָרן, ווי עגיפּטן, גריכנלאַנד. דער פּויער האָט זיך לומפּן־פּראָלעטאַריזירט און געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער מלוכה. דער דאָזיקער מצב האָט פֿאַראורזאַכט, אַז אַ סך רוימישע שריי־בער האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקוקן צוריק צו דער אוראַלטער צייט, ווען עס האָט געהערשט דער קאָמוניזם. אַזוי דערמאָנט ס אַ ל ו ס ט י די גליקלעכע סאַ־טורנאַלע צייט, ווען אַלע זיינען געווען גלייך, ביז די שפּעטסטע יאָרן האָבן די רוימער געפֿייערט אין דעצעמבער די ס אַ ט ו ר נ אַ ל אַ — דעם יום־

טוב פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. — די קנעכט זיינען אין דעם יום־טוב געזעסן ביים טיש און די הערן האָבן זיי באַדינט. אפילו דער עפּיקורער האָראַצי שעלט דאָס רייכטום און רימט די אַלטע צייט, ווען עס האָט געהערשט דער קאָמוניזם. אין שטרעבן צו איינפֿאַכקייט קען מען שוין די השפּעה פֿון די סטאָיקער. ספּעציעל קומט עס צום אויסדרוק ביי סענעקאַ דעם פֿילאָזאָף (4 יאָר פֿאַר קר. געב. — 65 נאָך קר. געב.) וועלכער זאָגט: „ווער איז מער גליקלעכער ווי יענער מענטשן־דור: געמיינשאַפֿטלעך האָבן זיי גענאָסן פֿון דער נאַטור... קיינער האָט נישט געקענט האָבן קיין איבערשוס אדער מאַנגל: אַלץ איז געווען פֿרידלעך צעטיילט. דער שטאַרקערער האָט נישט געלייגט זיין האַנד אויפֿן שוואַכערן... מען האָט געטראָגן גלייכע זאָרגן פֿאַר אַנדערע, ווי פֿאַר זיך"[1].

אזוי ווי די פֿריערדיקע טענות פֿון אָרעמען פֿויער ביי סענעקאַ וע־עלטערן, ווייזן אויף אַן ענלעכקייט מיט די טענות פֿון ישעיהון וועגן די „מסיגי־גבול", אזוי ווייזט זיך אַרויס ביי סענעקאַ דעם יינגערן כמעט די זעלבע ריכטונג ווי ביי די נביאים און אין דער יידיש־גריכישער ליטעראַטור אין אַלעקסאַנדריע. אזוי ווי ביי יידן האָט די אידייע פֿון גערעכטיקייט, די אידייע פֿון גאָט, פֿאַרלוירן איר לאָקאַלן כאַראַקטער און זיך פֿאַרוואַנדלט אין דער אידייע פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, אזוי האָבן אויך ביי די רוימער די אַלטע געטער פֿאַרלוירן זייער באַטייטונג און די געבילדעטע רוימער האָבן זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער אַלוועלטלעכער קולטור, מיט דער אידייע פֿון דער אַלוועלטלעכער גערעכטיקייט. דער חומש איז שוין אין דריטן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געבורט געווען איבערזעצט אויף גריכיש אונטער דעם נאָמען: „סעפּטואַגינטאַ". אָבער די נייע אידייען האָבן געהאַט אַ פֿאַרשידענע ווירקונג אויף די פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּן. די אָרימע קלאַסן האָבן געשטרעבט צו באַפֿרייאונג פֿון דרוק, צו דער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון אייגנטום. דער גרונטגעדאַנק איז געווען סאָציאַלע גערעכטיקייט, דאָס אַראָפּשטויסן די שטאָלצע און רייכע, דאָס אויפֿהייבן די נידעריקע און אָרימע; זייער ציל איז געווען אַ קאָמוניסטישע איבערקערעניש"[2]. די אינטעליגענץ, וואָס שטאַמט פֿון די באַזיצענדע קלאַסן, איז געקומען צו דער זעלבער אידייע, נישט פֿון איר סאָציאַלער לאַגע, נאָר פֿון ריין אידעאָלאָגישע מאָמענטן, ווי דאָס איז אין אַלע צייטן און ביי אַלע פֿעלקער. די אינטעליגענץ האָט געשטרעבט צו אַ נייער אֶמונה, צו אַ נייער אידייע און דעריבער האָט זי געוואָלט „באַקומען אַ נייע וועלטאַנשויאונג". די באַזיצלאָזע קלאַסן האָבן געשטרעבט צו אַ געזעלשאַפֿטלעכער אָביעקטיווער איבער־

---

1) סענעקאַ: 90־טער בריוו.
2) בער: 93־טע זייט.

קערעניש, די באַויצענדע צו אַ אינדיווידועלער ריין סוביעקטיווער אידייען־ענדע־רונג. די ערשטע האָבן געשטרעבט צום קאָמוניזם, די צווייטע צו אַ נייעם גלויבן. (די באַוועגונג צווישן די יידן).

דאָס קריסטנטום האָט באַפרידיקט ביידע גרופן. עס איז געוואָרן דער קעמ־פענדיקער „קאָמוניזם פֿון רוימישן פּראָלעטאַריאַט”. עס איז אויך געוואָרן דער נייער גלויבן פֿון דער רוימישער בורזשואַזיע. קיין אייגענע קאָמוניסטישע שיטה אַלזאָ האָט רוים נישט באַשאַפֿן.

IV.

דאָס אור־קריסטנטום.

א). די אויפֿשטאַנדן אין פּאַלעסטינע.

דאָס קריסטנטום איז אַנטשטאַנען אין לאַנד פֿון די פּרעדיקער פֿון קאָמוניזם — אין פּאַלעסטינע. די יידן האָבן שוין לאַנג פֿאַרלוירן זייער זעלבשטענדיקייט. װערנדיק קודם־כל אַ טייל פֿון די דעמאָלדיקע גרויסע מלוכות — פֿריער פֿון בבל (587), דערנאָך פֿון פּערסיען, נאָך שפּעטער פֿון מאַצעדאָניען און ענדלעך פֿון סיריען. צו יענער צייט האָבן די יידן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די מאַקאַבייער, װידער באַקומען זייער זעלבשטענדיקייט (168). דעמאָלט האָט זיך עס באַוויזן ד נ י א ל, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלוכות און האָט געפּרעדיקט אַ מלוכה אונטער דער גערעכטער אָנפֿירונג פֿון די יידן.

אין יענער צייט האָבן צווישן די יידן עקזיסטירט פֿיר געזעלשאַפֿטלעכע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן דער דעמאָלטיקער קלאַסן־דיפֿערענצירונג. די צ ד ו ק י ם זיינען באַשטאַנען פֿון די כהנים און דער אַריסטאָקראַטיע בכלל. זיי זיינען שוין געווען אין אַ גרויסער מאָס אַסימילירט און האָבנדיק אַ געווינס נוצן פֿון דער פֿרעמדער הערשאַפֿט האָבן זיי געפּרעדיקט די ווייטערדיקע אַסימילאַציע און אונטערטעניקייט. זיי זיינען עס געווען „בעמל־פּאָליטיקער". די פּ ר ו ש י ם — דאָס גרויסע פֿאָלק פֿון בעלי־מלאָכות, סוחרים, קליינבירגער, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפֿילן. דניאל איז געווען זייער וואָרטזאָגער; זיי האָבן געהאָפֿט אויף אַ גרויסן מאַן, אַ משיח, וואָס וועט זיי באַפֿרייען פֿון פֿרעמדן יאָך און צוריק איינפֿירן דאָס פֿרומע יידישקייט. די דריטע גרופּע האָבן געבילדעט די ק נ א י ם (זעלאָטן) — די שטאָטישע דעמאָקראַטישע אַרבעטער עלעמענטן. בײַ זיי האָט דאָס באַפֿרייאונגס־שטרעבן אָנגענומען די גרעסטע פֿאָרמען, ווייל די אַרבעטער זיינען עס אַלע מאָל רעוואָלוציאָנערער ווי די בורזשואַזיע. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די בערג פֿון גליל, געפֿירט אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה מיט רוים, און פֿלעגן מאַכן די בסדרדיקע אויפֿשטאַנדן — וואָס האָבן געדויערט צענדליקער יאָרן. די דאָזיקע אונטערדריקטע מאַסע האָט בײַ יענע אויפֿשטאַנדן געזען נאָר די פּאָליטישע אונטערדריקונג און נישט אָפּגעגעבן זיך קיין דין וחשבון וועגן

דער עקאָנאָמישער לאַגע. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז סיי די צדוקים, וואָס האָבן שוין שלום געמאַכט מיט רוים, סיי די פּרושים, וואָס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון רוים דורך א נס, וואָס האָבן אָבער געליטן אין זייערע פֿרידלעכע באַשעפֿטיקונגען פֿון די אויביקע אויפֿשטאַנדן זיינען געווען קעגנער פֿון די קנאים.

אָבער אויב די דריי גרופּן זיינען געשטאַנען אויפֿן נאַציאָנאַלן באָדן, יעדע ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען דעם נאַציאָנאַליזם פֿון איר קלאַסן־שטאַנדפּונקט, האָט זיך די פֿערטע גרופּע, די א י ס י י ם אָפּגעריסן פֿון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן; די דאָזיקע גרופּע איז באַשטאַנען פֿון דאָרפֿישע לאַנדלייט, וואָס זיינען פֿרידלעך געשטימט, וועלכע פֿילן אָבער מער דעם דרוק פֿון די גרויסע גוטבאַזיצער־יידן. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבן פֿריער געזען, אַ ריין קאָמוניסטישע גרופּע.

במשך פֿון דער קורצער צייט פֿון זעלבשטענדיקייט אונטער די מאַקאַבייער האָט פּאַלעסטינע אויפֿגעבליט. באַלד אָבער איז זי רואינירט געוואָרן דורך רוים (מיטום — 70); און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די גאַנצע רייע פֿון אויפֿשטאַנדן און עס האָט זיך צעוואַקסן דער גלויבן אין אַ משיח, און אַ באַפֿרייער, וואָס וועט אַרויסראַטעווען דאָס גאַנצע יידנטום. דאַן האָבן אַלע גערעכנט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט פֿון משיח, דער קץ. „ווי אָפֿט איז אין יידישן לעבן געווען פּאָפּולער דער געדאַנק, אַז עס איז שוין אָנגעקומען די צייט און עס איז שוין נאָענט גאָטס מלוכה; דאָס אָנקומען פֿון משיח'ן איז שוין נאָענט, און דאָס איז אַלע מאָל געווען, ווען דאָס פֿאָלק האָט שטאַרק געליטן פֿון שווערע אונטערדריקונגען, אָבער ווען עס פֿלעגן פּאַסירן דערשיטערנדיקע וועלט־פּאָליטישע געשעענישן"[1].

ב). יעזוס.

צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן י ע ז ו ס. זייער באַגאַבט, איז ער אויך לכתחילה, ווייזט אויס, געווען דורכגעדרונגען מיט דער נאַציאָנאַלער שנאה צו רוים, מיט דעם קענען דערקלערט ווערן זיינע ווערטער: „איך בין נישט געקומען צו שיקן שלום, נאָר דעם שווערט". אָבער ער איז גיך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די מאַכט איז אַ באַגריף פֿון שלעכטס, און אַז נישט מיט געוואַלט, נאָר דורכן אינערלעכן זעלבסטפֿאַרפֿולקאָמען־זיך וועט אויסגעלייזט ווערן די גאַנצע מענטשהייט. דער דאָזיקער געדאַנק איז אייגנטלעך נישט קיין אָריגינעל'ע אין קריסטנטום. נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן די שלעכטע ווירטשאַפֿטלעכע אומשטאַנדן און רוים געבראַכט צום געדאַנק פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון אַלעם ערדישן, אַזוי זאָגט סענעקאַ: „דער קערפּער איז די שטראָף און לאַסט פֿון גייסט. ער דריקט דעם גייסט און האַלט אים געבונדן".

---

[1]) בעער: 96־טע זייט.

„דער תוך פֿון גאָטס־מלוכה באַשטייט, לויט יעזוס׳ן אין סאָציאַלער גערעכטיקייט, אויסלייזונג פֿון אָרימע, פֿאַראַכטונג און פֿאַרדאַמונג פֿון עשירות, באַזייטיקונג פֿון יעטוועדער געוואַלט, ליבע צו אַלע מענטשן — אַ מענטשהייט, וואָס טראָגט גאָטס־מלוכה אין זיך, ביי זיך אַליין אין דער נשמה“[1].

אין זיין באַרימטער רעדע אויפֿן באַרג זאָגט יעזוס: גליקלעך זענען די אָרימע, די אונטערדריקטע און באַליידיקטע, די פֿרידלעכע, די מאַרטירער פֿון דער גערעכטיקייט. גליקלעך זיינען די, וואָס קעמפֿן נישט און שטעלן זיך נישט קעגן דעם שלעכטס, נאָר וואָס באַצאָלן מיט גוטס פֿאַר שלעכטס. גליקלעך זיינען די, וואָס האָבן נישט קיין געריכט, וואָס ווייסן נישט פֿון שטראָף־געזעצן, נאָר וואָס האָבן ליב זייערע שונאים און בעטן פֿאַר זייערע פֿאַרפֿאָלגערס. ווייל אַלע מענטשן האָבן נאָר איין פֿאָטער, וואָס איז אין הימעל. זיין מלוכה וועט געשעען, ווייל דאָס איז זיין מלוכה, דאָס איז זיין כח און הערלעכקייט אין דער אייביקייט“.

די דאָזיקע אידייען אין קריסטנטום זיינען אייגנטלעך נישט געווען קיין אָריגינעלע. די אידייע פֿון מענטשנליבע און פֿון וואוילטעטיקייט האָט שוין עקזיסטירט אויך פֿריער אין רוים — אַלס קעגנזאַץ צו די דעמאָלדיקע מיאוסע ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אומשטאַנדן און אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער גרויסער צאָל יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען צו יענער צייט. ווען מען האָט אין יאָר 14 נאָך קר. געב. פֿון רוים פֿאַרטריבן די יידן, האָבן די אידייען פֿון די נביאים, צונויפֿגעמישט מיט נעאָפּלאַטאָנישע און סטאָאישע, געבילדעט דעם באָדן פֿאַרן קריסטנטום. „יעזוס׳עס פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע. זי איז געווען די שפּעטערדיקע סטאָאישע עטיק, מער פֿאַרגייסטערט, באַרייכט און פֿאַרטיפֿט דורך די אידייען פֿון דער אינטענסיווער רעליגיעזער יידישער קולטור פֿון פֿאַר און נאָך דעם גלות“[2].

און אויב יעזוס האָט זיך געשטעלט אויף אַ ריין קאָסמאָפּאָליטישן באָדן איז דאָס געווען נישט מער ווי אַן אידייע, וואָס איז געקומען דורך אַ געניאַלע אינטואיציע, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום רעאַלן באָדן אין לעבן. ביי יעזוס׳ן האָט די דאָזיקע אידייע, אַ דאַנק דער אַלוועלטלעכער רוימישער מלוכה פֿון יענער צייט, באַקומען פֿלייש און ביין, און ווייל ער האָט זיך נאָג־קאָנקרעט געשטעלט איבערן יידנטום, איבער רוים, האָבן זיינע מיטבירגער געמוזט אים אַראָפּרוימען פֿון וועג.

---

1) בעער: 98־טע זייט.

2) דאָרט.

ג). די אורקריסטלעכע געמיינדן.

אין די ערשטע יארן נאך יעזוסעס טויט האבן די קריסטלעכע געמיינדן, וואס זיינען באשטאנען כמעט דורכאויס פֿון פראלעטאריער, געלעבט קאמוניסטיש. דאס זיינען געווען די טרעגער פֿון דער סאציאלער גערעכטיקייט: „איר קענט נישט דינען אי גאט אי דעם מאמאָן". אלע, וואס זיינען געווארן גלויביקע האבן געלעבט בשותפות און האבן אלע זאכן געהאלטן געמיינזאם... זייער האב און גוטס האבן זיי פֿארקויפֿט און װאס זיי האבן באקומען, האבן זיי צעטיילט צווישן אלע, ווער עס האט געדארפֿט"[1]. „די מחנה פֿון די גלויביקע איז געווען איין הארץ און איין נשמה; קיינער האָט אויך נישט געזאגט, אז זיין גוטס איז זיין אייגנטום, נאר אלץ איז געווען געמיינזאם"[2].

עס פֿארשטייט זיך, אז אזא פראפאגאנדע, וואס איז געפֿירט געווארן נישט נאר מיט ווערטער, נאר — און הויפטזעכלעך — מיט מעשים האט געהאט א קאלאסאלן ערפֿאלג, ספעציעל צווישן די ארימע און אונטערדריקטע. דאס איז אבער שוין געווען נאך יעזוסעס טויט; דער ארגאניזאטאר און אויסטייטשער פֿון קריסטנטום איז געווארן פ א ו ל ו ס. ער איז געווען ווייט פֿון פראלעטאריאט און געשטאמט פֿון די פרושים — א שריפֿטשטעלער, וואס האט זיך שטארק פֿארנומען מיט פֿראגן פֿון געוויסן. ביי אים איז דער קאמוניזם געווען נישט אזוי וויכטיק לויט די מעשים, נאר ווי אן אידייע. און א דאנק אים האט דאס קריסטנטום זיך פֿארוואנדלט אנשטאט אין א ל ע ר ע פֿ ו ן ל ע ב ן און א קאמוניסטישן ג ל ו י ב ן. א דאנק זיינע גרויסע פערזענלעכע פֿעאיקייטן און איינשאפֿטן האט ער געהאט א גרויסע פאפולאריטעט און ער האט געלייגט זיין חותם אויף דעם דעמאלסטיקן קריסטנטום.

דאס האט אבגעשוואכט דעם קאמוניזם פֿון מ ע ש י ם און געגעבן די מעגלעכקייט צוצושטיין צו דער קאמוניסטישער אידייע גאנץ גרויסע גרופן פֿון רייכע מענטשן, וואס האבן געוואלט זיין אין ארדנונג מיט זייער געוויסן. זיי האבן געגעבן אסך צדקה, פֿארזארגט די ארימע און אונטערדריקטע. די קעגנזייטיקע, היפוכדיקע השפעה פֿון די רייכע און ארימע אין קריסטנטום האט זיך אידעאלאגיש אויסגעדריקט אין קאמף צווישן „מעשים" און „גלויבן". וועגן דעם טאקע שרייבט י א ק א ב ו ס, וואס טרעט ארויס קעגן פאולוסן, אז „איך דער גלויבן אן מעשים איז טויט".

אינטערעסאנט איז ווי ביי די פֿיר עוואנגעליסטן ווערט דער קאמוניזם אויסגעדריקט אלץ שוואכער און שוואכער. בשעת ביי ל ו ק א ס'ן למשל, ווערן אין דער רעדע אויפֿן בארג, די הונגערנדע פֿארשטאנען אין פשוטן זין, — ווערן

[1] די אפאסטאלן געשיכטע, קאפ. 2, 44—45־טע זייט.
[2] דארט, באנד 4, 32־טע זייט.

ווי ביי מאַטוויי'ן אויסגעטייטשט אַלס גייסטיק הונגערנדע. ביי לוקאַס'ן זאָגט יעזוס צום רייכן יונגמאַן, וואָס וויל באַקומען דאָס אייביקע לעבן: „פאַרקויף אַלץ וואָס דו האָסט און צעטייל עס צווישן די בעטלער... און דאַן גיי נאָך מיר". ביי מאַטווייען איז שוין דער באַפעל נישט אַזוי אַפּסאָלוט און אָנשטאָט דעם קומט „ווען דו ווילסט זיין פולקאָמען". ביי די אורשפרינגלעכע קריסטן איז געווען אַ ריין נעגאַטיווע באַציונג צום פאַמיליען לעבן; דאָס איז געווען אַ בועל־יוצא פון זייער קאָמוניזם, וואָס שליסט אויס באַזונדערע פאַמיליען־ווירטשאַפטן. ביי לוקאַס'ן איז עס אויך אויסגעדריקט אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם. ער דערציילט, ווי יעזוס זאָגט אַ יונגמאַן: „ווען איינער קומט צו מיר און האַסט נישט זיין פאָטער, זיין מוטער, זיין פרוי, זיינע קינדער, זיינע ברידער און שוועסטער, אַפילו זיין איינן לעבן, דער קען נישט זיין מיין תלמיד". פאַרשטייט זיך, אַז שוין נאָך לוקאַסן איז די נעגאַטיווע באַציונג צום פאַמיליען לעבן אָבגעשוואַכט געוואָרן.

אָבער אַפילו דער אמת'ער קאָמוניזם פון אוראַלטן קריסטנטום, איז געווען נאָר אַ קאָמוניזם פון געברויך־מיטלן. אויב יעזוס הייסט אַלץ פאַרקויפן און צעטיילן צווישן די וואָס נויטיקן זיך, בלייבט דאָך די קשיא, ווער וועט פּראָדוצירן, ווען אַלע וועלן נאָר געברויכן. „אַ לאָגישע דורכפירונג פון אַזאַ סיסטעם וואָלט באַטייט דעם סוף פון יעטוועדער פּראָדוקציע"[1]. און דערפאַר טאַקע, ווייל ליט דעם דעמאָלדיקן פּרימיטיוון צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־כוחות האָט גע־מוזט בלייבן דאָס פּריוואַטע־אייגנטום אויף פּראָדוקציע־מיטלען, האָבן די קריסטן געמוזט פאַראייניקן דעם קאָמוניזם פון געברויך־מיטלען מיטן פּריוואַט־אייגנטום. ווען מען האָט איבערגעלאָזט אויפן גרונט און הייזער. נאָר די געברויך־מיטלען האָבן געדאַרפט זיין געמיינזאַם. „אויף אַזאַ אופן איז די געמיינזאַמקייט פון אייגנטום געווען נאָר די געמיינזאַמקייט פון געברויך. יעדער קריסט האָט נאָך אַ ברו־דערישער הסכמה געהאַט דאָס רעכט אויף דעם אייגנטום פון אַלע מיטגלידער פון דער ... געמיינדע און האָט געקאָנט אין פאַל פון נויט פאָדערן, אַז די פאַרמעגלעכע מיטגלידער זאָלן אים געבן פון זייער אייגנטום אַזוי פיל, וויפיל ער דאַרף האָבן צו באַ־פרידיקן זיינע באַדערפנישן. יעדער קריסט האָט געקענט זיך באַנוצן מיטן אייגנטום פון זיינע ברידער, און אַלע קריסטן, וואָס האָבן עפּעס פאַרמאָגט האָבן נישט געקענט אָבזאָגן זייערע נויטבאַדערפטיקע ברידער אינם באַנוצן זיך מיט זייער אייגנטום. אַ קריסט, וואָס האָט, למשל, נישט געהאַט קיין הויז, האָט געקענט פאָדערן ביי אַ צווייטן קריסט, וואָס האָט געהאַט צוויי אָדער דריי הייזער, אַז יענער זאָל אים געבן אַ וואוינונג, אָבער דער לעצטער איז דאָך געבליבן דער אייגנ־

1) ק. קויטסקי: דער פּלאַטאָנישער און אור־קריסטלעכער קאָמוניזם. 47־טע זייט.

טימער פֿון די הייזער. אַ דאַנק דער געמיינזאַמקייט פֿון געברויך האָט מען געדאַרפֿט נעבן דעם צווייטן אַ וואוינונג צום געברויכן"[1].

דער קאָמוניזם פֿון די קריסטן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פּראָבלעם פֿון פֿאַמיליען־לעבן, וועלכעס די ערשטע קריסטן האָבן געפּרוּאווט בכלל נעגירן, צוליב דעם, ווייל ווי מיר האָבן עס געזעען, אַ פֿאַמיליען־ווירטשאַפֿט איז סותר דעם קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן. די געמיינזאַמע סעודות זיינען געבליבן נאָר פֿאַר ימים טובים און געוויינטלעך האָט זיך יעדער געמאַכט שבת פֿאַר זיך. אַ דאַנק דעם איז דער געברויך אויך געוואָרן אינדיווידועל — אין די פֿאַמיליעס. און דער קאָמוניזם פֿון געברויך האָט זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס יעטוועדער האָט געברויכט פֿון זיינע פּראָדוקטן, וויפֿיל ער האָט געדאַרפֿט, און נאָר דעם עודף האָט ער אָבגעגעבן אין דער געמיינדע פֿאַרן געזעלשאַפֿטלעכן געברויך.

ד). די קירכנפֿאָטערס.

אָט די אַלע אומשטאַנדן, האָבן סוף כל סוף געבראַכט צום נצחון דעם „גלויבן" אין קאַמף קעגן די „מעשים". די קאָנקרעטע אומגינסטיקע באַדינגונגען פֿאַרן קאָמוניזם האָבן אָבער נישט געשטערט, אָדער דוקא מיטגעהאָלפֿן צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער אידייע, וואָס איז אויך נאָך די ערשטע דריי הונדערט יאָר נאָך קריסטוסעס געבורט געווען די דאָמינירענדע אין קריסטנטום. אַזוי זאָגט וואַרנאַוואַ פֿון קיפּר (ערשטער יאָרהונדערט): „דו זאָלסט אַלע זאַכן האָבן געמיינזאַם מיט דיינע נאָענטע". יוסטין דער מאַרטירער (געבוירן אין יאָר 100 נאָך קריסטוס געבורט) זאָגט: „מיר ברענגען איצט וואָס מיר האָבן אין דער געמיינשאַפֿט און טיילן זיך דערמיט מיט יעדן, וואָס האָט נישט". אין דער זעלבער צייט זאָגט קלעמענס פֿון אַלעקסאַנדריע: „גאָט האָט אונדז געגעבן די פֿרייהייט צום גענִיסן אָבער נאָר אויף אַזוי פֿיל, וויפֿיל דאָס איז נויטיק, און ער האָט באַשטימט, אַז דאָס גענִיסן זאָל זיין געמיינזאַם"[2]. טערטוליאַן, וואָס האָט געלעבט אין אָנהויב פֿון דריטן יאָרהונדערט זאָגט: „מיר צעטיילן אַלע זאַכן געמיינשאַפֿטלעך, אויסער אונדזערע פֿרויען, נאָר אין דער דאָזיקער אָנגעלעגנהייט הערט אויף אונדזער געמיינשאַפֿטלעכקייט, ביי אייך אָבער, (ביי די רוימער) איז נאָר דאָס לעצטע געמיינשאַפֿטלעך"[3].

אַ ביסל שפּעטער געפֿינען מיר שוין אַפֿילו אין דער אידייע דעם אָבגעשוואַכטן קאָמוניזם. מען דאַרף נישט האָבן מער, אין וויפֿיל מען נויטיקט זיך.

---

[1] י. פֿעגעל: די עלטעסטע און ערשטע קריסטן. ציטירט נאָך קויטסקין.
[2] אַפּאָלאָגיע 189.
[3] פּעדאַגאָקוס 13, XII.

אין סוף פֿון פֿערטן יאָרהונדערט האָט היעראָנים געזאָגט: „ווער עס באַזיצט מער, ווי ער בעדאַרף, זאָל עס אַוועקגעבן“. אין דער זעלבער צייט איז אויך וואַסילי דער גרויסער אַרויסגעטרעטן אַ קעגן די רייכע.

די קירכנפֿאַטערס האָבן אויך פֿאַרטיידיקט דאָס נאַטור־רעכט. אַמבּראָזי זאָגט: „די נאַטור האָט באַשאַפֿן דאָס קאָמוניסטישע רעכט, דאָס צוואַייִנגען מיט געוואַלט האָט באַשאַפֿן דאָס פּריוואַט־אייגנטום־רעכט“. קיריל פֿון אַלעקסאַנדריע (אין אָנהויב פֿון פֿינפֿטן יאָרהונדערט) זאָגט נאָך אײַנפֿאַכער: די נאַטור און גאָט קענען נישט קיין אונטערשיד; די לעצטע זיינען ערפֿונדן נאָר פֿון מענטשלעכן חשק“.

באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העפֿטיקן קאַמף קעגן רייכטום יאָהאַן קריסטאָזאָם (317-407): „די שכינה האָט גערוט אויף זיי אַלעמען (די ערשטע קריסטן — נ. ר.) ווייל צווישן זיי איז נישט געווען קיין איינער וואָס איז געווען אין נויט, און דאָס דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט בלייבן אָרים. און דאָס פֿלעגט געשען נישט אַזוי, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן איין חלק, און דעם צווייטן זאָלן זיי לאָזן פֿאַר זיך, אָדער זיי זאָלן אָפּגעבן אַליץ ווי זייער אייגנטום. זיי האָבן אָפּגעשאַפֿט יעדע אומגלייכקייט און האָבן אַלע געלעבט אין גרויס וואוילטאָג. און זיי האָבן עס געטאָן אויפֿן סאַמען ווירדיקסטן אופֿן. זיי האָבן נישט נעהאַט די העזה צו געבן צדקה אין די הענד פֿון די נויטבאַדערפֿטיקע, זיי האָבן נישט געגעבן מיט אַ שטאָלצער ערנידריקונג, נאָר זיי פֿלעגן ברענגען אַליץ צו די פֿיס פֿון די אַפּאָסטאָלן און האָבן די לעצטע געמאַכט פֿאַר די בעלי־בתּים און פֿאַנאַנדערטיילער פֿון דער צדקה. וואָס איינער האָט געדאַרפֿט, פֿלעגט מען נעמען פֿון פֿאַראַט פֿון דער געמיינדע, אָבער נישט פֿון עמיצענס פּריוואַט־אייגנטום. דערמיט האָט מען דערגרייכט דאָס, אַז די בעלי־צדקה האָבן זיך נישט דורכגעדרונגען מיט גאווה.

אויב מיר וואָלטן איצט געטאָן אַזוי, וואָלטן מיר אַלע געלעבט אַסאַך גליקלעכער — סיי די רייכע, סיי די אָרימע; און די אָרימע לייט וואָלטן דערפֿון געהאַט נישט מער, ווי די רייכע... ווייל די וואָס געבן ווערן נישט נאָר נישט אָרים — זיי מאַכן אויך די אָרימע רייך“[1].

קיינער האָט אָבער יאָהאַנען נישט געפֿאָלגט. „די מענטשן“ — זאָגט ער — „האָבן מוראַ פֿאַר אַזאַ אָרדענונג, מער ווי פֿאַר אַ שפּרונג אין אומענדלעכן ים“. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז ווען מענטשן זאָלן וועלן, וואָלטן זיי עס געקענט דורכפֿירן. יאָהאַן'ס מוט האָט אים טייער געקאָסט. ער האָט דערפֿאַר באַצאָלט מיט זיין אַמט אַלס קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרך.

---

1) יאָהאַנס ווערק, ציטירט נאָך קויטסקין.

ה). די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון קריסטנטום.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פֿאַרן אור־קריסטנטום איז אָבער געווען דער גלויבן אין גאָטס־מלוכה, וואָס דאַרף פֿאַרווירקלעכט ווערן נאָך אין דעם לעבן אין עולם־הזה. דאָס האָט געדאַרפֿט זיין די טויזנט־יעריקע מלוכה. פֿאַר וואָס די אַלע פֿאַנטאַסטישע גלויבנס אין דער נייער אָרדנונג ווערן אָנגערופֿן כ י ל י אַ ס ט י ש ע (כיליאָס איז אין גריכישן טויזנט). גאָטס־מלוכה איז אַלזאָ געווען אַן ערדישע זאַך. ביי די קירכנפֿאָטערס ווי א י ר י נ י י (בישאָף פֿון ליאָן אין ענדע פֿון צווייטן יאָרהונדערט) און ל אַ ק ט אַ נ י (אָנפֿאַנג פֿון פֿערטן יאָרהונדערט) קען מען געפֿינען גאַנץ קאָנקרעטע שילדערונגען פֿון דער דורך גאָט געבענשטער מלוכה, אין וועלכער עס האָבן אַגב אורחא געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווין און ליבע. (איריניי).

דער דאָזיקער גלויבן אין אַן איבערקערעניש, הגם אַ פֿאַנטאַסטישער, האָט געשמעקט מיט רעוואָלוציאָניזם. און דאָס איז געווען נישט זער באַקוועם פֿאַר דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. דערמיט ווערן ערקלערט די גרויסע רדיפֿות אויף די קריסטן אין די ערשטע יאָרן. בכדי אָפּצווענדן די דאָזיקע רדיפֿות, האָבן די טעאָלאָגן אין פֿערטן יאָרהונדערט ספּעציעל געפּרוּווט מיט כלערליי מאַכינאַציעס און סאָפֿיזמען כשר צו מאַכן דאָס קריסטנטום פֿאַר דער עקזיסטערענדער אָרדנונג. עס איז אָבער נישט געווען מעגלעך אינגאַנצן אויסצוראָטן די קאָמוניסטישע אידייען פֿון קריסטנטום, האָט מען פּשוט געפּרוּווט צוצופּאַסן די אידייען צו דער ווירקלעכקייט און קודם כל איבערטראָגן גאָטס־מלוכה אויף אַביסל שפּעטער: דאָס הייסט איבערטראָגן זי פֿון עולם הזה און עולם הבא, און דערמיט זיך געבן פֿרייע הענד אין עולם הזה. אין דער הינזיכט האָט ספּעציעל געקעמפֿט קעגן די כיליאַסטישע אידייען א ו י ג ו ס ט י ן (געשטאָרבן אין יאָר 430). די פּאָליטישע ווירקונג פֿון דער דאָזיקער צופּאַסונג איז געווען, אַז אין אָנפֿאַנג פֿון פֿערטן יאָרהונדערט איז דאָס קריסטנטום געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע אמונות (313) און צום סוף פֿון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט איז שוין דאָס קריסטנטום געוואָרן די מלוכה־רעליגיע.

איינגנטלעך איז שוין פֿון יאָהאַנס אַגיטאַציע צו זען, אַז אין צווייטן יאָרהונדערט, איז דער קאָמוניסטישער גייסט געבליבן נאָר ביי די קירכנפֿאָטערס, אָבער נישט ביי די רייכע קריסטן. די קאָמוניסטישע פּ ר אַ ק ט י ק האָט זיך ביסלעכווייז פֿאַרוואַנדלט און אַ קאָמוניסטישן ג ל ו י ב ן, און אויך דער גלויבן האָט זיך בהדרגה אויסגעוועפּט ביי דער מאַסע: אַלע אומבאַקוועמע סענטענצן פֿון קריסטנטום, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרפֿעלשן. אַפֿילו די באַציונג צו קנעכטשאַפֿט האָט זיך געענדערט: די פֿריער־

דיקע גלייכקייט פֿון אַלע מענטשן האָט מען איצט אויסגעטייטשט אַלס גלייכקייט פֿאַר גאָט, וואָס פֿאַרפּליכטעט אייגנטלעך די מענטשן צו גאָרנישט.

און אַפּילו דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן פֿון קריסטנטום אין דריטן יאָרהונדערט, די פּרואוון צו לעזן דאָס פּראָבלעם פֿון אָרימקייט, האָט ביסלעכווייז אָנגענומען פֿאָרמען פֿון צדקה און נישט מער. ראַטצינגער כאַראַקטעריזירט אַזוי די אַנשויאונגען אויף אייגנטום פֿון די ערשטע קירכנלערערס: „די קירכע איז געווען באַשטימט נאָר פֿאַר די אָרימע, די רייכע זיינען געווען באַזייטיקט פֿון איר... דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון אייגנטום דאַרף נישט אומבאַדינגט זיין פֿולקאָם, עס איז גענוג, ווען ער (דער רייכער) האַלט זיך צוריק פֿון אַ צו גרויסן געניטס פֿון זיין אייגנטום, פֿון זיין צוגעבונדנקייט צו אים, מיט איין וואָרט, פֿון קמצנות... און דער רייכער האָט געדאַרפֿט אָפּציען זיין האַרץ פֿון יעדן ערדישן אייגנטום און זעען אין זיך נאָר אַ פֿאַרוואַלטער, וואָס איז אוועקגעשטעלט דורך גאָט וואָס דאַרף נאָר אַזוי אָפּהיטן זיין אייגנטום, ווי דאָס וואָלט געהערט נישט אים; ער האָט געדאַרפֿט נעמען פֿאַר זיך נאָר דאָס נויטיקסטע פֿאַר זיין עקזיסטענץ, דאָס איבעריקע אָבער, האָט ער געדאַרפֿט, ווי אַן אמת'ער גאָטס-פֿאַרוואַלטער באַנוצן פֿאַר אָרימע"[1]. דער אורשפּרינגלעכער קאָמוניזם ביי די קריסטן האָט דאָ באַקומען אַן עלאַסטישן פּירוש: דער רייכער האָט זיך באַדאַרפֿט אָפּזאָגן פֿון זיין רייכטום נאָר אין האַרצן, וואָס איז סוף כל סוף נישט געווען קיין זעהר שווערע אויפֿגאַבע.

אָבער אַפּילו אין דער פֿאָרם האָט די קירכע געקעמפֿט מיט דעם רייכטום ביסלעכווייז איז אָבער דאָס אויך פֿאַרשוואונדן: פֿון דער קירכע גופֿא האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייער אייגנטימער: „די קירכע איז נישט בלויז נישט געווען פֿעאיק צו מאַכן אַ סוף צו די קלאַסן-קעגנזאַצן, וואָס האָבן עקזיסטירט פֿאַר איר, נאָר זי אַליין, האָט מיטן וואוקס פֿון איר כוח און רייכטום, באַשאַפֿן נייע קלאַסן-קעגנזאַצן. אין דער קירכע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ הערשנדיקער קלאַס, דער קלער, ווען עס איז געווען אונטערגעוואָרפֿן די מאַסע, פּשוטע קריסטן"[2].

בעת די פֿאַרוואַלטערס פֿון דער קירכע, די בישאָפֿן און פּרעסביטערס, זיינען לכתחילה געקליבן געוואָרן דורך די מיטגלידער פֿון דער געמיינדע, האָבן זיי אייגנטלעך נאָר געהאַט פֿליכטן און קיין שום מאַטעריעלע רעכט. מיט דער צייט האָבן זיי אָבער געמוזט ווערן „קירכן-פּראָפֿעסיאָנאַלן", ווייל עס פֿלעגט זיי נישט בלייבן קיין צייט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט אַנדערע פּראָפֿעסיעס, די אַרבעט איז שוין געווען גרויס. אַזוי אַרום האָט מען שוין נישט געקענט באַ-

---

1) ראַטצינגער: די געשיכטע פֿון צדקה אין דער קירכע, ציטירט נאָך קויטסקי".

2) קויטסקי: [illegible]9-טע זייט.

גוצן אַלע סומען פֿאַר אָרימעלייט. נאָר אַ גרויס חלק פֿון די געלטער איז אַוועק אויף אויסהאַלטן מענטשן, געביידעס און די אַדמיניסטראַציע בכלל. דער בי־שאָף איז מיט דער צייט געוואָרן כמעט אַ זעלבסטהערשער בײַ זיך אין דער געמיינדע, ער האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט דאָס געלט און אָנגעשטעלט מענטשן. וואָס רייכער עס איז געוואָרן די קירכע, דאָס גרעסער איז געוואָרן די מאַכט פֿון איר בישאָף, און אין דער זעלבער צייט איז ביסלעכווייז פֿאָרגעקומען די פֿאַראייניקונג פֿון באַזונדערע געמיינדעס אין איין אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין געהאַט סינאָדן פֿון בישאָפֿן. און ענדלעך אין פֿערטן יאָרהונדערט איז פֿאָר־געקומען די פֿולשטענדיקע פֿאַרייניקונג פֿון אַלע געמיינדעס אין איין פֿאַרבאַנד און אין 325 יאָר איז אין ניקעאַ פֿאָרגעקומען דער ערשטער אַלגעמיינער סינאָד. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרגרעסערט די מאַכט פֿון די בישאָפֿן, און פֿאַר־קלענערט דאָס זעלבסטפֿאַרוואַלטונגסרעכט פֿון די געמיינדעס. די רייכסטע בי־שאָפֿן האָבן געקריגן די גרעסטע מאַכט, ביז גאָר דער רייכסטער, דער רוימי־שער, איז געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון גאַנצן מערבדיקן קריסטנטום.

די זעלבסטפֿאַרוואַלטונג פֿון די געמיינדעס האָט איצט זיך אָנגעהויבן אויס־צודריקן נאָר אינם רעכט צו באַשטעטיקן די קירכן־באַאַמטע, וואָס האָבן שוין געבילדעט אַ באַזונדערע קאָרפּאָראַציע, וואָס האָט פֿאַרוועגדעט דאָס געלט ווי די האָט געוואָלט. אין דער קירכע האָט מען געקענט האָבן אַ גוטע קאַריערע. באַזונדערס גוט איז די קירכע אַוועקגעשטעלט געוואָרן, ווען די פּאָליטישע מאַכט פֿון די קיסריים האָט געהאַלטן ביים פֿאַלן. די קיסריים האָבן דאַן „שוין אי־בערגעגעבן דער קירכע אַ גאַנצע רייע פֿון מוניציפּאַלע און מלוכה־פֿונקציעס, וואָס עס האָט נישט געקענט דערפֿילן די אונטערגייענדע מלוכה־ביוראָקראַטיע"[1].

האָבנדיק אַזאַ מאַכט און שטיצנדיק זיך אויף דער מלוכה, האָט די קירכע שוין איינגעפֿירט אַ מעשר, וועלכן מען פֿלעגט נעמען לכתחילה פֿרייוויליק און שפּעטער מיט צוואַנגס־מאַכט.

„די קירכע איז געוואָרן זער רייך און אין דערזעלבער צייט איז דער קלער געוואָרן פֿולשטענדיק אומאָפּהענגיק פֿון די מאַסע קריסטן. עס איז קיין חידוש נישט, אַז אין דער מאָס, ווי עס האָט געשטיגן איר רייכטום, האָט זי אַלץ מער און מער אויפֿגעהערט צו באַנוצן איר אייגנטום פֿאַר די אָרימע. דער קלער האָט עס אויסגעגעבן פֿאַר זיך. געלט־תשוקה און פֿאַרשווענדעריי האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין דער קירכע, באַזונדערס אין די רייכע געמיינדעס: רוים, קאָנ־סטאַנטינאָפּל, אַלעקסאַנדריע וכדומה. פֿון אַ קאָמוניסטישער איינריכטונג האָט זיך די קירכע פֿאַרוואַנדלט אין דעם גראַנדיעזסטן מעכאַניזם פֿון צו רייסן געלט, וואָס די וועלט האָט נאָר אַ מאָל געזען. שוין אין פֿיפֿטן יאָרהונדערט געפֿו־

[1] קויטסקי: 63־טע זייט.

נען מיר די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די קירכן־הכנסות אויף פֿיר חלקים, ווי אַ שטענדיקן אינסטיטוט פֿון דער רוימישער קירכע. איין חלק האָט געהערט דעם בישאָף, דער צווייטער דעם קלער, דער דריטער האָט געדאַרפֿט גיין אויף צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון קולט (די איינריכטונג און אויסהאַלטונג פֿון דער קירכע) און נאָר דער פֿערטער חלק האָט געהערט די אָרימע. אַלע אָרימע צוזאַמען האָבן געקריגן נאָר אַזוי פֿיל, וויפֿיל עס האָט באַקומען איין בישאָף"[1].

אָבער אַפּילו די אַלע אייגנטום־ענדערונגען האָבן נישט געקענט ברענגען דערצו, אַז מען זאָל אינגאַנצן פֿאַרגעסן דעם קאָמוניסטישן אורשפּרונג פֿון די קירכן־רייכטימער און אַז זיי זאָלן ערקלערט ווערן ווי אַן אויסשליסלעך אייגנטום פֿון דער קירכע גופא.

דאָס איז ערשט פֿאָרגעקומען שפּעטער, ווען די קירכע האָט געקריגן אויך די פּאָליטישע מאַכט, און ווען עס זיינען פֿאַרפֿנטלעכט געוואָרן די איסידאָרן־דעקרעטאַליען, לויט וועלכע דאָס גאַנצע אייגנטום געהערט דער קירכע, ווייל אונטער אָרימע דאַרף מען פֿאַרשטיין נאָר אָרימע אין גייסט. לסוף איז אין XII יאָרהונדערט דאָס גאַנצע קירכן־רייכטום ערקלערט געוואָרן פֿאַרן אייגנטום פֿון פּויפּסט.

אַזוי איז דער אורשפּרינגלעכער אַלט־קריסטלעכער קאָמוניזם אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן. אמת, ער איז נאָר פֿאַרבליבן אַלס אַ היסטאָרישער איבערעשט אין די שפּעטער עקזיסטירנדע אָרדענס און קלויסטערס. אָבער די דאָזיקע קירכלעכע אַנשטאַלטן זיינען נאָר אינערלעך געווען קאָמוניסטיש. פֿאַר דרויסן פֿלעגן זיי אַרויסטרעטן אַלס פּריוואַטע ווירטשאַפֿטן, וואָס האָבן סוף כל סוף נישט געקענט ביישטיין און געמוזט זיך אַנטוויקלען לויט דער צייט. „אין דער עפּאָכע פֿון נעשלאָסענע הויזווירטשאַפֿטן האָבן זיי אַליין באַפֿרידיקט אַלע זייערע באַדערפֿענישן. שפּעטער זיינען זיי געוואָרן פֿעאָדאַלע נוטבאַזיצער, און איצט האָבן אַסאַך פֿון זיי קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, ווי ליקער־פֿאַבריקן, קעזערייען וכדומה"[2].

---

1) קויטסקי: 64־טע זייט.
2) לוצאַטאָ: 66־טע זייט.

V.

קאָמוניסטישע אידייען אין מיטל־אַלטער.

(פֿון III־טן ביזן XIII־טן יאָרהונדערט).

א). די ווירטשאַפֿטלעך־פּאָליטישע לאַגע.

בכדי צו פֿאַרשטיין די קאָמוניסטישע אידייען און סעקטן אין מיטל־אַלטער, מוז מען זיך קודם־כל אָפּשטעלן אויף די ווירטשאַפֿטלעך־סאָציאָלאָגישע ענ־דערונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין די דאָזיקע יאָרן אין רוים און אין מיטל־אייראָפּע און געבן אַ קורצן אַנאַליז פֿון די פֿילאָזאָפֿישע אידייען, וואָס האָבן געהערשט צו יענער צייט.

די ערשטע פּאָר הונדערט יאָר, פֿון דער עפּאָכע, וואָס קומט דאָ איצט אין באַטראַכט, איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פֿון דער גרויסער איבער־וואַנדערונג פֿון די פֿעלקער, וואָס האָט געדויערט פֿון אָנהויב דריטן יאָרהונדערט ביז צום סוף פֿון פֿיפֿטן. די קאָלאָסאַלע איבערוואַנדערונג, וואָס האָט אַראָפּגענומען פֿון די אָנגעזעסענע ערטער מיליאָנען מענטשן, האָט געשטאַמט פֿון מיטל־אַזיען און איז אַרויסגערופֿן געוואָרן וואַרשיינלעך אַ דאַנק דער כינעזישער עקספּאַנזיע־טענדענץ. אומגעהייערע אַזיאַטישע האָרדן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט קיין אייראָפּע און זי פֿאַרפֿלייצט. איין פֿעלקער־כוואַליע האָט געשטופּט די צווייטע, די מאָנ־גאָלן, די טאַטאַרן האָבן פֿאַרנומען מזרח־אייראָפּע און געדרענגט די גאָטן, וואָס זיינען געווען דער מזרחדיקער שטאַם פֿון די גערמאַנען. די גאָטן האָבן מיט־געשלעפּט די הונען, נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די וואַנדאַלן, סוועון, בורגענדער, פֿראַנקן, אַללעמענער. די דאָזיקע מענטשן־כוואַליע האָט זיך געצויגן קיין רוים, וואָס איז פֿאַרנומען געוואָרן דורך די וועסטגאָטן אין יאָר 410. די אַלע פֿעל־קער האָבן אויסגעבילדעט פֿון דער גרויסער רוימישער מלוכה אַ גאַנצע רייע פֿון קליינע נייע מלוכות, וואָס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. די וועסטגאָטן האָבן זיך באַזעצט אין דרום־גאַליען און שפּאַניען (415-711), די וואַנדאַלן אין צפֿון־אַפֿריקע (429-534), די אָסטגאָטן אין איטאַליען (493-553), די לאַנגבאַרדן אין איטאַליען (568-774). די פֿראַנקן, וואָס זיינען באַ־שטאַנען פֿון ראָמאַנער און גערמאַנער האָבן געבילדעט פֿראַנקרייך, וואָס האָט אַלס גאַנצעס עקזיסטירט פֿון סוף פֿיפֿטן יאָרהונדערט ביז 843.

די אַלע אָנגעקומענע פֿעלקער האָבן נאָך אין זייער צוזאַמענלעבן געהאַט

אַסך שפּורן פֿון אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם. שוין פֿריער האָט די באַרירונג פֿון די גערמאַנער מיט רוים געהאַט אַ צעשטערנדן איינפֿלוס אויף דעם אופֿן פֿון לעבן ביי די ערשטע. ווען מען פֿאַרגלייכט דאָס בילד פֿון זייער לעבן מיט די אור־קאָמוניסטישע מנהגים, וואָס מען טרעפֿט ביי יוליוס צעזאַר, מיטן באַשרייבן פֿון טאַציטן, זעט מען באַשיינפּערלעך דעם צעזעצונגס־פּראָצעס, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון רוים'ס נאָענטקייט. ביי די גערמאַנער איז שוין אַנטשטאַנען פּריוואַט־אייגנטום אויף באַוועגלעכע גיטער און אויף שאָף, אויף הייזער און הויפֿן, און צום סוף האָט מען אָנגעהויבן טיילן די פֿעלדער. אָבער וועלדער און פּאַשעס זיינען געבליבן אין בשותּפֿותדיקן באַזיץ פֿון גאַנצן שבט און האָבן געהייסן „אַלמענדן". די פֿאַרוואַלטונג איז נאָך פֿאַר טאַציטס צייטן געווען אַ דעמאָקראַטישע. דער שבט אינגאַנצן איז געווען דער אייבער־האַר און נישט דער יחיד. צום שבט האָט געהערט דאָס אייגנטום אויפֿן באָדן, דער שבט האָט באַזירט אויף בלוט־קרובֿהשאַפֿט.

די נייע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאָרמען פֿון די מלוכות, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן נאָך דער גרויסער פֿעלקער־וואַנדערונג, זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער קעגנזייטיקער ווירקונג פֿון די ביידע פֿאַקטאָרן: די רעשטן פֿון אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם ביי די אָנגעקומענע פֿעלקער און דאָס פּריוואַט־אייגנטום, אויף וועלכן עס האָט באַזירט רוים. דעריבער איז עס „די סטרוקטור פֿון דער גערמאַניש־ראָמאַנישער געזעלשאַפֿט פֿון 5־טן ביז 10־טן יאָרהונדערט געווען פֿאָלגנדע: עס האָט צוגלייך עקזיסטירט אַ דאָרפֿיש רעכט און אַ פּריוואַטע הערשאַפֿט. די לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס איז דאַן געווען דער הויפּט מקור פֿון חיונה, איז געווען אין די הענט פֿון די פּויערים, וואָס האָבן געלעבט אויף שטיקלעך באָדן, וועלכע האָבן געקענט דערנערן אַ פֿאַמיליע פֿון 5 ביז 18 פּערזאָן. יעדע ווירטשאַפֿט איז באַשטאַנען פֿון אַ הויף און אַ שטיקל גאָרטן־באָדן נעבן הויף אַלס פֿעסטע אייגנטום; אַ חוץ דעם האָט צו דער ווירטשאַפֿט געהערט אַ ירושה־רעכט אויסצונוצן אַ חלק פֿון אַקערערד, וואָס איז געווען גענוג גרויס און פֿלעגט באַאַרבעט ווערן לויט געמיינזאַמע טראַדיציאָנעלע מנהגים. לסוף האָט אויך צו דער ווירטשאַפֿט געהערט דאָס רעכט צו באַנוצן דעם וואַלד, די פּאַשעס, די וואַסערן (פֿיש), דאַן דאָס רעכט אויף יאַגד (אַלמענדן). אַזאַ פּויערישע ווירטשאַפֿט האָט געהייסן „הויף" און האָט פֿאַרנומען פֿון 15 ביז 18 העקטאַר. זי איז געווען צום טייל פּריוואַט־אייגנטום און צום טייל געמיינזאַמעס אייגנטום. אָבער דער פּויער איז לפֿנים מער נישט געווען פֿריי. ער האָט געמוזט דינען דעם גרונטבאַזיצער צו אַ באַשטימטער צייט מיט פֿערד און אייגענער אַרבעט. אַחוץ דעם איז נישט געווען קלאָר, ווער איז דער אייגנטימלעכער בעל־הבית פֿון דעם אַקערבוי־לאַנד און פֿון די „אַלמענדן". די פּויערים האָבן געטראַכט, אַז צו זיי ווי אַ געזעלשאַפֿט געהערן די לענדערייען; פֿון דער

אַנדערער זייט פלעגן די גרונדבאַזיצער האָבן פּרעטענסיעס אויפן סמך פון פעאדאלן רעכט אויף אלע לענדערייען, וואָס זיינען געלעגן אונטער זייער באַזיץ. די פראַגע איז ענדלעך אַנטשידן געוואָרן דורך כח, און די גרעסערע מאַכט־מיטלען האָבן געהאַט די פעאָדאַלן. דאָס איז שפּעטער געוואָרן דער מקור פון די פויערישע מלחמות״[1].

אין אַלגעמיינעם איז אָבער די לאַגע פון די פויערים געווען נישט שלעכט, ווייל זייער עקספּלאָאַטאַציע דורך די פעאָדאַלן האָט געהאַט נאַטירלעכע גרעניצן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די באַדערפנישן פון די פעאָדאַלן גופא און זייער פאַמיליע. עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין מאַרק, וואו מען זאָל קענען פאַרקויפן די אָנגעזאַמעלטע, אָדער אין סחורות פאַרוואַנדלטע פרעמדע אַרבעטס־קראַפט; מען האָט נאָך נישט געפירט קיין ברייטן האַנדל און מען האָט נאָך נישט געזאַמעלט קיין געלד. די לאַגע האָט זיך אָבער גע־ביטן ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קרייץ־צוגן און די כסדרדיקע מלחמות, פאַר וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן אַסך מאַטעריעלע אוצרות און הויפּט־זעכלעך, אין XIII—XVI יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דער האַנדל. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס די פויערים מלחמות זיינען פאָרגעקומען אַסך שפּעטער און דעריבער געפונען מיר פון דער אַנדערער זייט אַזוי ווייניק פויערים אין די אַלע קאָמוניסטישע סעקטעס פון מיטל־אַלטער. (אַחוץ איין אויסנאַם — זע שפּעטער).

אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין די שטעט. אַרום יעדן פעאָדאַל פלעגן זיך אָנהויבן גרופּירן מענטשן, אין וועלכע די פּריצים־פעאַדאַלן האָבן זיך געניטיקט, בכדי צו באַפרידיקן זייערע אַלע באַדערפנישן. אַרום יעדן פעאָ־דאַלן צענטער פלעגט אַנטשטיין אַ ענג געשלאָסענע זידלונג, וועלכע מען פלעגט דאַרפן אַרומרינגלען מיט מויערן, בכדי צו באַשיצן זיך פון אָנפאַלן. מען פלעגט דעריבער גאַנץ גערן אויפנעמען נייע מענטשן, אָבער די ערשטע, וואָס זיינען נעקומען אויך פון דאָרף, האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט די פאַרוואַלטונג און האָבן געבילדעט דעם אויבערשטן שיכט פון דער שטאָט, און די נייאָנגעקו־מענע פלעגן אין קאַמף מיט דער דאָזיקער הערשנדיקער קאַסטע אָנהויבן גרינדן אייגענע פאַרייניקונגען, פון וואַנען עס זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויס־געוואַקסן די מייסטער־צעכן. ספּעציעל האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די שטעט אין צענטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט אָנגעהויבן אין אַ גרעסערער צאָל אַריינקומען אין פאַרקער זילבער פון די זילבער־גרובן אין גאָסלאַר (אין יאָר 920). דאָס זילבער און דער סחורה־אויסטויש איז ביז דעמאָלט געקומען פון מזרח, מיט דער גרעסערער צאָל זילבער, וואָס האָט פאַרלייכטערט און באַלעבט דעם

[1]) בעער: II באַנד, 38־טע זייט.

סחורות־אויסטויש, איז די געלט־ווירטשאַפֿט געוואָרן אַ דאָמינירנדיקע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער מסחר און צו יענער צייט הויבט זיך אָן די ערשטע אינדוסטריע אין אַ גרויסן מאָסשטאַב — די וואָל־אינדוסטריע. אין צענטן יאָר־הונדערט טרעט שוין צרויס ווענעדיק, אַלס הויפּט־האַפֿן פֿון דייטשן האַנדל, די פֿלאַנדרישע שטעט ווערן אַן אָביעקט פֿון וועלט־מאַרק. „אויך די זעלבשטענדיקע פֿויערים ווערן אַריינגעצויגן אין דער געלט־ווירטשאַפֿט, ווייל זיי האָבן די אויפֿבליענדיקע שטעט געליפֿערט די שפּייז־מיטלען"[1]. אָבער דער אויפֿבליענדיקער האַנדל האָט געפֿונען אַ שטערונג אין די עקספּאַנזיע־פּראָוואון פֿון די טערקן־סעלדזשוקן, וועלכע האָבן אין עלפֿטן יאָרהונדערט פֿאַרנומען ירושלים און דמשק און געפֿראָוווט זיך ציען ווייטער און דערמיט אָנגעהאַקט דעם האַנדל מיטן מזרח. דאָס איז געווען די ווירטשאַפֿטלעכע סבה, וואָס האָט געבראַכט אייראָפּע צו די מלחמות מיטן מזרח אין דער פֿאָרם פֿון קרייץ־צוגן. די קרייץ־צוגן זיינען אין זייער עצם מער נישט געווען, ווי אַ רעליגיעזע פֿאָרם פֿון דעם ווירטשאַפֿטלעכן־עקאָנאָמישן באַדערפֿניש.

די ערשטע צוויי אינדוסטריע־געביטן בערג־אַרבעט און וואָל־אינדוסטריע — האָבן שוין קאָנצענטרירט ביי זיך אַ גרויסע צאָל לוין־אַרבעטער. אַזוי האָבן למשל אין 1350 אין פֿרידיש ביז 50.000 מענטשן געלעבט פֿון דער וואָל־אינדוסטריע. און דוקא צווישן די וועבער האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע, נישט נאָר אידייאישע, נאָר אויך געזעלשאַפֿטלעכע קאָמוניסטישע באַוועגונגען.

ב). די פֿילאָזאָפֿישע אָנשויאונגען.

ווי מיר זעען בכן, זיינען די ערשטע פֿאַר הונדערט יאָר נאָך דער גרויסער פֿעלקער וואַנדערונג נישט געווען גינסטיק פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען. דאַקעגן האָבן זיי געגעבן מאַטעריאַל זיך צו פֿאַרפֿולקאָמען נאָר פֿאַר דער „אינטעליגענץ", פֿאַר די רייכע, וואָס האָבן נישט געדאַרפֿט אַרבעטן און דאָס זיינען געווען, ווי מיר האָבן פֿריער געזעען, על־פּי־רוב די גייסטלעכע. דעריבער זעען מיר אין די ערשטע פֿאַר הונדערט יאָר, נאָר גייסטיקע ריין רעליגיעזע פֿילאָזאָפֿישע אידייען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפֿן באָדן פֿון דער דעגענעראַציע פֿון קריסטנטום. ערשט פֿון 10־טן יאָרהונדערט אָן הויבן זיך אָן געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, וואָס זיינען אויך געווען פֿאַרפֿאַרבט רעליגיעז, ווייל קיין אַנדערע פֿאָרם פֿון קיין באַוועגונג האָט אין יענע צייטן נישט געקענט זיין, די אַזוי גערופֿענע קעטצער־באַוועגונגען.

דער יסוד פֿון די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין מיטל־אַלטער איז קודם כל געווען אַ מאַטעריעלער. דאָס איז געווען דאָס פֿאַנאַנדערוואַקסן פֿון פֿריי־

---

1) בעער: II באַנד, 52 זייט.

וואַט־אייגנטום און די זיך אַנטוויקלנדע קלאַסן־קעגנזאַצן. דער אידייאישער תוך, וואָס די באַוועגונגען האָבן אָנגענומען, איז געווען אין הסכם מיטן אור־קריסטנטום, און זיך געשטיצט אויף דעם נאַטורעלן רעכט און אויף דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון מיטל־אַלטער. מיט דער צייט אָבער, ווען די קירכע איז געוואָרן, פֿון דער באַקעמפֿערין, די באַשיצערין און די פֿאַרטיידיקערין פֿון פּריוואַט־אייגנטום, האָבן די קאָמוניסטישע באַוועגונגען געמוזט אָנגעמען על־פּי־רוב, אַ אַנטי־קירכלעכן כאַראַקטער.

„דער מיטל־אַלטערלעכער קאָמוניזם איז אַ געזעלשאַפֿטלעך־עטישער פּראָטעסט קעגן דעם וואוקס פֿון דער פּריוואַט־ווירטשאַפֿט און פֿון דער וועלטלעכער און קירכלעכער געוואַלט, וואָס האָט אַלץ מער און מער פֿאַרניכטעט דאָס נאַטוראַלע רעכט. דאָס אור־קריסטנטום און דאָס גערמאַנישע געמיינשאַפֿטסרעכט. זיין געשיכטע איז אין אַ גרויסער מאָס באַהערשט פֿון רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען און פֿון רעליגיעז־עטישע באַוועגונגסגרינדן. דער קאָמוניסטישער אָדער באַזיצלאָזער אופֿן פֿון לעבן זאָל זיין דער מיטל זיך אַליין צו באַהערשן, אויסראָטן דאָס שלעכטס און צו באַגרינדן די סאָציאַלע גערעכטיקייט“1).

דער תוך פֿון נאַטורעלן רעכט איז ביי די גריכן געווען דער קאָמוניזם, די גלייכהייט און פֿרייהייט. דאָס רוימישע רעכט, וואָס האָט געמוזט צופּאַסן דאָס נאַטורעלע רעכט צום פּריוואַט־אייגנטום, האָט אים אויסגעטייטשט גאָר אַלס טעאָרעטישע פֿרייהייט פֿון אַלע מענטשן. אין די צייטן פֿון מיטל־אַלטער האָט מען שוין מיטן נאַטורעלן רעכט געוואָלט באַגרינדן די פּריוואַט־ווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, באַנוצנדיק זיך דערביי אין אַ געווויסער מאָס מיט אַריסטאָטעלעס אַרגומענטאַציע קעגן קאָמוניזם. בעת די קירכע איז אַלץ מער געוואָרן די פֿעסטונג פֿון די באַזיצנדע קלאַסן, האָט זי זיך געמוזט אַנטקעגנשטעלן יענע געדאַנקען פֿון סאָציאַלן יושר, וואָס זיינען געווען איר לכתחילהדיקער יסוד. אָבער די ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן אויף סאָפֿיזמען, און פֿאַרשטאַנען דאָס נאַטורעלע רעכט, ווי אין די צייטן פֿון אַלטן גריכנלאַנד און אור־קריסטנטום, און וואָס האָבן עס געוואָלט אויך פּאַקטיש דורכפֿירן אין לעבן, האָבן געמוזט דורך דער קירכע פֿאַרברענט ווערן אַלס אַפּיקורסים, הערעטיקער.

אויף דעם באָדן זיינען אַנטשטאַנען די פֿילאָזאָפֿישע אידייען פֿון מיטל־אַלטער, דער ג נ אָ ז י ס, די מיסטיק און דער נעאָפּלאַטאָניזם. דער גנאָזיס איז געווען אַ ריין עטישע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט זיך ווייניק וואָס פֿאַרנומען מיט לעזן געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און לרוב זיך באַשעפֿטיקט מיט דער לעזונג פֿון עטיש־וועלטלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טיפֿע־

1) בעער: II באַנד, 8־טע זייט.

ניש פֿון דער מענטשלעכער נשמה. די ערשטע פֿראַגע, וואָס אינטערעסירט דעם גנאָסטיקער איז: פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס שלעכטס אויף דער וועלט, און די צווייטע פֿראַגע איז, ווי איז אַנטשטאַנען די וועלט. אַגב האָט שוין אין דעם אַוועקשטעלן די פֿראַגע געשטעקט אַסאַך אַפּיקורסעס, סיי פֿון יידישן, סיי פֿון קריסטלעך־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. די גנאָזיסטישע שיטה האָט געמאַכט גאָט פֿאַר דעם צענטר פֿון דער וועלט, פֿאַר דעם אורקוואַל פֿון ליכט, וואָס שיקט אירע שטראַלן אומעטום, אָבער וואָס ווייטער ווערן די שטראַלן שוואַ־כער, און די מדרגות זיינען עס „עאָנען"; די סאַמע לעצטע זיינען ערדישע, דונקעלע, מאַטעריעלע, און זיי האָבן עס באַשאַפֿן די וועלט. נישט גאָט האָט בכן באַשאַפֿן די וועלט, נאָר איינער פֿון זיינע נידריקסטע „עאָנען". אין דער מענטשלעכער נשמה זיינען צונויפֿגעמישט שלעכטע און גוטע עלעמענטן: די וואָס האָבן לרוב דעם ערשטן עלעמענט הייסן „פּנעאומאַטיקער", די וואָס האָבן אין אַ גלייכער מאָס פֿון ביידע עלעמענטן, הייסן „פּסיכיקער", און די וואָס האָבן נאָר דעם גוטן עלעמענט — זיינען „הייליקע". די דאָזיקע פֿילאָזאָפֿיע האָט די גנאָסטיקער געבראַכט צו זיין קעגן אַלע אָרגאַניזאַציעס, קעגן געזעצן, ווייל מען טאָר נישט איינשליסן דעם רעליגיעזן מאָמענט אין מענטשלעכע אָרגאַניזאַציע־פֿאָרמען; די גנאָסטיקער זיינען אַלזאָ געווען „אַנטינאָמיסטן"[1]), און דער אַנטי־נאָמיזם פֿון די גנאָסטיקער איז עס געווען איינע פֿון די אידעאָלאָגישע פֿאָר־מען פֿון מיטל־אַלטערישן קאָמוניזם: „דאָס פּריוואַט־אייגנטום, איז געווען די סבה פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון די שטראָף און ציוויל־געזעצן, פֿון די אונטער־דריקונגען און אויסבייטונג"[2]). די שנאָה צום פּריוואַט־אייגנטום האָט דעריבער געבראַכט צו דער שנאָה צו די געזעצן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען, בכדי צו באַ־שיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און דערפֿון איז שוין נאָענט צום אַנטינאָמיזם בכלל.

אַן אייגנאַרטיקע פֿאָרם פֿון „גנאָזיס", וואו דאָס גוטס איז נאָר אַקטיוו, בילדעט דער מ אַ נ י ט ש ע א י ז מ ו ס (נאָכן פּערזישן רעליגיע־פֿילאָזאָף, 242), וואָס אָנערקענט דעם דואַליזם פֿון גוטס און שלעכטס פֿון אָנהויב; דאָס שלעכטס קען מען אָבער גובר זיין דורך אַסקעטיזם, מענטשנליבע און פֿאַרציכטן אויף עשירות.

דאָס אָנערקענען די גאָטהייט און דעם אַסקעטיזם זיינען ערשיינונגען, וואָס געפֿינען זיך צוגלייך אין גנאָזיס און אין דער מ י ס ט י ק. דער אונטערשיד צווישן די ביידע פֿילאָזאָפֿיעס איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס בשעת דער גנאָזיס אָנערקענט נאָר איין אורקוועלע פֿון דער גאָטהייט, איז דער מיס־טיקער אַ פּאַנטעאיסט, ער זעט גאָט אומעטום, אין יעדן באַשעפֿעניש, דערפֿאַר

[1]) אַנטי — קעגן, נאָמאָס — געזעץ (אין גריכישן).
[2]) בעער: II באַנד, 19־טע זייט.

איז אויך די מיסטיק געווען קעגן די אויסערלעכע רעליגיעזע פאָרמען, קעגן די דאָגמען און קעגן דער קירכע. און דאָס פירט אויך די מיסטיק צום אַנטינאָמיזם.

צו ביידע פילאָזאָפיעס שטייט נאָענט דער נעאָפּלאַטאָניזם. פּלאַטאָן איז געווען אַ ריינער אידעאַליסט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אידייע פון דער זאַך איז דער עיקר, אַז די אידייע עקזיסטירט און איר קאָנקרעטער רעאַלער אויסדרוק איז נאָר אַ צייטלעכער און פאַרבייגייענדיקער. דעריבער האָבן די נעאָפּלאַטאָניקער געהאַלטן, אַז דאָס רעאַלסטע איז די געטלעכקייט. „גאָט איז די התחלה, דער מיטן און דער סוף“. דערפאַר איז דער, וועלכער האָט גאָט אין האַרצן — דער גליקלעכסטער און איז אומשטערבלעך.

די דאָזיקע גאַנצע פילאָזאָפיע איז געקומען אַלס קעגנזאַץ צום דאָגמאַטישן קריסטנטום, וואָס האָט זיך דיאַלעקטיש אַנטוויקלט פון קאָמוניזם ביז אַנטי־קאָמוניזם. זי איז אין איר תוך געווען אַ ריין אידעאָלאָגישער פילאָזאָפישער פּראָטעסט קעגן קריסטנטום.

ג). דער קלויסטערישער קאָמוניזם.

עס זיינען אָבער געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט בלויז געוואָלט אַנדערש דענקען ווי די אָפיציעלע קירכע, נאָר אויך אַנדערש לעבן. זיי האָבן געוואָלט דעם פּראָטעסט רעאַל דורכפירן אינם לעבן. פון דער דאָזיקער שטרעמונג זיינען אויסגעוואַקסן צוויי קאָמוניסטישע ריכטונגען, וואָס האָבן אייגנטלעך געהערשט אין מיטל־אַלטער. נישט פּאַראַלער צו דער זעלבער צייט, נאָר איינע נאָך דער אַנדערער. דאָס איז דער קלויסטערישער קאָמוניזם, די מאָנאַכן און דערנאָך די קאָמוניסטיש־קאַטאַרישע באַוועגונג. דער אונטערשיד צווישן די ביידע ריכטונגען איז נישט געווען אין דער אידעאָלאָגיע, נאָר אין אופן פון אויסדריקן דעם פּראָטעסט, און אין דער גרויס פון דער באַוועגונג. בעער פאַרגלייכט די ביידע ריכטונגען מיט דעם אוטאָפּיסטישן און מאָדערנעם סאָציאַליזם. בשעת דער קלויסטער־קאָמוניזם האָט באַזירט אויף פאַרהעלטנישמעסיק קליינע גרופּן מענטשן, וואָס זיינען נישט געווען צופרידן מיט דער קירכע און דערפאַר האָבן זיי געוואָלט מאַכן שבת פאַר זיך, דאָס הייסט, איינאָרדנען זייער אייגענעם לעבן לויט די פּרינציפּן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק, האָט דער קאַטאַרישער קאָמוניזם זיך פאַרשפּרייט צווישן די ברייטע שיכטן און האָט אָנגענומען אַ רעוואָלוציאָנערע פאָרם. בשעת די ערשטע האָבן מיט דער קירכע נישט געקעמפט, האָבן די צווייטע געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה קעגן דער דאָגמע, קעגן דער קירכע און קעגן דעם פּויפּסט.

דער דאָזיקער חילוק אינם כאַראַקטער פון די צוויי ריכטונגען, האָט אויך

באַשטימט די באַציונג פֿון דער קירכע צו זיי. אין די מאָנאַכן האָט די קירכע געזען אירע גוטע פֿריינד, וועלכע שאָדן איר לגמרי נישט, און קענען דער קאַטאַריש־קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט זי געפֿירט אַ האַרטנעקיגן קאַמף ביז אינקוויזיציע און קרייץ־צוגן.

אַלס פּיאָנער פֿון די מאָנאַכן איז פֿאַרעכנט געוואָרן דער הייליקער אַנטאָני פֿון מצרים, (356-250) וואָס האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט זיין פֿאַרמעגן און אַליין האָט ער געלעבט אין דער מדבר אין אָרימקייט. זיין תלמיד פּאַכאָמיוס האָט אויף דעם ניל־אינדזל טאַבענאַ געגרינדעט אין יאָר 320 אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע, אָדער, ווי דאָס האָט געהייסן אין גריכישן קאָינאָביאָן [1]. דער יסוד פֿון דער דאָזיקער קאָלאָניע איז געווען דאָס פֿאַרציכטן אויף פּריוואַט־אייגנטום, טעגלעכע האַנט־אַרבעט, געמיינזאַמע סעודות, אַסקעטיזם און גע־האָרזאַמקייט אין די באַציונגען צום פֿירער (אַבט).

אין די ערשטע צייטן האָבן די מאָנאַכן און נאָנעס נישט געהערט צום קלער. זיי זיינען נישט געווען געבונדן דורכן צעליבאַט און האָבן צו יע־דער צייט געקענט אַרויסטרעטן פֿון קלויסטער. הגם שוין אין פֿערטן יאָר־הונדערט, האָבן די אָפֿיציעלע קירכלעכע קרייזן דערויף קרום געקוקט, האָבן דאָך די מאָנאַכן געהיט די דאָזיקע פֿרייהייטן ביזן זעקסטן יאָרהונדערט.

„דער גרונט־געדאַנק פֿון דער קלויסטער קאָמוניסטישער זידלונג איז געווען, זיך צו האַלטן פֿון ווייטן פֿון אַלע סאָציאַלע פֿאָרמען און גייסטיקע ריכטונ־גען, וואָס מענטשן פֿאַרייניקן מיט דער וועלטלעכקייט און מיט שלעכטס, און דאָס זענען געווען: פּריוואַט־אייגנטום, געלט־נייץ, פֿאַמיליע, מלוכה און געזעלשאַפֿט־לעכע אונטערשיידן, מאַכט־פֿאַרהעלטענישן, צוואַנג און געוואַלט" [2].

פֿון צפֿון־אַפֿריקע האָט זיך דער קאָינאָביאָן־סיסטעם פֿאַרשפּרייט אויפֿן מזרח: אין פּאַלעסטינע, סיריען, אַרמעניען און קאַפּאַדאָקיען. על־פּי רוב זענען עס געווען אָדער קנעכט, אָדער פֿרייגעלאָזענע פּויערים און האַנטווערקער, וואָס זיינען געגאַנגען אין די קאָינאָביאָ'ען, מיט אַנדערע ווערטער, זיי זיינען באַ־שטאַנען פֿון אַן אַרבעטנדיקן עלעמענט. פֿון מזרח האָט זיך דער קלויס־טערישער קאָמוניזם איבערגעטראָגן קיין מערב, און הגם דאָרט האט מען אויף אים קרום געקוקט, אָבער די קירכנפֿאָטערס אַמבראָזי און העראָנים, האָבן אים דאָך פֿאַרטיידיקט. עס האָבן זיך געבילדעט קלויסטערס אויף די אינדזלען נעבן איטאַליען און דאַלמאַציען און אויך אין דרום־גאַליען. אין די נייע קאָינאָביען האָט שוין נישט געהערשט אַזאַ שטאַרקע דיסציפּלין, און די מאָנאַכן זיינען שוין נישט געווען אַזוי פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטן ווי אין מזרח.

[1] פֿון די גריכישע ווערטער קאָינאָס — געמיינזאַם און ביאָס — לעבן.

דאָס האָט געצוואונגען בענעדיקטן פֿון נורזיאַ (543-480), וואָס האָט געגרינ־דעט דעם בענעדיקטינער אָרדן, כּדי צו באַשטימען תּקנות פֿאַר דעם קלויסטער וואָס ער האָט געשאַפֿן אויפֿן באַרג קאַסינאָ אין קאַמפּאַניען (איטאַליען), אין יאָר 529. די תּקנות זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן כּמעט דורך אַלע קלויסטערס. „דריי פּונקטן אונטערשטרייכן זייערע תּקנות: 1) האַנטאַרבעט; די קאָינאָביסטישע זידלונג זאָל זיך ווי ווייט מעגלעך אַליין פֿאַרשאַפֿן אַלע לעבנסמיטלען, וואָס זי באַדאַרף, דורך אייגענער געמיינשאַפֿטלעכער אַרבעט. 2) אָפּהיטונג פֿון דער געשלעכטס־ריינקייט; די חופּות פֿון די מאָנאַכן זאָלן זיין אומגילטיק. 3) דער פֿאַרבאָט צו פֿאַרלאָזן די קאָינאָביסטישע קאָלאָניע (קלויסטער) נאָכדעם ווי די אויפֿנאַמע איז אנטגילטיק באַשלאָסן“ [1].

לכתּחילה האָבן די קלויסטערס, דורך זייער ביישפּיל און מיט זייער אַרבעט, מיטגעהאָלפֿן צו דער אויפֿבליונג פֿון דער ווירטשאַפֿט. אָבער מיט דער צייט זיינען די קלויסטערס אַלץ רייכער און רייכער געוואָרן. זיי האָבן באַקומען אַלץ מער באָדן, אַזוי אַז זיי האָבן שוין אַליין אַלסדינג נישט געקענט באַ־אַרבעטן. צו ערשט האָט מען זיך אויסגעהאָלפֿן מיט אַרבעטער, שפּעטער האָט מען בכלל אויפֿגעהערט אַליין צו אַרבעטן. מען איז אַריין אין גוטע באַציונגען מיטן קלער. עס איז פֿאַרשוואונדן דער אונטערשייד צווישן אַ מאָ־נאַך און אַ גייסטלעכן. די פֿריערדיקע אַסקעטישע מאָנאַכן זיינען געוואָרן פֿאַרהייליקט און דערפֿאַר אויך לעגענדאַריש. אַזוי־אַרום זיינען די קלויסטערס סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ חלק פֿון די הערשנדיקע קלאַסן.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון צו רעפֿאָרמירן דאָס מאָנאַכישע לעבן און די קלויסטערס, צ. ב. פֿון בענעדיקט פֿון אַניאַנע (821-774), אָבער דאָס האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. די כּללים פֿון בענעדיקטן פֿון נורזיאַ האָט מען שוין לאַנג פֿאַרגעסן, ווייל בכלל זיינען אין ניינטן יאָרהונדערט די עטישע באַגריפֿן און די מדות געווען זייער נידריק.

אינם יאָר 910, איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו רעפֿאָרמירן דאָס מאָנאַכישע לעבן, דורך דעם קלויסטער קלוני אין בורגונדיען. די כּללים זיינען געווען נאָך שטרענגער ווי ביי די בענעדיקטינער. אויב די דאָזיקע שטרענ־גערע כּללים האָבן אַ ביסל געהאָלפֿן, האָט אָבער דער פֿאַקט, וואָס דער קלויסטער איז געשטעלט געוואָרן אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פֿון פּויפּסט, אַריינגע־צויגן די מאָנאַכן אין דער פּאָליטיק און דערמיט ווידער געשטערט די פֿאַר־ווירקלעכונג פֿון דער אורשפּרינגלעכער אידייע פֿון קאָמוניזם. די ירידה פֿון אינערלעכן לעבן אין די קלויסטערס, האָט געצוואונגען דעם פּאַריזער סינאָד אין יאָר 1212 אַרויסצוגעבן נייע פֿאַראָרדענונגען, וואָס זיינען אויסן

[1] בעער: II. באַנד, 46־טע זייט.

געוועזן אויסצובעסערן דאָס מאָנאַרכישע לעבן. „צווישן די פֿאַראָרדנונגען געפֿונען מיר: 1) קיין מאָנאַך טאָר נישט האָבן קיין אייגנטום... 3) די בישאָפֿן מוזן פֿאַרמויערן אַלע פֿאַרדעכטיקע טירעלעך און רוימען אין די קלויסטערס... 10) קיין מאָנאַך טאָר נישט האָבן זיין געלעגער מחוץ דעם אַלגעמיינעם שלאָפֿצימער (דאָרמיטאָריום). אין קלויסטער איז פֿאַרווערט יעדער ליאַרם און שטרייט. דער באַזוך פֿון פֿרויען, כאַפּן פֿויגל, יאַגד, אַלע נישט־דערלויבטע שפּילן, ו.דומה, זיינען פֿאַרבאָטן... 12) עס טאָרן נישט שלאָפֿן צוויי מאָנאַכן אין איין בעט, נאָר יעדער באַזונדער און אין פֿאָרגעשריבענע קליידער [1].

די דאָזיקע דעגענערירונג פֿונם מאָנאַכנטום האָט אָבער אַרויסגערופֿן אַ געוויסע רעאַקציע צווישן מענטשן, וואָס האָבן דאָך געוואָלט לעבן אין אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט און איינפֿאַכקייט. אין יאָר 1208 איז געגרינדעט געוואָרן דער פֿראַנציסקאַנער אָרדן. אויף דער אידעאָלאָגיע פֿון דעם דאָזיקן אָרדן, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה די לערע פֿון יאָאַכים (פֿון פֿלאָריס, 1145-1202), וואָס האָט געלערנט, אַז די גאַנצע וועלט איז פֿאַרדאָרבן, און אַזוי ווי גאָט האָט די גאַנצע צייט וואָס די וועלט דאַרף שטיין, איינגעטיילט אין דריי טיילן: די ערשטע צייט באַזירט אויף מורא, די צווייטע אויף חכמה און די דריטע אויפֿן הייליקן גייסט. ענדיקט זיך איצט די צווייטע צייט און עס וועט זיך אָנהויבן אַ לעבן פֿון ליבע, פֿון פֿרייהייט, פֿון אויסערלעכן און איינערלעכן גליק — אַ צייט פֿון קאָמוניזם, פֿון אָרימע, אָן קלאַסן און סאָציאַלע אונטערשיידן, אָן דיין און מיין.

נאָענט צו יאָאַכימען איז געשטאַנען אַ מ אַ ל ר י ך, (געשטאָרבן אינם יאָר 1204). ער איז געוועזן אַ פּאַנטעאיסט און מיסטיקער און דערפֿאַר אויך אַן אַנטינאָמיסט. זיינע תּלמידים האָבן געקעמפֿט קעגן דער קירכע און קעגן פּויפּסט, וועלכן זיי האָבן אָנגערופֿן אַנטיקריסט, און אויך קעגן רוים — בבל. פֿון די אַמאַלריציאַנער האָט זיך אויסגעבילדעט פֿון איין זייט די „סעקטע פֿון פֿרייען גייסט“, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז גאָט איז אין זיי און דעריבער איז זיי אַלץ דערלויבט. פֿון דער אַנדערער זייט האָט יאָאַכימס און אַלמאַריכס לערע געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די פֿראַנציסקאַנער.

דער פֿ ר אַ נ צ י ס ק אַ נ ע ר אָרדן, איז געגרינדעט געוואָרן דורך פֿ ר אַ נ ץ פֿון אַ ס י ז י (אומבריאַ, איטאַליען). ער האָט געוואָלט לעבן אין אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט און האָט אַפֿילו נישט געטראַכט צו בילדן אַן אָרדן. זיין כּוונה איז נאָר געוועזן צו שאַפֿן מיסיאָנערן פֿאַר זיין געדאַנק. ער האָט געלערנט צו לעבן אין אָרימקייט און פֿון אייגענער האַנטאַרבעט. און אויב דאָס איז נישט מעגלעך, איז פֿון בעטלעריי — אָבער אין קיין פֿאַל טאָר מען

1) בעער: II. באַנד, 49־טע זייט.

נישט אַנדירן קיין געלט. „ער איז געווען אומבאַוואוסט אַ מיסטיקער. ער האָט נישט געהאַלטן פון פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט און טעאָלאָגיע. פראַקטישע הילף פאַר אַלע שוואַכע, קראַנקע און עלנטע. עטיש־רעליגיעזע באַנייונג פון דער מענטשהייט, איז פאַר אים געווען דער תוך פונם קריסטנטום. ער האָט קענען קיינעם נישט געקעמפט, נאָר קענען זיך אַליין. ער איז געבליבן געטריי דער קירכע" 1).

צום פראַנציסקאַנער אָרדן זיינען צוגעשטאַנען די „טערציאַרער" — פראָלעטאַריער, וואס האבן געלעבט און געאַרבעט אויסער דעם קלויסטער. נאָך פראַנצ'ס טויט האבן זיך די פראַנציסקאַנער געשפּאַלטן: די לינקע האבן זיך שטרענג געהאַלטן ביי פראַנצ'ס פרינציפּן; די רעכטע האבן געוואָלט מאכן אַ פשוטן אָרדן, און דער צענטרום האָט געוואָלט נאָר אפשוואַכן פראַנצ'ס פרינציפּן. פון די לינקע פראַנציסקאַנער זיינען אנטשטאַנען די „ספּיריטואַלן" וואס האבן געקעמפט קעגן דעם פויפּסטום, און די „אַפּאָסטאָל־ברידער", וואס זיינען צוגעשטאַנען צו די קאַטאַריש־קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין איטאליען.

דער דאָמיניקאַנער אָרדן איז געגרינדעט געוואָרן אין יאר 1215, דורך דאָמינגאָ דע גוזמאַן. דער אָרדן איז אינגאַנצן געשטאַנען אויף דער זייט פון פויפּסט און זיין ציל איז געווען נאָר צו באַקעמפן די אפּיקורס'ים — די קאַטאַרער. דער באַרימטעסטער פון די דאָמיניקאַנער איז געווען טאָמאַס דער אַקווינער, וואס האָט אויסגענוצט אַריסטאָטעלעסן, קעגן קאָמוניזם. דער אָרדן האָט געגעבן די אינקוויזיטאָרן — גאָטס הינט (domini canes) און טאָמאַס אַקווינער איז געווען דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דער אינקוויזיציע.

ווי מיר זעען בכן איז אויך דאָס מאָנאַכנטום, אַחוץ די לינקע פראַנציסקאַנער, פונקט אַזוי דעגענערירט געווען ווי דאָס קריסטנטום, ווייל ביי די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען, וואָס באַזירן אויף פריוואַט־אייגנטום קענען נישט האָבן קיין קיום קיין שום באַזונדערע ווירטשאַפטן, וואָס זאָלן באַזירן אויף אַן אַנדערן קעגנזעצלעכן פרינציפּ, סיידן זיי ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון געזעלשאַפטלעכער פילאַנטראָפּיע. דערצו קענען נאָר איינציקע מענטשן זיין אידעאַליסטישער געשטימט ווי זייער עפּאָכע. געזעלשאַפטלעכע גרופּן מוזן סוף כל סוף אונטערפאַלן דער השפּעה פון דער אַנטשפּרעכענדער עפּאָכע.

ד). די קאַטאַרער־קאָמוניסטישע באַוועגונגען.

(אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק).

אויב דאָס מאָנאַכנטום האָט דעגענערירט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, איז אָבער די קאַטאַריש־קאָמוניסטישע באַוועגונג פאַרניכטעט געוואָרן מיט בלוט און

1) בעער: II באַנד, 58־טע זייט.

פֿיער, ווייל זי איז, ווי א ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג, געווען שוין א נייטע סכנה פֿאַרן גאַנצן קיום פֿון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט.

די קאַטאַרישע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אַלס פּועל־יוצא פֿון דעם אין מיטל־אַלטער וואַקסנדן קעגנזאַץ צווישן רייכקייט און אָרעמקייט. בעת ביי די רייכע האָט זיך אַנטוויקלט דאָס שטרעבן אַריינצופֿירן אין דער אֶמונה אַלץ מער עבֿודה־זרה׳ישע עלעמענטן, אַלץ מער פּראַכט און מאַכט, האָט דאָס פֿאָלק געשטרעבט מיט א דאָפּעלטער ענערגיע צום גלויבן פֿון די ערשטע קריסטן, צו זייער פֿאַרציכטן אויף יעדן רייכטום, אויף יעדן גענוס און צו זייערע האָפֿענונגען אויף דער טויזנטיעריקער מלוכה״[1]. און וואָס ווייטער אין מיטעל־אַלטער גענומען אָן ביי די פֿאָלקס־מאַסן די שטרעבונג צו אַן עטישערן לעבן אַלץ מער קאָנקרעטע פֿאָרמען. ווי לאַנג די מאַסע האָט נאָך נישט געגלויבט אין איר כּוח, ווי לאַנג זי איז נישט געווען ווירטשאַפֿטלעך קאָנצענטרירט, האָט זי אַלץ געוואַרט אויף א נס. בעת עס האָט זיך אָבער אַנטוויקלט דער האַנדל, די אינדוסטריע, ספּעציעל די וועבער־ און בערג־אינדוסטריע, און די מאַסע האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין איר אייגענעם כּוח, האָט זי אָנגעהויבן צו ווערן מער זעלבסטעטיק און האָט אָנגעהויבן מאַכן פֿאַרשידענע פּרוואוון אַליין איבערצואַנדערשן די לעבנס־באַדינגונגען. פֿריער איז זי געווען פּ אַ ס י ו ו, איצט איז זי געוואָרן אַקטיוו און ווידערשפּעניק. אָבער אין אַלגעמיין מוז מען זאָגן, אַז די קאַטאַרישע באַוועגונג געווען קעגן יעטוועדער געוואַלט און נאָר אין באַזונדערע אויסנאַמפֿאַלן האָט זי אָנגענומען קריגערישע, מיליטערישע פֿאָרמען.

די קאַטאַרישע באַוועגונגען הייסן אַזוי פֿון גריכישן וואָרט — קאַטאַראָס — ריין[2]. די דאָזיקע באַוועגונגען זיינען אַנטשטאַנען אין צווייטן העלפֿט פֿון צענטן יאָרהונדערט. אַזוי ווי די באַוועגונג האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשפּרייט אומעטום אין צענטראַל־אייראָפּע, האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקענט זיין איבעראַל אידעאָלאָגיש אייניהייטלעך. צוויי הויפּטריכטונגען קען מען אונטערשיידן אין די קאַטאַרישע באַוועגונגען: די גנאָסטיש־מאַניכעאיסטישע מיט איר שאַרפֿן קעגנזאַץ צווישן גוטס און שלעכטס, וואָס איז געווען לחלוטין אַסקעטיש, מאָראַליש, ווייל מיט דעם אַסקעטיזם האָט זי געוואָלט באַהערשן דאָס שלעכטס, און די אַמאַלריכיש־פּאַנטעאיסטישע, וואָס האָט אין זיך גופֿא געזען גאָט, זיך געשטעלט העכער פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט און האָט דערפֿאַר געלעבט פֿון יענער זייט פֿון גוטס און שלעכטס. די צווייטע ריכטונג האָט אָבער גע־

[1]) לוצאַטאָ: 70־טע זייט.

[2]) אויף דייטש הייסן די קאַטאַרער — „קעצער“. די באַוועגונג האָט אָבער אין פֿאַרשידענע לענדער געטראָגן פֿאַרשידענע נעמען. צו דעם וועלן מיר זיך שפּעטער אומקערן. (מעגלעך, אַז דער אורשפּרונג פֿון וואָרט איז העברעאיש: כופר).

האָט אַ קליינע השפּעה אין דער גאַנצער קאַטאַרישער באַוועגונג, וואָס איז געווען אין גרעסטן טייל אַן אַסקעטיש־קאָמוניסטישע.

אין אַלגעמיין האָט די באַוועגונג באַזירט אויפֿן אַלטן קריסטנטום. די קאַטאַרער זיינען געווען אָנהענגער פֿון אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט און פֿולשטענדיקע קעגנער פֿון פּריוואַט־איינגנטום. זיי זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן דער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער קירכע און פֿונם מאָנאַכנטום. קעגן יעטוועדע קירכלעכע דאָגמע און אויטאָריטעט און האָבן געשטרעבט צו אַ געמיינשאַפֿטלעכן קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן. די קאַטאַרער האָבן זיך כמעט אומעטום געטיילט אויף „פֿולקאָמענע“ און „גלויביקע“ — perfecti et discipuli. די „פֿולקאָמענע“ האָבן אַלע זייערע פּרינציפּן דורכגעפֿירט אין לעבן: זיי האָבן אַזוי געלעבט ווי זיי האָבן געדענקט, דערצו זיינען זיי געווען שטרענגע אַסקעטן. די „גלויביקע“ זיינען מער געווען טעאָרעטישע אָנהענגער פֿון דער דאָזיקער וועלטאַנשויאונג. זיי האָבן מיטגעהאָלפֿן זייערע חברים, די פֿולקאָמענע, מיט געלט און שטיצע; זיי זיינען אָבער אין זייער פּריוואַטן לעבן ווייטער געווען באַשעפֿטיקט מיט זייערע טאָג־טעגלעכע דאגות און געשעפֿטן און געוואַרט אויף דער צייט, ווען עס וועט מעגלעך זיין, אַז אַלע זאָלן לעבן אויף אַ קאָמוניסטישן רעליגיעזן אופֿן. דאָס זיינען געווען אַזוי צו זאָגן, די סימפּאַטיקער פֿון דער באַוועגונג. זיי האָבן אָבער נישט געהערט צו דער קירכע און מען האָט זיי דערפֿאַר גערודפֿט נישט ווייניקער ווי די פֿולקאָמענע.

מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר ציטאַטן וועגן דעם מהות פֿון דער קאַטאַרישער באַוועגונג אָבער די ציטאַטן זיינען כמעט אַלע גענומען ביי די קעגנער פֿון דער באַוועגונג, ווייל די אָריגינעלע ווערק פֿון די קאַטאַרער זיינען פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך דער אָפֿיציעלער קירכע. א ל אַ נ ו ס (XII יאָרהונדערט) שרייבט וועגן די קאַטאַרער: „די קאַטאַרער האָבן אויך געזאָגט אַז די מאָנאָגאַמיע איז קעגן דעם נאַטורגעזעץ, ווייל דאָס נאַטורגעזעץ באַדייט, אַז אַלץ זאָל זיין געמיינשאַפֿטלעך“. אַן אַנדערער קעגנער פֿון די קאַטאַרער זאָגט: „אייער קאָמוניזם איז דאָך נאָר אַן אויסערלעכער, נאָר אין ווערטער. נאָר אַלס אַגיטאַטאָרן זייט איר קאָמוניסטן, ווייל אין אמת'ן איז דאָך צווישן אייך נישטאָ קיין גלייכהייט, אייניקע זיינען רייך און אַנדערע ווידער אָרים“. אין דער אָנקלאַגע פֿון די יאָרן 1210—1213 אין שטראַסבורג קעגן די קאַטאַרן געפֿונען מיר פֿאָלגענדע באַשולדיקונגען: „בכדי זיי זאָלן זייער אַפּיקורסעס מאַכן פּאָפּולער, האָבן זיי זייער איינגנטום צווישן זיך געמאַכט געמיינזאַם“. מען האָט זיי אויך באַשולדיקט, אַז זיי שיקן געלט אין אויסלאַנד (אין מאַילאַנד) און אין פֿרייע ליבע. אויף דעם ענטפֿערט דער פֿירער פֿון די קאַטאַרן י אָ ה אַ ן, אַז דאָס געלט זאַמלען זיי צונויף, בכדי צו אונטערשטיצן די אָרימע. ער טרעט אָבער ענערגיש אַרויס קעגן דעם פֿאָרוואורף פֿון פֿרייער ליבע. אין אַן אַנדערער אָנקלאַגע ווערט

געזאָגט: „אַז די קאַטאַרער האָבן זייער גאַנצן באַזיץ געמיינשאַפֿטלעך מיט אַלע מענטשן“. אַ מאָנאַך פֿון צענטן יאָרהונדערט דערציילט, אַז „זיי פֿירן נישט קיין האַנדל, בכדי זיך אָפּצוהיטן פֿון ליגן און אָפּנאַרעריי. זיי שטרעבן נישט צו רייכטימער, נאָר זיינען צופֿרידן מיט דעם נויטבאַדערפֿטיקן“[1].

ה). די קאַטאַרער־קאָמוניסטישע באַוועגונגען.

(באַזונדערע גרופּירונגען).

פֿון די פֿאַרשידענע גרופּירונגען ביי די קאַטאַרער איז קודם כל ווערט צו דערמאָנען די באָגומילן אין בולגאַריען. אין בולגאַריען האָט די באַוועגונג אַלס אויסנאַם־אַרומגענומען פּויערים עלעמענטן. די בולגאַרן זיינען געקומען אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינזעל פֿון דרום־רוסלאַנד, בעת דער פֿעלקער־וואַנדערונג און האָבן אין יאָר 864 אָנגענומען די גריכיש־קאַטוילישע אמונה. די פֿעאָדאַלן האָבן דורך זייער הערשאַפֿט באַלד אויפֿגעבראַכט קעגן זיך דאָס פּויערטום און דעריבער האָט גיי אים די אַגיטאַציע פֿון פּאָפּ באָגאָמיל געפֿונען אַזאַ אָפּקלאַנג. די באָגומילן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין סערביען און הויפּטזעכלעך אין באָסניען, וואו זיי זיינען אפילו אין פֿערצנטן יאָרהונדערט געקומען צו דער מאַכט.

אין איטאַליען האָבן זיך, די שטעט פֿון צפֿון געביט — לאָמבאַרדיע געפֿונען אין אַ ספּעציעלער לאַגע, צוליב דעם שטענדיקן קאַמף צווישן דעם פּויפּסט און דעם קייזער און אויך אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון האַנדל. די דאָזיקע שטעט זיינען געווען רייך און ווען זיי האָט מען געקעמפֿט, זיינען האָבן זיך איגערהאַלב ביי זיי אַנטוויקלט קאַמפֿן צווישן די באַזונדערע גרופּן פֿון דער באַפֿעלקערונג. האָבן זיי אָבער דאָך גענאָסן פֿון דעם וואָס זיי זיינען געווען דער שטרייטפּונקט צווישן פּויפּסט און קייזער. זייענדיק דער שטרייטפּונקט אין קאַמף צווישן קייזער און פּויפּסט האָבן זיך די דאָזיקע שטעט נייטראַל פֿאַרהאַלטן צו די באַוועגונגען, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן דער קירכע: זיי זיינען געוואָרן די ערי מקלט פֿון דער קאַטאַרישער באַוועגונג אין איטאַליען. דאָס האָט סוף כל סוף געבראַכט דערצו, אַז אין 1085 יאָר איז אין מאַילאַנד אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג פֿון די אונטערשטע פֿאָלקס־שיכטן, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן: פּאַטאַרענער. די קאַטאַרער באַוועגונג איז זיך אין יענער צייט אַזוי פֿאַנאַנדערגעוואַקסן אין צפֿון־איטאַליען, אַז זי האָט אפילו אין אָרוויעטאַ איבערגענומען די מאַכט (1125); זי איז אָבער דערנאָך דערשטיקט געוואָרן דורך די אָרטאָדאָקסישע אָנהענגער פֿון דער קירכע אין

1) ציטירט לויט בעער: II באַנד, 70—71־טע זייט.

אַ בּלוטיקער שלאַכט. דער פּויפּסט מיט די בּישאָפֿן האָבּן אונטערגענומען די שרעקלעכסטע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן די קאַטאַרער. אַזוי ווי זיי האָבּן אָבּער נישט געהאַט די מאַכט איבּער אַלע שטעט פֿון לאָמבּאַרדיען האָבּן די פֿאַרפֿאָלגונגען נישט אָנגענומען קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. בעת מען האָט די קאַטאַרער אַרויסגעטריבּן פֿון איין שטאָט האָבּן זיי איבּערגעוואַנדערט אין אַן אַנדער אָרט. אַזוי איז לסוף מאַילאַנד געוואָרן דער צענטר פֿון דער בּאַוועגונג, וואוהין ס'האָבּן זיך געווענדעט אַלע גערודפֿטע.

צווישן די איטאַליענישע קאַטאַרער זיינען בּאַזונדער פֿאַרשפּרייט געווען די סעקטן **אַרנאָלדיסטן**, **הומיליאטן**, **וואַלדענזער**[1] און **אַפּאָסטאָל־בּרידער**. דער גרינדער פֿון די **אַרנאָלדיסטן** איז געווען **אַרנאָלד פֿון בּרעשציא** (געבּוירן אין אָנהויבּ פֿון XII יאָרהונדערט). ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם רעכט צו האָבּן אייגנטום מצד דער קירכע, דעם קלער און דעם מאָנאַכנטום, וואָס בּרענגט צו פֿאַרוועלטלעכונג, צו קאַמפֿן און אין סך הכל צום אָפּפֿאַל פֿון יעזוסן. צו יענער צייט איז ער געוואָרן דער צענטר פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בּאַוועגונג אַנטקעגן דעם פּויפּסטום. ער האָט געהאַט דעם מוט אָפֿן אַרויסצוטרעטן אויפֿן קאַפּיטאָלי — דעם עפֿנטלעכן פֿאָרום אין רוים — קעגן דעם פּויפּסט, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן „בּלוט־הונט", וואָס שטיצט זיין הערשאַפֿט דורך מאַכט און גזילה, וואָס פֿאַרוואַלטיקט די קירכע און אונטערדריקט דאָס צניעות, און וועלכער איז נאָר אויסן אָנצופֿילן זיין קעשענע און אויסצולייזדיקן די פּרעמדע"[2]. פֿאַר זיין אָפֿענער דרייסטקייט האָט אַרנאָלדי בּאַצאָלט מיט זיין קאָפּ. אין יאָר 1155 איז ער פֿאַרמשפּט געוואָרן דורך דער קירכע צום טויט אויפֿן אוטאַ־דאַפֿע.

אַרנאָלדס שיטה האָט געפֿונען אַ בּאַזונדערן אָפּקלאַנג אין די אַרבּעטער קרייזן אין לאָמבּאַרדיען, וואָס זיינען געווען צו יענער צייט אָרגאַניזירט אין רע־ליגיעזע געמיינשאַפֿטן. פֿון די דאָזיקע רעליגיעזע פֿאַריינען איז אַנטשטאַנען די סעקטע **הומיליאטן** (humilis — נידריק), וואָס זיינען על פּי רוב בּאַ־שטאַנען פֿון די לאָמבּאַרדישע וועבּער.

דער גרונד־געדאַנק פֿון דער אַרנאַלדינישער שיטה וועגן דער אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט איז געוואָרן דער יסוד פֿון אַן אַנדערע סעקטע — די **אַפּאָסטאָל־בּרידער**, וואָס האָבּן געלעבּט אָן אייגנטום, געוואַנדערט פֿון איין אָרט אין צווייטן און געפּרעדיקט זייער לערע. דער פֿירער פֿון דער דאָזיקער סעקטע, אין וועלכער עס האָבּן זיך אויך בּאַטייליקט פֿרויען, איז געווען **גערהאַרד סעגאַרעלי**.

---

1) וואַלדענזער דאָס איז דער פֿראַנצויזישער טיפּ פֿון די קאַטאַרער און אונדז וועט אויסקומען ערשט שפּעטער צו רעדן וועגן זיי.

2) העפֿעלע: „קאָנציליען־געשיכטע".

זי איז אויך געװאָרן דורך דער אָפֿיציעלער קירכע און אין יאָר 1300 איז סעגאַרעלי פֿאַרמשפּט געװאָרן צום טויט. זיין אָרט האָט שפּעטער פֿאַרנומען דאָלטשינאָ, װעמענס אַגיטאַציע האָט זיך נישט בלויז באַגרעניצט אויף איטאַליען, נאָר זי איז אויך אַריבערגעטראָגן געװאָרן אין דאַלמאַציען. ער האָט געפּרעדיקט גיטער- און װייבער-געמיינשאַפֿט; זיין שיטה בכלל איז געװען אַ איבערחזרונג פֿון דער כיליאַסטישער אידייע. פֿאַרפֿאָלגט דורך דער קירכע האָט ער אָרגאַניזירט און געשטעלט זיך בראש פֿון אַ מחנה קריסטלעכע קאָמוניסטישע דעמאָקראַטן, װאָס איז געװען די איינציקע באַװאָפֿנטע באַװעגונג מיט קאָמוניסטישע צילן צװישן די קאַטאַרער בכלל און אין איטאַליען בפֿרט. עטלעכע יאָר האָט ער זיך געהאַלטן אין אָפֿענעם קאַמף קעגן די אָפּטיילונגען פֿונם פּויפּסט. אָבער אַזוי, װי נאָר די אָנפֿירער פֿון דער באַװעגונג זיינען געװען אידייאישע קעמפֿער און דער רוב מנין פֿון זיין מחנה איז באַשטאַנען פֿון אַן אומבאַװאוסטזיניקער אומצופֿרידענער מאַסע, איז ער לסוף באַזיגט געװאָרן דורך דעם פּויפּסטלעכן מיליטער ביים באַרג צעבעלאָ אין 1307 יאָר. ער אַליין איז דאַן אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט און די פּויפּסטלעכע תלינים האָבן אים געמאַטערט ביז צום טויט.

אין פֿראַנקרייך האָט זיך בראש פֿון דער קאַטאַרער באַװעגונג געשטעלט פּעטער װאַלדעס — אַ סוחר פֿון ליאָן, אַרום 1170 יאָר. די באַװעגונג האָט זיך אויך נאָך אים אָנגערופֿן װאַלדענזער, אָדער די „אָרימע פֿון ליאָן". הגם די באַװעגונג האָט געשטרעבט צו קומען צו אַ הסכם מיט דער אָפֿיציעלער קירכע און געשיקט אַפֿילו אָפֿיציעלע פֿאַרטרעטער צום סינאָד אין לאַטעראַן (1179) און אין װעראָנאַ (1184) איז זי דאָך פֿאַרמשפּט געװאָרן אַלס אַפּיקורסישע. די לערע פֿון דער דאָזיקער שיטה האָט כאַראַקטעריזירט אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן אַן אינקװיזיטאָר: „מען קען די כופֿרים דערקענען שוין אָן זייער שפּראַך און מנהגים; װייל זיי זיינען באַשיידן און לעבן אין גוט איינגעאָרדנעטע פֿאַרהעלטנישן. זיי האַלטן נישט פֿון פּראַכטפֿולע מלבושים, נאָר גייען אין קליידער װאָס זיינען נישט רייך אָבער אויך נישט שמוציק. זיי פֿאַרנעמען זיך נישט מיט מסחר, בכדי צו פֿאַרמיידן שקר, פֿאַלשקייט און באַטרוג; זיי לעבן נאָר פֿון דער אַרבעט פֿון זייערע הענט... זיי זאַמלן נישט קיין אוצרות און זיינען צופֿרידן, װען זיי האָבן נאָר דאָס נויטיקסטע. זיי גייען נישט אין שענקען אָדער אַנדערע לוסטיקע ערטער. זיי האַלטן זיך צוריק פֿון כעס, אַרבעטן תמיד, לערנען זיך און לערנען אַנדערע און דערפֿאַר דאַװענען זיי װייניק. מען קען זיי דערקענען אָן זייערע פֿאָרזיכטיקע װערטער און זייער באַשיידנקייט, װייל זיי מיידן אויס געמיינהייטן, רכילות און לייכטזיניקע רייד"[1].

---

1) ציטירט לויט בעער, 92-טע זייט.

אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך די וואַלדענזער באַזונדערס פֿאַרשפּרייט אין לאַנגעדאָק (דרום פֿראַנקרייך), וואו די באַפֿעלקערונג האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט גרויסע סימפּאַטיען און גערופֿן bos homes (bonnes homes — גוטע מענטשן). פֿון דאָרט האָט זיך די לערע פֿון די וואַלדענזער פֿאַנאַנדערגעשפּרייט אין טיראָל, זאַלצבורג און אין דרום־דייטשלאַנד: מעץ, שטראַסבורג און פּאַסוי. אַ דאַנק דעם וואָס די וואַלדענזישע באַוועגונג האָט צוגעצויגן אויך די העכערע קלאַסן האָט זי פֿאַרלוירן איר סאָציאַל־קריטישן כאַראַקטער און הויפּטזעכלעך זיך געווענדעט קעגן דער קירכע. די באַוועגונג האָט זיך אין דרום־פֿראַנקרייך אויך אָנגערופֿן אַלבּינענזישע, לויט דעם נאָמען פֿון דעם הויפּטזיץ פֿון די וואַלדענזער — אַלבּי.

דער אַנטיקירכלעכער כאַראַקטער פֿון דער וואַלדענזישער באַוועגונג האָט אַרויסגערופֿן קעגן איר רדיפֿות מצד דעם פּויפּסטום, וואָס האָבן זיך בפֿרט אויסגעדריקט אין אַ גאַנצע רייע קרייץ־צוגן, וואָס די קירכע האָט קעגן איר פּראָקלאַמירט. לכתחילה האָבן די רדיפֿות נישט געבראָכן די באַוועגונג; ערשט, ווען עס האָט זיך אַריינגעמישט דער דאָמיניקאַנער אָרדן, האָט זיך איינגעגעבן זי צו פֿאַרניכטן.

אין פֿלאַנדריען האָבן זיך באַוויזן אין XI יאָרהונדערט די ערשטע שפּורן פֿון דער קאַטאַרער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאָרטן אָנגערופֿן טעקסטאָרעס — וועבער. די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פֿון אורשפּרינגלעכן קריסטלעך־קאָמוניסטישן גייסט. בעת זי האָט זיך אָבער ווייטער אַנטוויקלט האָט זי אַלס מער באַקומען אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, און אירע אָנהענגער האָבן אין פֿלאַנדריען געהייסן בעגואינען און בעגהאַרדן[1]. די בעגואינען האָבן געבילדעט געמיינשאַפֿטן, וואָס זיינען דורכאויס באַשטאַנען פֿון פֿרויען און וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט לויט דעם קאַינאָביען־סיסטעם און אַ געמיינשאַפֿטלעכן לעבן. זייערע פּרינציפּן זיינען געווען לעבן פֿון אַרבעט אָדער בעטלען, אַפּאָסטאָלישע אָרימקייט, געהאָרכזאַמקייט, גאַנץ־פֿריינטלעכקייט און צניעות. שפּעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אַרבעטער־געמיינשאַפֿטן פֿון מענער־בעגהאַרדן, וואָס האָבן איינגעפֿירט אַ געמיינשאַפֿטלעך לעבן; זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי די וואַלדענזער מיט שפּאַרזאַמקייט, פֿלייס און ניכטערנקייט. אָבער אַזוי ווי דאָס געמיינשאַפֿטלעכע לעבן האָט פֿאָרויסגעזעצט אַ בשותּפֿותדיקן אייגנטום, האָבן די קאָנסעקווענטע בעגואינען און בעגהאַרדן זיך אָבגעזאָגט פֿון אים און פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ וואַנדערנדן אָרדן, וואָס האָט פּראָפּאַגירט זיין לערע און געלעבט פֿון בעטלעריי.

בעת צו די בעגואינישע און בעגהאַרדישע איינגעזעסענע גענאָסנשאַפֿטן

---

[1]) די דאָזיקע נעמען שטאַמען פֿון to beg — בעטן אָדער בעטלען.

האָט זיך די רעגירונג פֿריינטלעך באַצויגן און זיי צום טייל געשמיצט. זיינען די וואַנדערנדע אָרדענס ערקלערט געוואָרן פֿאַר כופֿרים. די וואַנדערנדע בעגהאַרדן זיינען געקומען אין באַרירונג מיט דער קאַטאַרישער באַוועגונג פֿון אַנדערע לענדער. אַזוי אַנאָך זיינען זיי געקומען אין די וויכטיקסטע שטעט אין דרום־דייטשלאַנד: שטראַסבורג, קעלן און מעץ. אין סוף פֿון XIII יאָרהונדערט האָבן זיי געגרינדעט אַ באַזונדערע גרופּע אין אַנטווערפּן, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן לאַלל-האַרדן. אונטער דעמזעלביקן נאָמען געפֿינען מיר אויך שפּורן פֿון דער קאַטאַרישער באַוועגונג אין XIV יאָר־הונדערט אין ענגלאַנד[1].

אין דייטשלאַנד האָט די קאַטאַרישע באַוועגונג נישט געבילדעט קיין אָריגינעלן און געשלאָסענעם טיפּ. נישט מער ווי נאָר די פֿאַרשידענע קאַטאַרישע באַוועגונגען פֿון אַנדערע לענדער האָבן געהאַט אַ באַשטימטן אָפּקלאַנג אין פֿאַרשידענע דייטשע שטעט, וואו עס האָבן זיך לויט זייער מוסטער געבילדעט באַזונדערע גרופּן. אינטערעסאַנט איז, אַז אין דייטשלאַנד האָט זיך ספּעציעל אויסגעבריייט די גרופּע „ברידער פֿון פֿרייען גייסט" און „אָרטליבער"[2], וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די אַמאַלריציאַנישע אידייען און האָבן אין זיך כמעט גאָר נישט געהאַט קאָמוניסטישעס. זיי זיינען, אמת, געווען קעגן פּריוואַט־אייגנטום, אָבער נאָר אין דעם זין, אַז זיי זאָלן אָן אַרבעט און אָן פֿליכטן האָבן אַ רעכט אויף אַלעם; דאָס האָט אויך די באַוועגונג געבראַכט צו אוממאָראַליטעט און צו גיכער אונטערגאַנג. אַלס קעגנזאַץ צו זיי איז אַנטשטאַנען פֿון זייער סביבה די געמיינדע פֿון „ברידער פֿון געמיינזאַמען לעבן", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גערהאַרד גראָט פֿון דעווענטער (1340—1384). די דאָזיקע געמיינדע האָט געלעבט שטרענג קאָמוניסטיש פֿון איבערשרייבן און פֿאַנאַנדערטיילן ביכער און פֿון גרינגן שולן. די סעקטע איז אויך איבערגעגאַנגען פֿון צפֿון דייטשלאַנד אין נידערלאַנד, וואו זי האָט זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעוואַקסן.

---

1) נאָך אין היינטיקן טאָג געפֿינען מיר אין גענט און אין ברייטש (אין בעלגיען) אַזוי גערופֿענע „בעגואינער־הייזער", ווי פֿרויען פֿון דער דאָזיקער סעקטע פֿירן אַ באַזונדער קאָמוניסטיש לעבן.

2) לויטן נאָמען פֿון זייער לערער אָרטליב פֿון שטראַסבורג.

VI.

די קאָמוניסטישע אידייען און קאַמפֿן אין מיטל־אַלטער.

(פֿון XIII ביז צום XVIII יאָרהונדערט).

א). דיווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פֿון דער דאָזיקער עפּאָכע.

פֿון XIII יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן די שטעט זיך אַלס מער פֿאַנאַנדערוואַקסן און זיינען בהדרגה געוואָרן דער צענטר פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן וואָס האָט צוגעצויגן די אַרומיקע באַפֿעלקערונג. דער וואוקס פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג האָט זער פֿאַרגרעסערט די צאָל פֿון די האַנטווערקער, וואָס האָט פֿיל איבערגעשטיגן די נאָכפֿראַגע. קעגן דעם האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרטיידיקן די צעכן דערמיט, וואָס זיי האָבן באַגרענעצט דעם צוטריט צום האַנטווערק, שטעלנדיק שווערע באַדינגונגען, ווי געזעצלעכע געבורט, לענגערע לערנצייט און אָבליגאַטאָרישע וואַנדערשאַפֿט פֿאַר געזעלן, וואָס האָבן געוואָלט ווערן מייסטער. די צעכן האָבן אויסגעשלאָסן די פֿרויען אַחוץ די טעכטער און אַלמנות פֿון די מייסטערס. לסוף איז בכלל פֿעסטגעשטעלט געוואָרן די צאָל מייסטערס פֿון יעטוועדן צעך און די צעכן זיינען פֿאַקטיש געוואָרן געשלאָסן.

דאָס האָט אריינגעבראַכט גרויסע שנויים אין די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די מייסטערס און געזעלן. פֿריער, בעת יעדער מייסטער האָט געמוזט אין אַ קורצע צייט אויסבילדן זיינע געזעלן, און איז דערין אויך פֿאַראַנטוואָרטלעך געווען פֿאַרן צעך, און יעדער געזעל איז געגאַנגען צום בעל־מלאכה בכדי אַליין אין אַ קורצע צייט צו ווערן אַ מייסטער, האָבן די געזעלן כמעט ווי געהערט צו דער משפּחה פֿון די מייסטערס. די מייסטערס האָבן צוזאַמען געאַרבעט מיט די געזעלן. די געזעלן האָבן בעת זייער לערנצייט באַקומען פֿון מייסטער קאָסט און קוואַטיר. קיין שכירות האָבן זיי כמעט נישט באַקומען און דאָס, וואָס זיי האָבן באַקומען איז געווען טאַשן־געלט. די מייסטערס און די געזעלן האָבן געבילדעט איין געזעלשאַפֿטלעכע גרופּע, וואָס האָט געפֿירט דעם קאַמף קעגן די פּאַטריציער, וועלכע האָבן פֿאַרכאַפּט די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער שטאָט. אָבער מיט דער צייט, ווען די צאָל פֿון די געזעלן איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און זיי האָבן נישט געהאַט די אויסזיכט צו ווערן איינציקן מייסטערס, זיינען זיי געוואָרן אַן אָביעקט פֿון עקספּלאָאַטאַציע מצד די מייסטערס. דער יסוד פֿון די

קענגנייטיקע באַציִונגען צווישן די געזעלן און די מייסטערס איז געוואָרן דער־
אַרבעטס־לוין. אין XIV יאָרהונדערט געפֿינען מיר אַפילו שוין שטיק־אַרבעט.
דער מייסטער אַרבעט שוין נישט צוזאַמען מיט די געזעלן און דעריבער ווערט
פֿאַרלענגערט די אַרבעטס־צייט. מען האָט געאַרבעט אַפילו אין ימים טובים און
ערשט אין יאָר 1522 איז אין זאַקסן אַרויסגעגעבן געוואָרן א געזעץ, וואָס
פֿאַרבאָט אַרבעטן אין חגאות. די עקספּלאָאַטאַציע מצד די מייסטערס און
די אוממעגלעכקייט אַליין צו ווערן זעלבשטענדיק האָט פֿון די געזעלן אויס־
געבילדעט אַ באַזונדערן קלאַס. די געזעלן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן
לויטן מוסטער פֿון די מייסטער־צעכן אין באַזונדערע פֿאַרבאַנדן. די ערשטע
אָרגאַניזאַציע פֿון געזעלן אין דייטשלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין 1329
אין ברעסלוי (גירטל־מאַכער). אין XIV יאָרהונדערט הויבן זיך אויך שוין אָן
די ערשטע לוין־קאַמפֿן צווישן די געזעלן און זייערע בעלי־בתּים. אין XV
יאָרהונדערט הויבן שוין אָן די געזעלן־פֿאַרבאַנדן צו אינטערווענירן ביי לוין־
קאַמפֿן; עס ווערן שוין אָפּגעשלאָסן קאָלעקטיוו־אָפּמאַכן, ווי למשל דער קאָ־
לעקטיוו־אָפּמאַך אין אָבער־ריינישן שניידער־צעך, וואָס איז אין 1457 אָפּ־
געשלאָסן געוואָרן אויף 28 יאָר. די אָבליגאַטאָרישע וואַנדערשאַפֿט פֿון די גע־
זעלן האָט מיטגעהאָלפֿן צו דער פֿאַרייניקונג פֿון די קליינע אָרטיקע פֿאַרבאַנדן
אין גרויסע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. די שטייגנדע מאַכט פֿון די געזעלן־פֿאַרבאַנדן
האָט אַרויסגערופֿן קעגן זיי אַ קאַמף מצד די מייסטער־צעכן, ווי למשל אין
דייטשלאַנד, דער באַוואוסטער קאַמף פֿון די מייסטערס אין נירנבערג, וואָס האָבן
בכלל געוואָלט פֿאַרווערן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין אייגענע פֿאַרבאַנדן.

די אינערלעכע קאַמפֿן, וואָס זיינען געפֿירט געוואָרן אין שטאָט צווישן די
מייסטערס און געזעלן מיט די פּאַטריציער פֿון איין זייט און צווישן די געזעלן
און די מייסטערס פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן אָבער נישט אָבגעשוואַכט דעם
טיפֿן קעגנזאַץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן דער שטאָט אַלס
אַזעלכע און די דאָרפֿישע פֿעאָדאַלע פּריצים. האַלטנדיק די פּויערים אין פֿול־
שטענדיקער פֿאַרשקלאַפֿונג, האָבן די פּריצים נישט צוגעלאָזט די פֿרייע וואַנ־
דערונג פֿון די פּויערים און דערמיט באַשרענקט דעם צופֿלוס פֿון נייע אַרבעטס־
כחות אין שטאָט. צובינדענדיק די פּויערים צו זייערע דערפֿער, זיינען די פּרי־
צים פֿון דער אַנדערער זייט געוואָרן די אויסשליסלעכע פֿאַרוואַלטער איבער
די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן. די פּריצים זיינען געווען די איינ־
טימער פֿון באָדן און צו זיי האָבן געהערט די וועלדער, וואָס האָבן געגעבן
האָלץ און פּעלצן; שאָף, וואָס האָבן געגעבן פֿעלן און וואָל; פֿעלדער, וואָס
האָבן געגעבן פֿלאַקס און בוימוואָל, קורץ, זיי זיינען געוואָרן די מאָנאָפּאָליסטן
פֿון די רוי־שטאָפֿן, אין וועלכע ס'האָט זיך גענויטיקט די שטאָט. מיט פֿאַר־
שידענע שטייערן און אָפּצאָלן אויף וועגן און בריקן, האָבן די גייסטלעכע און וועלט־

לעבע פריצים געשטערט דעם פֿאַרקער. אויף דעם אופן זיינען די פּריצים געווען די איבער־האַרן איבער די אַרבעט־כּוחות, איבער די רוי־שטאָפֿן, קאָנסום און פֿאַרקער. דאָס האָט געצוואונגען די שטעט אויפֿצוהויבן אַ קאַמף קעגן די פּרי־צים פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון די פּויערים און צו העלפֿן זיי צו באַפֿרייען זיך פֿון פּריצישן יאָך.

די פּריצים האָבן זיך דורך די אומאויפֿהערלעכע מלחמות און דורך דעם שטייגנדן לוקסוס וואָס ווייטער געגויטיקט אין גרעסערע סומען געלט. דאָס האָבן זיי באַקומען דורך בהדרגהדיקער פֿולשטענדיקער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די פּויערים. די פּריצים האָבן אַליין מער באַלאַסטעט די פּויערים סיי דורך נאַטור־ראַלע אָפּצאָלן סיי דורך צוואַנג־אַרבעט; לסוף האָבן זיי בכלל צעשטערט די דאָרפֿגעמיינשאַפֿט און איבערגענומען אין זייער פּריוואַט־אייגנטום די וועלדער, פֿעלדער, טייכן און פּאַשעס, וואָס זיינען געווען פֿון די אוראַלטע צייטן דאָס געמיינזאַמע אייגנטום פֿון דאָרף. דאָס האָט נישט נאָר געשטערט די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פֿון די דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן, נאָר בכלל צעשטערט די עק־זיסטירנדע פּויערישע „הויפֿן“.

די אַלע צושטאַנדן אין שטאָט און דאָרף האָבן געבראַכט צו אַ רעוואָ־לוציאָנערער גערונג קעגן די גייסטלעכע און וועלטלעכע פּריצים, וואָס האָט געפֿירט צו אויפֿשטאַנדן אין מיטל־ און מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן געדויערט הונדערטער יאָרן. די דאָזיקע אויפֿשטאַנדן זיינען באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס פּ ו י ע ר י ם מ ל ח מ ו ת. אין די דאָזיקע מלחמות האָבן די פּויערים גע־געבן דעם גרעסטן קאָנטינגענט, ווייל זיי זיינען געווען דער אונטערדריקסטער און עלטסטער קלאַס. אָבער אין די אויפֿשטאַנדן האָבן אויך גענומען אַ באַ־דייטנדן אָנטייל די שטאָטישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות — דער אויפֿ־שטייגנדער קלאַס. בעת די פּויערים האָבן די מלחמות געפֿירט מיטן צוועק צוריק אויפֿצושטעלן די דאָרף־געמיינשאַפֿטן, האָט דער שטאָטישער עלעמענט אַריינגעפֿירט אין זיי די סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטישע און קאָמוניסטישע אידייען. אויסערלעך האָט די גאַנצע באַוועגונג געטראָגן אַ טעאָלאָגישע פֿאָרם, אַ דאַנק די אידעאָלאָגן, וואָס זיינען געווען גייסטלעכע און אַדאַנק דעם, וואָס זי איז צייטלעך צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער רעפֿאָרמאַטאָרישער באַוועגונג קעגן דער קירכע.

ב). דער פּויערים־אויפֿשטאַנד אין פֿלאַנדריען.

די ערשטע פּויערים־מלחמות זיינען אויסגעבראָכן אין פֿלאַנדריען אין אָנ־הויב פֿון XIV יאָרהונדערט. — די וואַקסנדע אַנטוויקלונג פֿון דער וועבער־אינדוסטריע און טוך־האַנדל האָט געבראַכט צו אַן אויפֿבלי פֿון די שטעט: גענט, איפּערן, קאַסל, ברידזש און אַנדערע; די וואַקסנדע באַדייטונג פֿון דעם האַנט־

װערקער־קלאַס אין די שטעט, האָט געבראַכט צו אַ פֿאַרשאַרפֿטן קאַמף צװישן די בעלי־מלאָכות און די פּאַטריציער. דער אױפֿבלי פֿון די שטעט האָט באַרײכערט די פּױערים, װאָס האָבן פֿאַרזאָרגט די שטעט מיט שפּײַז און רױ־שטאָפֿן[1]) און דאָס האָט זײ געגעבן די מעגלעכקײט זיך שטײַפֿער אַנטקעגנצושטעלן קעגן די תּשוקות פֿון די פּריצים.

די דאָזיקע לאַגע האָט געבראַכט די פּריצים און פּאַטריציער צו זוכן שוץ בײַם פֿראַנצײזישן קײזער, װאָס איז געשטאַנען אין אַ סכסוך מיט די פֿלאַנדרישע פֿירסטן, װאָס האָבן געשטרעבט צו זעלבשטענדיקײט פֿון פֿלאַנדריען. דערמיט זײַנען די פּױערים און בעלי־מלאָכות געצװאונגען געװאָרן צו שטעלן זיך אױף דעם צד פֿון די פֿלאַנדרישע פֿירסטן. װען עס האָט אין סוף פֿון XIII יאָרהונדערט אױסגעבראָכן די מלחמה מיט פֿראַנקרײַך האָבן די פֿלאַנדרישע האַנטװערקער צעשלאָגן די פֿראַנצײזישע ריטער; דער פֿאַרעטערישער שלום־אָפּמאַך פֿון אַ ט י ס (1304) האָט אָבער אַרױפֿגעלעגט אױף דער פֿלאַנדרישער באַפֿעלקערונג שװערע מלחמה־אַנטשעדיקונגען, װאָס האָבן װײַטער געבראַכט צום אױפֿשטאַנד פֿון דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין יאָר 1323. דעם אױפֿשטאַנד האָט אָרגאַניזירט די שטאָט ברידזש; די פֿרײַע פּױערים פֿון מערב־פֿלאַנדריען און די פּאַכטער פֿון מזרח־פֿלאַנדריען האָבן געבראַכט אין די קאַמפֿן די גרעסטע קרבנות. אױף דער זײַט פֿון די פּױערים האָבן זיך געשלאָגן אױסער ברידזש אױך די שטעט איפּערן און קאַסעל, צו די פּריצים איז דאַקעגן צוגעשטאַנען גענט. די אַרבעטנדיקע מאַסן, װאָס זײַנען געפֿירט געװאָרן דורך דעם פּױער ז אַ נ ע ק י ן און דעם האַנטװערקער י אַ ק אָ ב פּ י ט, האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג מצד די הערשנדיקע קלאַסן און זײַנען אַרױסגעטרעטן קעגן יעטװעדן ריוח. װאָס קומט נישט פֿון אײגענער אַרבעט. פּיט איז געװען קאַטאַריש־סאָציאַל געשטימט. ער האָט געקעמפֿט מיט אַ גרױסער ענערגיע קעגן דער קירכע און קעגן די רײַכע: „איך איז נענטער דער חסד פֿון די פֿירסטן װי די טובה פֿון דער געמײנשאַפֿט, פֿון װעמען איר ציט אײַער יניקה". די פּאַטריציער און פּריצים האָבן זיך געװענדעט צום פֿראַנצײזישן קײזער װעגן הילף קעגן די אױפֿשטענדיקע, װאָס זײַנען אַ סכנה פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט־אָרדענונג"[2]). דאָס פֿראַנצײזישע מיליטער האָט מיט דער הילף פֿון דער שטאָט גענט אין אױגוסט 1328 צעשלאָגן די פֿלעמישע פּױערים און האַנטװערקער. די אױפֿשטענדיקע שטעט האָבן זיך איבערגעגעבן דעם גנאָד פֿון די זיגער. די פֿראַנצײזישע און פֿלע־

[1]) עס איז נײטיק צו באַמערקן, אַז אין פֿלאַנדריען איז דער פֿעאָדאַליזם געװען נישט שטאַרק אַנטװיקלט, און דעריבער זײַנען די רױ־שטאָפֿן געװען אין רשות פֿון פּױערטום.

[2]) אין לאַטײניש, װערטלעך: — „turbato ordine regiminis universi"

מישע פּריצים האָבן אין אומדערהערטע בלוט־בעדער פֿון פֿרויען און קינדער דערשטיקט דעם דאָזיקן ערשטן אויפֿשטאַנד פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין מערב־אייראָפּע.

6. די זשאַקערי אין פֿראַנקרייך.

די דאָזיקע פֿראַנצויזישע אינטערווענץ אין פֿלאַנדריען איז צוגלייך געווען די ערשטע סבה פֿונם פּויערים־אויפֿשטאַנד אין פֿראַנקרייך. די פּרוּאוון צו ער־אָבערן די פּאָליטישע איבערמאַכט איבער פֿלאַנדריען האָט פֿראַנקרייך געבראַכט צו אַ סכסוך מיט ענגלאַנד, וואָס האָט געהאַט אירע ווירטשאַפֿטלעכע אינטע־רעסן אין פֿלאַנדריען, וואָס איז געווען די הויפּט פֿאַרבּרויכערן פֿון ענגלישן וואָל. דאָס האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרצויגענע מלחמות צווישן ענגלאַנד און פֿראַנק־רייך, וואָס האָבן געדויערט כמעט הונדערט יאָר. די אומאויפֿהערלעכע מלחמות, די פֿראַנצויזישע מפּלות און די גזילות מצד די זיגרייכע ענגלענדער האָבן פֿול־שטענדיק דעמאָראַליזירט די פֿראַנצויזישע פּריצים און פֿאַראָרימט די אַרבעט־נדיקע באַפֿעלקערונג אין פֿראַנקרייך. גניבה און גזילה איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע ערשיינונג. די פּריצים האָבן אַלץ מער אונטערדריקט די פּויערים, וועלכע זיי האָבן מיט איראָני אָנגערופֿן „Jaques Bonhommes“ וואָס באַ־טייט בערך נאַרישע שלומיאלים. דער דאָזיקער מצב האָט אַרויסגערופֿן אַ גער־רונג אין פּאַריז, וואָס האָט זיך גלייך איבערגעוואָרפֿן אויפֿן דאָרף. אין מאַי 1358 איז אויסגעבראָכן דער פּויערים אויפֿשטאַנד אין קאַמפּיען, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „זשאַקערי“. דאָס איז געווען אַ אומאָרגאַניזירטע, עלעמענטאַרע עמפּערונג מצד די אונטערדריקטע פּויערים קעגן זייערע באַדריי־קער; אין דער באַוועגונג גופא האָט געפֿעלט יעטוועדע שפּור פֿון די פֿרייהייט און גלייכהייט־אידייען אָדער קאָמוניסטיש־סאָציאַלע שטרעבונגען. די זשאַקערי האָט זיך קאָנצענטרירט אינגאַנצן צווישן אַמיען און פּאַריז און האָט געדויערט פֿון 21 מאַי ביזן 24 יוני. מיט אַ שרעקלעכן אַכזריות האָבן די פּריצים דער־שטיקט דעם אויפֿשטאַנד. די כראָניק פֿון יענער צייט זאָגט: „אַפילו די ענג־לענדער, די ערגסטע שונאים פֿון פֿראַנקרייך, וואָלטן נישט געקענט אַזוי טי־ראַניש האַנדלען ווי די איידעלע לייט קעגן די פּויערים“. דעם פֿירער פֿון אויפֿ־שטאַנד זשילאָם קאַל האָט מען פֿאַרנאַרט קיין פּאַריז, וואו מען האָט אים געקרוינט מיט אַ גליענדיקן דרייפֿוס צום פּויערים־מלך, און דאַן אַראָפּ־געהאַקט דעם קאָפּ. אַ גאַנצע רייע דערפֿער האָט מען פֿאַרגלייכט מיט דער ערד. אין טייכן פֿון פֿרויען און קינדער בלוט האָט מען דערשטיקט די באַוועגונג.

ד). די פּויערים־אויפשטאַנדן אין ענגלאַנד.

די פּויערים אויפשטאַנדן אין פלאַנדריען און פראַנקרייך זיינען נישט געבליבן אָן אַ השפּעה אויף ענגלאַנד. די אַנטוויקלונג פון דער טוך־אינדוסטריע אין פלאַנדריען האָט באַוואוינגן ענגלאַנד נאָך אינטענזיווער זיך צו פאַרנעמען מיט דער געווינונג פון וואָל. די פּריצים און גייסטלעכע גוטבאַזיצער האָבן צעשטערט די דאָרפישע ווירטשאַפטן און געצוואונגען די פּויערים צו פאַרוואַנדלען זייערע פעלדער אין פּאַשעס פאַר שאָף. פון דער אַנדערער זייט האָט די וואַקסנדיקע אויסאַרבעטונג פון וואָל געשאַפן אין די ענגלישע שטעט נופאָ אַן אייגענע טוך־אינדוסטריע. אין דער אייגענער צייט האָט די מלחמה מיט פראַנקרייך געפאָדערט אומגעהייערע סומען, וואָס זיינען איבערגעוועלצט געוואָרן אויף דער באַפעלקערונג אין דער פאָרם פון גרויסע און שווערע שטייערן. אין יאָר 1349 איז אויסגעבראָכן אַ מגפה, וואָס האָט שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל אַרבעטס־כחות און דעריבער פאַרגרעסערט דעם אַרבעטס־לוין. אין 1350 האָט אָבער דער פּאַרלאַמענט אַרויסגעלאָזן קעגן די אַרבעטער אַ געזעץ, „Statute of labourers“, וואָס האָט אַראָפּגעדריקט דעם אַרבעטס־לוין צום מצב פון 1348 — דעם יאָר פאַר דער מגפה. די אַלע סבות האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט ביי די מאַסן, וואָס האָט אָנגענומען אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, אונטער דער השפּעה פון די פראַנציסקאַנער לינקע, לאָללהאַרדן און די פאַרפאָלגטע קאַטאַרישע וועבער פון פלאַנדריען.

דער אידעאָלאָג פון דער דאָזיקער באַוועגונג, הגם נישט קיין דירעקטער אָנטיילנעמער פון איר, איז געווען דזשאָן אויקלייף (Wycliffe) 1320—1384). ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין אָקספאָרד. ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער פּויפּסטלעכער איבער־הערשאַפט און פאַרן איבערגעבן דאָס קירכלעכע אייגנטום דעם ענגלישן פאָלק, ד. ה., דעם מלך און דעם פּאַרלאַמענט. אין דער דאָזיקער שטרעבונג האָט ער געהאַט אַסאַך אָנהענגער צווישן די ענגלישע פּריצים, וואָס זיינען אָבער אַרויסגעטרעטן קעגן אים, ווי באַלד ער האָט אָנגעהויבן זיין קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און פאַרטיידיגט די געמיין־ווירטשאַפט פון דער דאָרפס־געמיינדע אַנטקעגן דער פּריוואַט־ווירטשאַפט און תשוקות פון די פּריצים. „דער קאָמוניזם איז נישט קעגן דעם קריסטנטום. די אַפּאָסטאָלן האָבן געלעבט געמיינשאַפטלעך... דער קאָמוניזם שוואַכט נישט אָפּ די מלוכה, נאָר אַדרבא, ער שטאַרקט זי, ווייל וואָס מער בירגער עס זיינען פאַראינטערעסירט אין באַזיץ, אַלץ גרעסער ווערט זייער אינטערעס פאַר דער אַלגעמיינער הצלחה. די געמיינזאַמע אינטערעסן פירן צו אַחדות און אַחדות איז מאַכט“[1]. אויקלייף האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער קאָמוניזם קען נאָר דורכ־

---

[1] De civili domino 1־טער באַנד, 14 קאַפּיטל. ציטירט לויט בעערן.

געפֿירט ווערן מיט מאָראַלישע מיטלן, אָבער בשום אופֿן נישט דורך געוואַלט.

אויף אויקלייפּס לערע האָט זיך געשטיצט דער פּראַקטישער אָנפֿירער פֿון די פּויערים דזשאָן באָלל, וואָס איז אָבער געשטאַנען אויף דעם שטאַנד־פּונקט, אַז אַזוי ווי די פּריצים האָבן נישט מיט יושר און רעכט באַקומען זייער אייגנטום איז אויך זייער געוואַלטזאַמע אַנטאייגנונג אַ מצוה. דזשאָן באָלל איז געווען אַ גייסטלעכער און איינער פֿון די גלענצנדסטע אַגיטאַטאָרן און רעטאָריקער פֿון זיין צייט. דער פֿראַנצויזישער קראָניקער פֿרואַסאַר גיט איבער איינע פֿון זיינע רעדעס, פֿון וועלכע, מיר ציטירן: „מיינע ליבע לייט! שלעכט איז דער מצב אין ענגלאַנד און ער וועט זיך נישט פֿאַרבעסערן אַזוי לאַנג, כל־זמן עס וועט נישט הערשן קיין געמיינשאַפֿטלעך אייגנטום, ווי לאַנג עס וועלן נישט זיין אַלע גלייך. מיט וועלכן רעכט האָבן איבער אונדז די מאַכט די וואָס רופֿן זיך אָן הארן? מיט וואָס האָבן זיי דאָס פֿאַרדינט? פֿאַרוואָס האַלטן זיי אונדז אין קנעכטשאַפֿט. ווען מיר שטאַמען אַלע אָפּ פֿון איינע און דיזעלביקע אָבות פֿון אָדם און חוה? ווי אַזוי קענען זיי באַהויפּטן אָדער באַווייזן, אַז זיי האָבן גרעסערע רעכט ווי מיר? משמעות נאָר דערמיט וואָס מיר אַרבעטן און פּראָדוצירן דאָס, וואָס זיי פֿאַרברויכן? זיי גייען אין טייערע מלבושים פֿון סאַמעט, פּורפּור און פּעליץ, בעת מיר גייען אין רויע לייוונטינע קליידער. זיי האָבן וויין, בשמים און גוט ברויט, בעת מיר באַקומען שוואַרץ ברויט, קלייען, שטרוי און וואַסער. זיי וואוינען אין פּאַלאַצן און שלעסער און אונדזער גורל איז טרחה און פּלאָג און מיר ליידן פֿון ווינט און רעגן. און דאָך איז עס סוף כל סוף אונדזער אַרבעט, פֿון וואָס זיי באַקומען די מיטלן אויפֿצוהאַלטן זייער פּראַכט. זיי האַלטן אונדז פֿאַר זייערע קנעכט און שטראָפֿן אונדז, ווען מיר געהאָרכן נישט זייערע באַפֿעלן".

צוליב די סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען אין ענגלאַנד, וועלכע מיר האָבן אויבן באַרירט, און אונטער דער ווירקונג פֿון דער דאָזיקער אַגיטאַציע איז לסוף אויסגעבראָכן אין ענגלאַנד אין יוני 1381 דער פּויערים־אויפֿשטאַנד, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט קאָמוניסטישן גייסט. די פּויערים האָבן געפֿאָדערט די צוריקאויפֿשטעלונג פֿון זייער דאָרף־געמיינשאַפֿט און די פֿרייע באַשטימונג פֿון זייער אַרבעטס־לוין. צו די פּויערים זיינען אויך צוגעשטאַנען די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך לכתחילה אויך געווענדעט אַנטקעגן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן ווי אויך קעגן די פֿלעמישע וועבער אין לאָנדאָן, וואָס האָבן אין זייערע פֿאַרבאַנדן נישט צוגעלאָזן קיין ענגלישע אַרבעטער. נישט קוקנדיק דערויף האָבן אַ טייל פֿלעמישע וועבער זיך אויך באַטייליקט אינם אויפֿשטאַנד. די פּויערים פֿון דער אומגעבונג פֿון קענט — דער צענטער פֿון דער וועבער־אינדוסטריע — האָבן זיך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון וואַט

טיילער און דזשעק סטראו געלאָזט צו לאָנדאָן און פאַרנומען די שטאָט. קודם כל האָבן זיי באַפרייט דזשאָן באָללן, וואָס איז געזעסן אין תפיסה און האָבן זיך נוקם געווען אָן די פּריצים, באַאַמטן, מיניסטאָרן אדוואָקאַטן וכדומה. בעת דעם אויפשטאַנד זיינען צעשטערט געוואָרן עטלעכע געביידעס, אָבער די אויפגעשטאַנענע פּויערים האָבן נישט צוגעלאָזט צו גנבות און רויבערייען. איין פּויער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי אַ גנבה, איז תיכף אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין פייער און דערביי האָבן די פּויערים ערקלערט: „מיר זיינען די פאַרטיידיקער פון אמת און יושר, אָבער נישט קיין גנבים און גזלנים".

דער יונגער מלך ריטשארד איז צוזאַמען מיט זיין סוויטע אַנטלאָפן געוואָרן אין דער פעסטונג טאַוער. וואוהין די אויפשטענדיקע זיינען געקומען און געפאָדערט דער מלך זאָל צו זיי אַרויסגיין. מיט פּחד און ציטערניש האָט דער מלך ממלא געווען דעם רצון פון די פּויערים. די פאָרשטייער פון די פּויערים האָבן ביים מלך פאַרלאַנגט פרייהייט און גלייכהייט פאַר די פּויערים און אַמנעסטיע פאַר די פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן בעת דעם אויפשטאַנד. דער מלך, האָט געצוואונגענערהייט געמוזט אַרויסלאָזן פאָלגנדן מאַניפעסט: „איך ריטשאַרד, פון גאָטס גענאָד דער מלך פון ענגלאַנד און פראַנקרייך און הערשער פון אירלאַנד, גיב איבער אַ גרוס צו אַלע מיינע טרייע אונטערטאַנען, צו וועלכע עס קומט אָן דער דאָזיקער מאַניפעסט און באַשטים: פון אייגענעם חסד לאָזן, מיר פריי אַלע אונדזערע אונטערטאַנען אָדער אַנדערע אָפּהענגיקע מענטשן. מיר ערקלערן יעדן איינציקן פון זיי פאַר פריי פון יעטוועדער אָפּהענגיקייט און זיינען זיי מוחל יעטוועדעס פאַרברעכן, פאַראַט און רעפּרעסיע וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, ווי בכלל אַלע מעשים, וואָס האָבן זיי געשטעלט מחוץ דעם געזעץ. זיי אַלע ווי בפרט יעדן יחיד זאָגן מיר אונדזער שלום".

דער דאָזיקער מאַניפעסט האָט באַרויקט די פּויערים און דער רוב פון זיי האָט פאַרלאָזן די שטאָט. דער פאַקט האָט אָבער דערמוטיקט דעם מלך, וואָס האָט געזוכט זיך צו באַפרייען פון זיין פאַרשפּרעכן. און ווען דעם 17 יוני 1381 האָט זיך דער מלך ווידער אַמאָל געטראָפן מיט דעם פּויערים פירער וואַט טיילער, וואָס איז געקומען נאָך דעם מאַניפעסט, וואָס ער האָט געזאָלט באַקומען פון די הענט פון מלך, האָט ער באַקומען אָנשטאָט דעם מאַניפעסט אַ טויט־קלאַפּ פון אַ ריטער און איז געפאַלן צו דער ערד. ווען די פּויערים האָבן זיך אַלאָז געטון צו פאַרטיידיקן זייער פירער, האָט זיי דער מלך ערקלערט, אַז ער איז זייער פירער און ווידעראַמאָל פייערלעך באַשטעטיקט זיין מאַניפעסט. ווען די פּויערים זיינען זיך בכלל פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע דערפער, האָבן די פּריצים אויסגענוצט דעם מאָמענט און פאַראורטיילט צום טויט די פּויערשע פירער. צווישן זיי אויך דזשאָן באָלל און דזשעק סטראַו און אין

טייכן בלוט דערשטיקט דעם אויפֿשטאַנד. דער מלך האָט דאַן ערקלערט די פּויערים: „קנעכט זייט איר געווען און קנעכט וועט איר בלייבן, אָבער נישט אַזוי ווי ביז איצט, נאָר אין אַ סאַך אַן ערגערער פֿאָרם“.

די פּויערים־אויפֿשטאַנדן, וואָס זיינען גלייכצייטיק פֿאָרגעקומען אין נאָרפֿאָלק און אין עסעקס, זיינען דערשטיקט געוואָרן אין אָפֿענעם קאַמף; דער ערשטער דורך דעם בישאָף פֿון נאָריטש און דער צווייטער דורך דעם קעניגלעכן מיליטער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען נאָך פֿאָרגעקומען איינצעלנע אויפֿשטאַנדן אין קענט אין 1450, בעת וועלכן די פּויערים זיינען ווידער געקומען אין לאָנדאָן און זיך נוקם געווען אָן די פּריצים. אין 1500 אין קאָרנוואַל און 1549 אין אַ גרויסן טייל אין ענגלאַנד. די דאָזיקע אַלע אויפֿשטאַנדן האָבן נישט דערגרייכט די גרויס פֿונעם אויפֿשטאַנד פֿון 1381 יאָר.

ה). די הוסיטן־מלחמות אין בעמען.

אַנדערש ווי אין די מערבֿ־איראָפּעאישע לענדער איז געווען די לאַגע אין בעמען, וואו ביי די רעוואָלוציאָנער־רעפֿאָרמיסטישע אויפֿשטאַנדן האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. לאַנגע יאָרן האָבן די בעמישע פֿירסטן געקעמפֿט מיט דעם דייטשן קייזער פֿאַר זייער אומאָפּהענגיקייט. שטאַרקער אָבער ווי דער נאַציאָנאַלער ווילן זיינען געווען די ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען פֿון בעמען און די בעמישע פּריצים האָבן זיך לסוף געזעען געצוואונגען איינצולאַדן צו זיך דייטשע סוחרים און האַנטווערקער, בכדי צו הויבן די שטאָטישע קולטור. די אַנטדעקונג פֿון די גאָלד־גרובן אין קוטענבערג, אָנהויב XIII יאָרהונדערט — האָט שטאַרק מיטגעהאָלפֿן צו דער אַנטוויקלונג פֿון בעמען. אין 1384 איז אין פּראַג געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער דייטשער אוניווערזיטעט, וואָס איז געוואָרן דער קולטורעלער צענטר פֿון גאַנץ מיטל־איראָפּע. דאָס רייכטום, די בילדונג און די אַנטוויקלונג פֿון האַנטווערקעריי און האַנדל האָבן פֿון בעמען געמאַכט די רייכסטע און בליענדסטע מלוכה פֿון יענער צייט. און אין דערזעלבער צייט באַשאַפֿן אַ גרויסע אַרבעטער־באַפֿעלקערונג אין שטאָט. דער אויפֿשטייג פֿון די שטעט האָט אויך פֿאַרורזאַכט די באַרייכערונג פֿונעם פּויערנטום. פֿון דער אַנטוויקלונג האָבן אָבער געליטן די קליינע בעמישע פּריצים, וואָס האָבן זיך געקענט העלפֿן נאָר דורך דער גרעסערער אונטערדריקונג און עקספּלאָאַטאַציע פֿון די פּויערים. אָבער צוליב דעם, וואָס די בירגערלעכע קלאַסן אין שטאָט זיינען אויסשליסלעך באַשטאַנען פֿון דייטשן, האָט זיך צוגלייך מיטן קלאַסן קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטער און זייערע בעלי־בתּים אין שטאָט אויסגעבילדעט אַ צווייטער קאָנפֿליקט, צווישן די קליינע בעמישע פּריצים און דעם דייטשן באַזיצנדן עלעמענט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער

באשיצער און דער געטרייעסטער אנהענגער פון דער רוימישער קירכע. די לאגע פון די ארבעטנדיקע מאסן, פון די פויערים, ווי אויך דער מצב פון די קליינע בעמישע פריצים האט געשאפן א גינסטיקן באדן פאר אן אפאזיציאנעלער באוועגונג. דעריבער איז עס געשעען, אז בעת דער קאמף פון די ארבעטער און פויערים האט אנגענומען א סאציאל־קאטארישן כאראקטער, האט דער קאמף פון די קליינע בעמישע פריצים קעגן דעם דייטשן עלעמענט באקומען אן אנטי־קירכלעכן, נאציאנאל־בעמישן אינהאלט.

אויפן יסוד פון די קעגנזאצן איז אין XIV יארהונדערט אין בעמען אנטשטאנען א נאציאנאל־סאציאל־רעליגיעזע באוועגונג, וואס האט פריער אדער שפעטער געמוזט ברענגען צו אן אפענעם אויסברוך. די אידעאלאגישע פארשטייער פון דער דאזיקער באוועגונג זיינען געווען מ י ל י ט ש פון קרעמזיער, דער פריוואטסעקרעטאר פון קארל דעם פערטן, וואס האט זיך 1362 אפגעזאגט פון זיין אמט, בכדי צו ווערן א פאלקס־פרעדיגער, און הויפטזעכלעך י א ה א ן ה ו ס. מיליטש איז ארויסגעטרעטן קעגן האנדל, קאפיטאל און קירכלעכן אייגנטום. די גייסטלעכע דארפן לעבן אין אפאסטאלישער ארימקייט און קענען האבן נאר אזויפיל אייגנטום, וויפיל ס'איז נויטיק, בכדי צו לעבן אין א געמיין־ווירטשאפט. יאהאן הוס, דער רעקטאר פון פראגער אוניווערזיטעט, איז געשטאנען אונטער דער השפעה פון אויקלייפס שטה. ער איז שארף ארויסגעטרעטן קעגן דעם אייגנטום פון דער קירכע און פאר אלגעמיינער גלייכהייט און רעליגיעזע ענינים. ער האט געפאדערט די אפשאפונג פון דער פאנאדערטיילונג אויף דעם קלער און פשוטע קריסטן. דערמיט האט ער אויפגעבראכט קעגן זיך אלע דייטשע טעאלאגן פון פראגער אוניווערזיטעט; אונטער דער ווירקונג פון הוס האט דער מלך וו ע נ צ ע ל פארשטארקט דעם טשעכישן עלעמענט אין דעם דאזיקן אוניווערזיטעט. דאס האט באדייטנד פארשטארקט די פאפולאריטעט פון הוסן; זיין לערע האט זיך שטארק פארשפרייט צווישן דעם בעמישן פאלק. פאר זיינע רעפארמיסטיש־קאטארישע אנשויאונגען איז הוס ארייגעלייגט געווארן אין חרם דורכן פויפסט און איז גערופן געווארן צום סינאד אין קאנסטאנץ, בכדי זיך צו פארטיידיקן. דער דייטשער קייזער ז י ג י ס מ ו נ ד, דער ברודער פון בעמישן קייזער ווענצעל, האט הוסן צוגעזאגט פרייהייט און זיכערהייט; נישט קוקנדיק דערויף איז הוס דורך דעם סינאד פארמשפט געווארן און איז ווי אן אפיקורס אין יאר 1415 עפנטלעך פארברענט געווארן. הוס און היערא־נים פון פראג, וואס איז מיט א יאר שפעטער פארברענט געווארן, זיינען דורך דעם בעמישן פאלק פארהייליקט געווארן אלס נאציאנאלע מארטירער. און דאס גאנצע טשעכישע פאלק מיט די פריצים בראש האט זיך געשטעלט אין אפאזיציע לגבי דער קירכע און דעם פויפסטום. דאס איז געווען דער אנהויב פון די הוסיטישע מלחמות, וואס האבן געדויערט פון 1419 ביזן 1436־טן יאר.

הגם דאָס טשעכישע פֿאָלק איז אינגאַנצן געווען אייניק אין זיין שטעלונג לגבי דעם פּויפּסט און קאָנסטאַנצער סינאָד, איז עס אָבער אינערלעך באַשטאַנען פֿון פֿאַרשידענע שטרעמונגען. די פּריצים, וואָס האָבן אייגנטלעך געוואָלט, אַז דאָס אייגנטום פֿון דער קירכע זאָל איבערגיין צו זיי, און וואָס זיינען געווען פֿאַרטיידיקער פֿון דער גלייכהייט צווישן קלער און פּשוטע קריסטן, האָבן געבילדעט די מעסיקע פּריציש־בירגערלעכע ריכטונג; זיי האָבן געהייסן אוטראַקוויסטן אָדער קאַליקסטינער. אַנטקעגן זיי זיינען געשטאַנען די בעמישע קליינע פּויערים, לאַנד־אַרבעטער, האַנטווערקער און שטאָט־אַרבעטער, פֿאַראָרימטע פּריצים און ענלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן געפֿאָדערט אויך סאָציאַלע רעפֿאָרמען; דאָס איז געווען די ראַדיקאַלע ריכטונג, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן טאַבאָריטן, ווייל זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אַ קליינער שטאָט טאַבאָר אין דרום־מערב פֿון פּראַג. די טאַבאָריטן גופא זיינען אויך נישט געווען אייניק צווישן זיך. צווישן זיי זיינען געווען צוויי אויסגעשפּראָכענע ריכטונגען, הגם אַלע האָבן געשטרעבט צו רעפֿאָרם אין זין פֿון אור־קריסטנטום. די ערשטע ריכטונג האָט געפֿאָדערט נאָר מעסיקע סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די צווייטע איז באַשטאַנען פֿון קאָנסעקווענטע קאָמוניסטן. נישט קוקנדיק אויף אינערלעכע חילוקי־דעות זיינען זיי אָבער געווען ביז אַ צייט אייניק און אין טאַבאָר האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען וואַלדענזער, בערגהאַרדן ווי בכלל פֿאָרשטייער פֿון גערודפֿטע קאָמוניסטישע סעקטעס. טאַבאָר איז געוואָרן דער צענטר פֿון דער אייראָפּעאישער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין טאַבאָר האָבן אַלע געלעבט לויט די כללים און מנהגים פֿון דער אוראַלטער קריסטלעכער געמיינדע. געפֿונען האָבן זיך דאָרט בערך 42.000 מענטשן. איבעראַל האָט געהערשט דער גייסט פֿון ברידערלעכקייט. ס'איז פֿולשטענדיק פֿאַרשוואונדן דער אונטערשיד צווישן געזעלשאַפֿטלעכע שטאַנדן. דאָס לעבן פֿון די טאַבאָריטן איז געווען דורכגעדרונגען מיט פֿרומקייט, פֿרייד, אַרבעט פֿאַר דער געמיינשאַפֿט. דאָרט זיינען כסדר פֿאָרגעקומען פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען און פֿאָלקס־פֿאַרוויילונגען. די לערע פֿון די טאַבאָריטן קען אַזוי פֿאָרמולירט ווערן: „פּונקט אַזוי ווי אין שטאָט טאַבאָר איז נישט פֿאַראַן קיין מיין און דיין, נאָר אַלץ איז געמיינשאַפֿטלעך, אַזוי זאָל תמיד אַלעס זיין געמיינשאַפֿטלעך און קיינער זאָל קיין באַזונדער אייגנטום נישט האָבן, און ווער עס האָט אַ אייגנטום באַגייט דערמיט אַ טויט־עבירה".

די טאַבאָריטן האָבן די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון טאַבאָר פֿאַנאַנדערגעטיילט אויף הויז־ און פֿעלד־געמיינדן. די ערשטע האָבן געזאָרגט פֿאַר לעבנסמיטלען; די צווייטע האָט מיט ווייב און קינד געצויגן אין שלאַכט. עס איז וואַרשיינלעך, אַז פֿון צייט צו צייט האָבן זיך די געמיינדן געביטן מיט זייערע פֿונקציעס. די טאַבאָריטן האָבן בכן, ווי מיר זעען, די ערשטע איינגעפֿירט די אַלגעמיינע

פאָלקס־באַוואָפנונג; און דערמיט ערקלערן זיך אויך זייערע זיגרייכע מלחמות במשך פון לאַנגע יאָרן. צום סוף פון יאָ־ 1419 האָבן זיך באַוויזן אין טאַבאָר כיליאַסטישע אידייען, וואָס זיינען געוואָרן געפּרעדיקט דורך דעם גייסטלעכן מ אַ ר ט י נ ע ק ה ו ס ק אַ. ער האָט אָנגעזאָגט דאָס גיכע אָנקומען פון אַ גליק־לעכער צייט פון פרייהייט און גלייכהייט, ווען עס וועלן נישט זיין קיין מלכים און נישט קיין מענטשן־געזעצן. עס וועלן דאַן פאַרשווינדן די מלוכה, די קירכע, די טעאָלאָגיע און די גאַנצע סכאָלאַסטישע תורה. דאָס שטייגערן פון די אַנטיגאָניסטישע שטרעמונגען צווישן די טאַבאָריטן האָט געבראַכט צו דער אויסבילדונג פון אַן עקסטרעמע סעקטע, וואָס איז אַנגעזאייגעטרעטן פאַר פּאָ־ליגאַמיע (פּילוויבעריי). די סעקטע האָט געהייסן אַ ד אַ מ י ט ן, וויל, פאַראכטנדיק די ציוויליזאַציע, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל שלעכטס, האָבן זיי זיך נישט געשעמט מיט נאַקעטקייט. אין יאָר 1421 איז די דאָזיקע סעקטע אויסגעראָטעט געוואָרן מיט שווערט און פייער דורך די טאַבאָריטן גופא[1].

אַזוי ווי די טאַבאָריטן האָבן אַפילו געפּלאַנט אַ פאַרשווערונג קעגן דעם מלך ווענצל, איז דער לעצטער אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע פריצים און גייסטלעכע אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג און פאַרבאָטן עפנטלעכע פּראָצעסיעס. דעם 30 יולי 1419 זיינען די מאַסן אין פּראַג אַרויס אין אַ גאַסן דעמאָנסטראַציע קעגן דעם פאַרבאָט און אונטער דער אָנפירונג פון צ י ס ק אַ האָבן זיי געשטורעמט דאָס ראָטהויז, און דערביי אויך געהאַרגעט אַסאַך ראַטמענער. נאָך דעם טויט פון ווענצל, וואָס איז געשטאָרבן פון אַן אַפּאָפּלעקסיע, בעת ער האָט באַקומען די דאָזיקע בשורה, האָט איבערגענומען די ממשלה זיין ברודער דער קאַטוילליק זיגיסמונד. הגם די הוסיטן האָבן אים באַשולדיקט אין טויט פון יאָהאַן הוס, און הגם זיי האָבן געהאַט צו אים טענות פאַר זיין קאַטאָליציזם, האָבן זיי דאָך לכתחילה פאַרנומען אַן אַפּוואַרטנדיקע שטעלונג. בעת אָבער די קאַטוילישע פּאַרטיי איז איבערגעגאַנגען צום אָנגריף, דער פּויפּסטלעכער לעגאַט האָט אין מערץ 1420 ערקלערט אַ קרייץ־צוג קעגן די הוסיטן — איז אויסגעבראָכן דער אָפענער קאַמף. דעם 3 אַפּריל 1420

---

1) בעער פירט דורך אין זיין בוך (40־טע זייט, III באַנד) אַ גאַנץ אינטערע־סאַנטן פּאַראַלעל צווישן די שטרעמונגען ביי די הוסיטן מיט די פּאַרטייען פון דער איצטיקער דייטשער רעוואָלוציע: „די קאַליקסטינער זיינען געווען די הייטיקע ביר־גערלעכע דעמאָקראַטן; די טאַבאָריטן האָבן אַרומגענומען אַלע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען לינקער פון די קאַליקסטינער: לויט הייטיקע באַגריפן די סאָציאַליסטן, קאָ־מוניסטן און די קאָמוניסטישע אַרבעטער פּאַרטיי. די געמעסיקטע טאַבאָריטן מיט ציסקאַ בראָש זיינען די הייטיקע מערהייט־סאָציאַליסטן. די לינקע טאַבאָריטן זיינען די זעלב־שטיקע אומאָפּהענגיקע און קאָמוניסטן; די כיליאַסטן זיינען געווען די הייטיקע עק־סטרעמע קאָמוניסטן.

האָבן זיך די קאַליקסטינער פֿאַרייניקט מיט די טאַבאָריטן און מיש געמיינזאַמע כחות אַרויסגעטרעטן קעגן דעם קרייץ־צוג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ מחנה פֿון 150.000 ריטער, זעלנער, פֿרומע קאַטאָליקן און גלאַט אַוואַנטוריסטן. פֿינעף מאָל נאָכאַנאַנד האָט די דאָזיקע מחנה אַנגעגריפֿן די טאַבאָריטן, אָבער די טאַבאָריטן האָבן אָפּגעשלאָגן יעטווידן אַנפֿאַל. אין 1424 איז געשטאָרבן ציסקאַ און די אָנפֿירונג פֿון די טאַבאָריטן האָבן איבערגענומען פּראָקאָפּ דער קליינער און פּראָקאָפּ דער גרויסער. וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פֿון דער פֿאַרטיידיקונג צום אָנגריף. זיי זיינען איבערגעפֿאַלן פֿאַרשידענע דייטשע לענדער ווי בייערן, עסטרייך, זאַקסן און אַנדערע און אומעטום געשלאָגן די רעגירונג־אַרמייען. זייער מוטיק אַרויסטרעטן האָט געוואָרפֿן אַזאַ מין אימה אַרום זיי, אַז ס׳האָט גענוגט דער רוף „די הוסיטן קומען“, אַז די רעגירונגס־אָפּטיילונגען זאָלן אַנטלויפֿן.

בעת אין יאָר 1431 ווען די קרייץ־צוג מחנה איז אינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן, האָט דער פּויפּסט מיטן מלך אָנגעהויבן צו זוכן קאָמפּראָמיסן מיט די הוסיטן. דאָס האָט לסוף אין יאָר 1433 געבראַכט צו אַ שלום, צו דער אַזוי גערופֿענער „פּראַגער קאָמפּאַקטאַטע“. די הוסיטן האָבן ביי דעם שלום באַקומען די געפֿאָדערטע קירכלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון פּשוטן המון מיטן קלער; דער פּויפּסט איז איינגעגאַנגען אויף דעם איבערגעבן דאָס קירכלעכע אייגנטום צו די קליינע פּריצים; לסוף האָבן אויך די הוסיטן באַקומען דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער טשעכישער שפּראַך ביים גאָטעסדינסט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די באַדינגונגען האָבן געקענט נאָר באַפֿרידיקן די קאַליקסטינער און די גאָר מעסיקע טאַבאָריטן. עס האָט זיך דעריבער געבילדעט אַ לינק־טאַבאָריסטישע אָפּאָזיציע קעגן דער פּריציש־בירגערלעכער סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטישער קאָאַליציע. דאָס האָט סוף כל סוף געבראַכט צו אַן אָפֿענעם קאַמף צווישן די לינקע טאַבאָריטן מיט די קאַליקסטינער, וואָס האָבן זיך פֿאַרייניקט מיטן קייזערלעכן מיליטער. דעם 30 מאַי 1434 איז פֿאָרגעקומען די שלאַכט נעבן בעמיש־בראָד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער מפּלה פֿון די טאַבאָריטן. נישט קוקנדיק אויף דער מפּלה האָט דער קאַמף געדויערט נאָך צוויי יאָר, ביז דער קייזער זיגיסמונד האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער שטאָט טאַבאָר; לויטן אָפּמאַך האָט טאַבאָר געקריגן אַ פֿולשטענדיקע זעלבשטענדיקייט. אין טאַבאָר האָבן אָבער די הערשנדיקע קלאַסן נאָך שפּעטער אויך געזען אַ סכנה פֿאַר זייער מאַכט און דעריבער האָט דער רעגענט יאָהאַן פּאָדיבראַט אין 15 יאָר אַרום ווידער אויפֿגענומען דעם קאַמף מיט איר. דריי מאָל האָט ער באַלאַגערט די שטאָט און לסוף געצוואונגען זי אַרויסצוגעבן אירע פּריסטער (1452). דערמיט איז די שטאָט טאַבאָר אַראָפּ פֿון דער פּאָליטישער אַרענע. נאָך די הוסיטן־מלחמות, נאָך די נצחונות פֿון די פּריצים איז די אָרימ־

קייט און פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די פּויערים געוואָרן נאָך גרעסער. אין יאָר 1482 איז איינגעפֿירט געוואָרן דאָס לייב־אייגנטום.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מעכטיקע באַוועגונג, ווי די טאַבאָריטן, האָט נישט געקענט פֿאַרשווינדן מיט אַמאָל; לאַנגע יאָרן זענען נאָך קענטיק געווען אירע שפּורן אין פֿאַרשידענע ערטער. ביי איין גרופּע פֿון די טאַבאָריטן, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „די בעמישע ברידער“ איז די מלחמה געוואָרן אַ פּראָפֿעסיע און זיי האָבן פֿאַר געלט געדינט די פּריצים אין אונגאַרן און אין פּוילן. דעם זעלביקן נאָמען האָט אָבער געטראָגן אַן אַנדערע סעקטע, וואָס איז באַשטאַנען אין דער בלי־צייט פֿון טאַבאָר. זי האָט זיך אונטערשיידעט פֿון די איבעריקע טאַבאָריטן דורך איר פֿרידלעכקייט און איר פּראָטעסט קעגן יעטוועדער מלחמה. שוין אין 1420 האָט דער פֿאָרשטייער פֿון דער דאָזיקער סעקטע פּעטער קעלטשיצקי געפּרעדיקט גלייכהייט צווישן אַלע מענטשן, דעם ריקקער צו דער נאַטור און דעם פּראָטעסט קעגן יעטוועדער געוואַלט. מיט דער צייט האָט זיך די סעקטע אַליין פֿאַרגרעסערט און אין יאָר 1457 האָט זי געגרינדעט אַ קאָמוניסטישע געמיינדע אין דאָרף קונוואַלד ביי זענפֿטענבערג, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קעלטשיצקיס תלמיד, דעם ברודער גרעגאָר. די ברידער איז נישט בלויז געווען פֿאַרווערט צו פֿאַרנעמען זיך מיט מלחמה און מלוכה־דינסט נאָר אויך מיט האַנדל און געשעפֿטן. דאָס פּריוואַט אייגנטום איז ביי זיי פֿאַרבליבן אין אַ געוויסער מאָס, ווי אויך דאָס פֿאַמיליען־לעבן. די נישט פֿאַרהייראַטע האָבן געלעבט אין פֿולן קאָמוניזם אין מענער־ און פֿרויען־הייזער. תחילת האָבן זיי געליטן פֿון כל־ערליי רדיפֿות, אָבער דערנאָך האָט זיי זייער פֿלייס און באַשיידנקייט ווי בפֿרט זייער אַנטימיליטאַריזם פֿאַרשאַפֿט גרויסע סימפּאַטיעס ביי דער באַפֿעלקערונג: זיי האָבן זיך מיט אַ באַזונדערער ליבע פֿאַרנומען מיט דער קינדער־דערציונג און שול־בילדונג. זייער אַרבעטזאַמקייט, אינטעליגענץ און זייער פּוריטאַנישער לעבנס־אופֿן האָט זיי גיך געבראַכט צו אַ וואוילשטאַנד. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דער געמיינדע איז אַנטשטאַנען אַ מעסיקערע ריכטונג, וואָס האָט דערלויבט אַריינצוטרעטן געלערנטע און פּריצים (1480) אין דער קאָמוניסטישער ברודערשאַפֿט, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פֿון זייער פּריוואַט־אייגנטום. אויך דער פֿאַרבאָט פֿון מלוכה־דינסט איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער פֿריערדיקער שטרענגקייט. אַרום די דאָזיקע אָפּווייכונגען האָבן זיך אין דער געמיינדע אָנגעהויבן סכסוכים, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט דעם אַרויסטרעטן פֿון די טיילן וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער ראַדיקאַלערער עלטערער ריכטונג; די דאָזיקע ריכטונג איז אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן נאָך דעם ווי עטלעכע פֿון אירע פֿאָרשטייער זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום מאַרטירער־טויט (1491). די מעסיקערע ריכטונג האָט עקזיסטירט ביז צו דער צייט ווען בעמען

איז איינגאַנצן אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער מאַכט פֿון די האַבסבורגער (אין XVII יאָרהונדערט).

די לעצטע רעשטלעך פֿון די אַמאָל איינפֿלוסרייכע „בעמישע ברידער“ זיינען אין יאָר 1722 אויפֿגענומען געוואָרן דורך דעם גראַף צ י נ צ ע נ ד אָ ר ף אין זיין גוט הערנהוט, וואו זיי פֿירן נאָך עד היום אַ שטילן, פּיעטיסטישן, צוריקגעצויגעם לעבן.

ו. די פּויערישע מלחמות אין דייטשלאַנד.

אין XV און XVI יאָרהונדערט איז דייטשלאַנד געווען איינס פֿון די רייכסטע קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די מינעראַלע אוצרות פֿון באָדן, פֿון פֿלייס פֿון די האַנטווערקער, פֿון דעם אונטערנעמונגס־גייסט פֿון די סוחרים און פֿון דער אַרבעט פֿון די פּויערים. אַזוי האָבן האַרץ, זאַקסן, שטייערמאַרק און טיראָל געליפֿערט אייזן, בליי, זילבער, גאָלד, קופּער, זאַלץ און קוילן. אַ גאַנצע רייע שטעט ווי נירנבערג, שטראַסבורג וכדומה, האָבן זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק דער בוכדרוקער־אינדוסטריע. דאָס עשירות פֿון לאַנד און דער וואוילשטאַנד פֿון די שטעט האָט אַרויסגערופֿן ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן אַ שטרעבן צו פֿרייהייט און גלייכהייט. אָבער דער גרויסער יקרות, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דעם איינפֿירן פֿון גאָלד און זילבער אַלס געלט, און די שווערע שטייערן, וואָס זיינען אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף דער באַפֿעלקערונג דורך די אייביקע מלחמות פֿון די ריטער און צוליב דער גרויסער סומע געלט, וואָס דייטשלאַנד האָט פֿאַר אַלעם נאָר אַליין געמוזט צאָלן דער קירכע, האָבן זיך ווי אַ שווערער יאָך געלייגט אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן. אויך צווישן די פּויערים איז כסדר געוואַקסן די אומצופֿרידנקייט, צוליב דעם הערשנדיקן לייבאייגנטום, וואָס האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זיי שווערע לאַסטן אין פֿאָרם פֿון אַ „גרויסן תבואה־מעשר“ און אַ „קליינעם פֿיה־מעשר“ ווי אויך פּערזענלעכער דינסט. דערצו האָבן זיי געהאַט נאָך אַלטע טענות, דערפֿאַר וואָס די פּריצים האָבן ביי זיי צוגענומען די פֿעלדער, צעשטערט זייערע דאָרף־געמיינשאַפֿטן און פֿאַרבאָטן זיי צו פֿאַנגען חיות אין די וועלדער און צו כאַפּן די פֿיש אין טייכן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַ רעוואָלוציאָנערן אויסברוך, וואָס האָט געדויערט לאַנגע יאָרן און אַרומגענומען כמעט גאַנץ דייטשלאַנד.

אין דער דייטשער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון XVI יאָרהונדערט קען מען אונטערשיידן דריי ריכטונגען: די פּויערישע, וואָס איז געווען אַ סאָציאַל־רעפֿאָרמיסטישע, די פּראָלעטאַרישע — אַ קאָמוניסטישע, און אַ בירגערלעכע — קירכלעך־רעפֿאָרמיסטישע. די פּויערים האָבן געפֿאָדערט די ווידעראויפֿשטעלונג פֿון די דאָרף־געמיינשאַפֿטן, אַ דעמאָקראַטישע פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קירכע

און פּערזענלעכע פרייהייטן. די אַרבעטער און די טעגלאָנער וואָס זיינען געווען אָנהענגער פון אוראַלטן קריסטנטום האָבן געפאָדערט דעם קאָמוניזם. דער עקסטרעמער אויסדרוק פון דער באַוועגונג זיינען געווען די ווידערטויפער. דאָס בירגערטום האָט געוואָלט צופּאַסן דאָס קריסטנטום צו די אינדיווידואַליס־טישע אינטערעסן — צום פּריוואַט־אייגנטום, און איבערייסן מיט דער אוני־ווערזאַלער קירכע און אויפשטעלן אַ נאַציאָנאַלע.

צוויי יאָר נאָך דעם ווי עס האָבן זיך געענדיקט די הוסיטן מלחמות האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סמנים פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דייטש־לאַנד. אין יאָר 1438 איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ ווערק „Reformatio Sigismundi“, וואָס האָט פאָרמולירט די פאָדערונגען פון די פּויערים: די אָפּשאַפונג פון לייב־אייגנטום, די פּריצים און די קירכע זאָלן אָפּגעבן די וועל־דער, פאַשעס און טייכן וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי די דאָרף־געמיינשאַפטן און די באַזייטיקונג פון די האַנדלס־געזעלשאַפטן און צעכן, וואָס עקספּלאָאַ־טירן די פאָלקס־מאַסן. אין יאָר 1476 האָט זיך באַוויזן אַ יונגער פּאַסטוך מיטן נאָמען ה אַ נ ס ב ע ה י אַ י ם, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „ד ע ר פּ ו י ק ע ר פ ו ן נ י ק ל אַ ס ה ו י ז ן“ און מיט גרויס טעמפּעראַמענט געפּרעדיקט די נאָנטקייט פון דער צייט פון גלייכהייט און פרייהייט. טויזנטער פּויערים פון אַלע זייטן זיינען אים געקומען הערן, ביז דער ערצבישאָף פון מאַינץ האָט אים לסוף ערקלערט פאַר אַ כופר און פאַרמשפּט צו טויט דורך פאַרברענען. אין יאָר 1493 איז אין עלזאַס אַנטשטאַנען אַ געהיימע אָרגאַ־ניזאַציע פון פּויערים „ב ו נ ד ש ו ה“, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק איינצו־פירן אָנשטאָט דאָס מענטשלעכע רעכט דאָס „רעכט פון גאָט“ אָדער נאַטור־רעכט, בכדי צו באַפרייען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון די לאַסטן. אין גיכן האָט מען דעם בונד אַנטדעקט און די פירער זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין 1514 איז אין ווירטעמבערג אַנטשטאַנען „דער אָרימער קאָנראַד“ — אַ בונד פון פּויערים און שטעטישע אַרבעטער קעגן די פּריצים און פּאַטרי־ציער. אויך די אָרגאַניזאַציע איז דורך אַ פאַרראַט דורכגעפאַלן און צעשטערט געוואָרן. צו דער גלייכער צייט האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די שטאָטישע האַנט־ווערקער אַן אורקאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ רייע קליינע אויפשטאַנדן, וואָס זיינען גיך דערדריקט געוואָרן: אין ערפורט אין 1509, אין אולם און שוועבישהאַל אין 1511—1512, אין ברוינשווייג און אין קעלן אין 1513.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן זיך באַוויזן די אידעאָלאָגן פון דער באַ־וועגונג: דאָס זיינען געווען ס ע ב אַ ס ט י אַ ן פ ר אַ נ ק און ט אָ מ אַ ס מ י נ־צ ע ר. ביידע זיינען געווען טעאָלאָגן און אָנהענגער פון ל ו ט ע ר ס רעפאָר־מאַטאָרישע אידייען; און שפּעטערע צייטן זיינען זיי אָבער אַרויסגעטרעטן קעגן

לוטערס דאָגמאַטיזם. בעת מינצער איז געווען אַ רעוואָלוציע־פֿירער איז פֿראַנק געווען אַ קאָמוניסטישער רעליגיעז־מיסטישער שרייבער. אין „פּאַראַדאָקסאַ", וואָס זיינען אַרויס אין יאָר 1534 האָט פֿראַנק פֿאָרמולירט זיין לערע: אין פּאַראַדאָקס 153, וואָס טראָגט דעם טיטל: „דאָס שותפות'ע איז ריין, מיין און דיין איז אומריין", טרעט אַרויס פֿראַנק קעגן דעם, וואָס מען באַנוצט דעם באַגריף „געמיין", וואָס באַטייט דאָס אַלטע געמיינזאַמע צוזאַמענלעבן, כדי צו באַצייכנען עפּעס שלעכטס, נידריקס. „אַליץ דאַרף ביי אונדז זיין געמיינזאַם, ווי געמיינזאַם ס'איז די זון, די לופֿט, דער רעגן און וואַסער... דער געמיינזאַמער גאָט האָט תּהילת אַלעם געמאַכט געמיינזאַם, ריין און פריי... קריסטן לגבי קריסטן דאַרפֿן נישט האָבן קיין פּריוואַט־אייגנטום". — אין די גרויסע סאָציאַלע קאַמפֿן פֿון זיין צייט האָט אָבער פֿראַנק נישט גענומען קיין אָנטייל.

פֿון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער איז געווען טאָמאַס מינצער. זייענדיק פֿריער אַן אָנהענגער און אַ קעמפֿער פֿאַר דער רעפֿאָרמאַציע, איז ער אַלס גייסטלעכער צוגעשטאַנען אין צוויקוי צו די „צוויקויער שווערמער" וועמענס געמיינדע ס'איז געווען איינגעריכטעט לויט די וואַלדענזישע מנהגים". דאָרט האָט ער באַלד אָנגעהויבן פּרעדיקן קאָמוניסטישע אידייען, און פֿאָדערן די גרינטלעכע רעפֿאָרם פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט; צוליב די דאָזיקע אידייען האָבן אים די צוויקויער בירגער אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט, צוזאַמען מיט אים האָבן די צוויקויער בירגער אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט 55 וועבער־געזעלן, וואָס האָבן געהערט צו די „צוויקויער שווערמער". פֿון דאָרט איז ער אַריבער קיין פּראַג און נאָרדהויזן, וואו ער האָט געפֿירט זיין אַגיטאַציע, און דאַן האָט ער זיך באַזעצט אויף אַ געוויסע צייט אין אַלטשטעט, אַ שטאָט אין מאַנספֿעלדישן געביט, וואו עס האָבן זיך געפֿונען די גאָלד־ און זילבער־גרובן. דאָ האָט ער זיך געפֿילט גאַנץ זיכער אונטער דעם שוץ פֿון די בערג־אַרבעטער און געפּרעדיקט דעם קאָמוניזם, וואָס האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט צווישן די פּויערים און בערג־אַרבעטער. דאָ האָט ער אויך געפּרואווט דורכצופֿירן זיינע רעפֿאָרמען. מינצער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעליגיעזער טאָלעראַנץ. די באַאומרויקטע פֿירסטן זיינען געקומען קיין אַלטשטעט און געפֿאָדערט, אַז מינצער זאָל פֿאַר זיי פּרעדיקן זיינע אָנשויאונגען. די פֿירסטן זיינען געווען אַזוי אויפֿגעבראַכט דורך זיין אַגיטאַציע, אַז זיי האָבן אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד דעם דרוקער, וואָס האָט אָפּגעדרוקט זיין רעדע; מינצערן גופֿא האָבן זיי אַ געוויסע צייט נישט געוואַגט צו רירן. אין זיינע שריפֿטן, וואָס זיינען ערשינען צו יענער צייט, זאָגט ער וועגן קאָמוניזם: „דאָס איז נאָך אַלעם אַ שיינער גלויבן, וואָס וועט נאָך אַסאַך גוטס ברענגען. ער וועט נאָך באַשאַפֿן אַן איידל פֿאָלק, וואָס פּלאַטאָן דער פֿילאָזאָף האָט פֿאָרויסגעזאָגט".

סוף כל סוף האָבן אים די פֿירסטן אַרויסגעטריבן פֿון אַלטשטעט; דאַן

האָט ער זיך באַזעצט אין מילהויזן (טורינגען), וואָס האָט זיך באַרייכערט דור דער וואָל־ און טוך־אינדוסטריע. די אַנטוויקלונג פֿון דער וואָל־ און טוך־אינדוסטריע האָט אין מילהויזן קאָנצענטרירט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געפּירט אַ קאַמף קעגן די פּאַטריציער און דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג. דער קאַמף האָט געבראַכט צו אַן אויפֿשטאַנד, וואָס האָט פֿאַרבעסערט די לאַגע פֿון די בירגער און צעך־מייסטערס, וועלכער האָט אָבער די אַרבעטער גאָר נישט געגעבן. די הערשנדיקע אומצופֿרידנקייט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן האָט געשאַפֿן אַ גוטן באָדן פֿאַר מינצערס אַגיטאַציע. אָבער נישט לאַנג האָט עס גערויערט. און דער שטאָט־ראַט האָט אים אויסגעוויזן און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דער שווייצאַרישער גרעניץ, וואו ער איז געקומען אין באַרירונג מיט די שווייצאַרישע ווידערטויפֿער. ענדלעך האָט ער זיך אומגעקערט אין מילהויזן, און דאָ האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע אַרבעטער אין אַ קאָמוניסטישער געמיינדע, ביי וואָס עס האָט אים מיטגעהאָלפֿן דער מילהויזענער פּרעדיקער פּ פֿ יי פֿ ע ר. פֿון מילהויזן האָט מינצער אַרויסגעלאָזן אויפֿרופֿן צו דער אַרומיקער פּויערישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּאַטאָס און פּאָליטישן שאַרפֿבליק. אָבער ווען אין יאָר 1525 האָבן זיך אָנגעהויבן די פּויערים אויפֿשטאַנדן אויף דעם ברייטן שטח פֿון אלגאו ביז צום האַרץ און פֿון וואסגאו ביז בעמען, האָט מינצער נישט באַוויזן אַרויסצופֿירן פֿון מילהויזן מער ווי 300 אָנהענגער, אַלס הילף פֿאַר די פּויערים.

אין די דאָזיקע פּויערים אויפֿשטאַנדן האָבן זיך באַטייליקט נישט בלויז פּויערים נאָר אויך אַרבעטער און קליינבירגער, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר דעמאָקראַטיע און אַגראַר־רעפֿאָרם און טיילווייז פֿאַרן קאָמוניזם. זייערע פֿאָדערונגען האָבן די פּויערים באַקאַנט געמאַכט אין 12 אַזוי גערופֿענע „אַרטיקלען אָדער באַשווערדן“. אין די דאָזיקע אַרטיקלען פֿאָדערן די פּויערים: דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער קירכע, באַזייטיקונג פֿון דער קירכלעכע היעראַרכיע, די אָפּשאַפֿונג פֿון אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען נישט באַרעכטיקט דורך דער קירכע, אָפּשאַפֿונג פֿונם לייב־איינגשום, צוריק אויפֿשטעלן די פֿרייע־דיקע געמיינשאַפֿטרעכט אויף די וועלדער און וואַסערן, צוריק אויפֿשטעלן די דאָרף־געמיינשאַפֿט און די פּריצים זאָלן אומקערן די דערפֿער דעם באָדן און פּאַשעס, וואָס זיי האָבן ביי די פּויערים אויף אַ גזלנישן אופֿן צוגענומען. צו די פּויערים איז צוגעשטאַנען די שטאָט ראָטענבורג, וואו פֿלאָריאַן גייער האָט געשאַפֿן זיין באַרימטע שוואַרצע אָפּטיילונג. דער פּויערים אויפֿשטאַנד האָט לכתחילה (מאַי 1525) געהאַט אַ גרויסן ערפֿאָלג. איבעראַל, אין אַ גאַנצע רייע שטעט און שטעטלעך, וואו די פּויערים זיינען געקומען האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסן די אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אַפֿילו פֿאַרנומען די וויכטיקע שטאָט ווירצבורג. אָבער אינגיכן האָט די אומאייניקייט פֿון די פֿירער און טיילווייז אויך אַן אָפּע־

נער פֿאַראַט געשאַפֿן אַ קריטישע לאַגע און די פּריצים האָבן אין בלוט דערשטיקט די באַוועגונג. זיי האָבן פֿאַרנומען ווירצבורג און ביז 10.000 מענטשן פֿאַרמשפּט צום טויט. פֿלאָריאַן גייער וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַן אַדעליקער פֿאַמיליע און נישט קוקנדיק דערויף זיך געשטעלט בראש פֿון דער באַוועגונג, האָט באַוויזן באַצייטנס צו אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרנומענעם ווירצבורג, אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט און ער איז געפֿאַלן פֿון די הענט פֿון מערדער, וואָס זיינען אונטערגעשיקט געוואָרן דורך זיין שוואָגער ווילהעלם פֿון גרונבאַך.

אין טורינגישן געביט האָבן זיך די פּויערים קאָנצענטרירט ביי פֿראַנקנהאוזן, אַ שטאָט, וואָס איז געווען באַוואוינט דורך זאַליץ־אַרבעטער, און דאָ איז בראש פֿון דער באַוועגונג געשטאַנען טאָמאַס מינצער. די צאָל פֿון די אויפֿשטענדיקע האָט דאָ דערגרייכט ביז 8000 מאַן, וואָס זיינען אָבער געווען שלעכט באַוואָפֿנט, באַלד זיינען זיי אַרומגערינגעלט געוואָרן דורך אַ גרעסערע מחנה פֿון פּריצים, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט זיי צו פֿאַרהאַנדלען, געבנדיק זיי 3 שעה צייט זיך אונטערצוגעבן, די פּריצים האָבן אָבער מיט די פֿאַרהאַנדלונגען אָפּגענאַרט די פּויערים, און בעת די פּויערים האָבן זיך מישב געווען, זיינען זיי אומגעריכטערהייט באַפֿאַלן געוואָרן דורך די פּריצים. און פֿולשטענדיק פֿאַרניכטעט געוואָרן, טאָמאַס מינצער, האָט מען געכאַפּט און נאָך לאַנגע מאַטערנישן גע־הארגעט. נאָך דער פֿולער דערדריקונג פֿון פּויערים־אויפֿשטאַנד האָבן די פּריצים איינגעפֿירט אַ שרעקלעכן נקמה־רעזשים. טויזנטער פּויערים, פֿרויען און קינדער זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן. דאָס האָט אַריינגעברענגט די פּויערן אין אַ שרעקלעכן פּעסימיזם. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿולשטענדיקער אָפּגעלאָזנקייט פֿון די פּויערים אין יענער צייט, איז די מיינונג פֿון די זאַקסישע פּויערים איבער לוטערן: „וואָס פּרעדיקט דער הוילער גלח וועגן גאָט, ווער וויים וואָס גאָט איז, און צו איז ער בכלל דאָ”[1].

ז). די ווידערטויפֿער.

בשעת די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין בעמען און דייטשלאַנד זיינען דערשטיקט געוואָרן אין ימים בלוט, האָט זיך אין דער שווייץ אויך אַנטוויקלט אַ קאָמוניסטישע ריכטונג. פֿון איין זייט דער אומאויפֿהערלעכער קאַמף קעגן דער הערשאַפֿט פֿון פּויפּסט און פֿון דער אַנדערער זייט קעגן די האַבסבורגער האָט צעגויפֿגעשמידט די שווייצאַרישע באַפֿעלקערונג צו אַן איינהייטלעכן פֿאָלק. דער דאָזיקער איינהייטלעכקייט און דער אומצוגענגלעכקייט פֿון לאַנד, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט בערג, האָבן די שווייצער צו פֿאַרדאַנקען זייער זעלב־

[1]) ענגעלהאַרד: די דייטשע געשיכטע אין דער צייט פֿון דער רעפֿאָרמאַציע, ז. 245-48.

שטענדיקייט. אָבער צוליב דער דערמאַנטער געאָגראַפֿישער לאַגע זיינען די קאַנטאָנען, וואָס געפֿינען זיך נעבן דעם פֿירוואַלדשטעטער זעע, אָפּגעשטאַנען אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די באַפֿעלקערונג פֿון די דאָזיקע קאַנטאָנען האָט געלעבט פֿון פֿישעריי און פֿיה־צוכט ווי אויך צום טייל דערפֿון, וואָס זי האָט אירע זין פֿאַרדונגען אין מיליטער צו פֿאַרשידענע מלחמות. אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין די שטעט, וואָס געפֿינען זיך אויף דער צפֿון זייט פֿון די אַלפּן. אין XV יאָרהונדערט האָבן די שטעט צירך און באַזל דער־גרייכט אַ הויכע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. די רייכקייט פֿון די שטעט, זייער ברייט פֿאַרצווייגטער האַנדל, זייערע אַנטוויקלטע טוך־ און ליינוואַנד־וועבערייען האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פּויפּסט און פֿון די האַבס־בורגער, וואָס האָבן געפּרוּווט זיי באַהערשן און קעגן דעם האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט די באַפֿעלקערונג. דער כסדרדיקער סכסוך צווישן די שטעט און דעם פּויפּסט האָט פֿון זיי געמאַכט ערי־מקלט פֿאַר אַלע גערודפֿטע און אונ־טערדריקטע מצד דער קירכע. די שטעט, צירך און בפרט באַזעל, זיינען אויף אַזאַ אופֿן געוואָרן די גייסטיקע צענטרן פֿון דעם דעמאָקראַטישן מיטל־איי־ראָפּע. באַזעל איז אויך געוואָרן ווי שפּעטער לייפּציק, אַ צענטר פֿון דער בוך־דרוקעריי. דאָס האָט געהאָלפֿן צו דער אויסבילדונג פֿון אַ רעלאַטיוו גרעסערן און מער געבילדעטן פּראָלעטאַריאַט.

עס איז נישט באַוואוסט, אויף וועלכן וועג די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט אָנגענומען אין דער שווייץ די פֿאָרם פֿון ווידערטויפֿערטום. אָבער צו דער צייט פֿון דער רעפֿאָרמאַציע געפֿינען מיר שוין אַ ברייט אַנטוויקעלטע ווידערטויפֿע־רישע באַוועגונג, באַזונדערס אין די שווייצאַרישע שטעט. די לערע פֿון די ווי־דערטויפֿער אונטערשיידעט זיך גאַנץ קנאַפּ פֿון די קאָמוניסטישע קאַטאַרער און טאַבאָריטן. אויך ביי זיי האָט געהערשט אַ גרויסע טאָלעראַנץ לגבי די פֿאַרשידענע אָנשויאונגען. בעת אייניקע פֿון זיי, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן ריינע אָדער הייליקע, האָבן געהאַט אַלץ געמיינזאַם, האָבן די אַנדערע באַהאַלטן ביי זיך צום טייל דאָס פּריוואַט־אייגנטום, הגם זיי האָבן געהאַט גרויסע פֿאַרפּליכ־טונגען צו שטיצן די געמיינדע. אייניקע פֿון זיי האָבן לויטן מוסטער פֿון די אַפּאָסטאָלן פֿאַרלאָזן זייער היים און זייער פֿאַמיליע, אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן פֿון חתונה. די דעמאָקראַטישע, פֿרייע באַדינגונגען פֿון דער שווייץ האָבן אָבער אַרויפֿגעלייגט אויף דער ווידערטויפֿערישער באַוועגונג אַ ספּעציעלן חותם. דאָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע קאָמוניסטישע באַוועגונגען אַ פֿרידלעכע ריכטונג: די ווידערטויפֿער האָבן שטרענג פֿאַרורטיילט יעטוועדע מלחמה און יעטוועדן געוואַלטזאַמען ווידערשטאַנד. זייער נאָמען שטאַמט דער־פֿון, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז טויפֿן דאַרף מען נאָר דערוואַקסענע מענטשן, ווייל נאָר אַזעלכע קענען זיך פֿריי אַרויסזאָגן צו וועלכער אמונה זיי ווילן גע־

הערן. דערפֿאַר האָבן זיי איינגעפֿירט דעם מנהג פֿון נאָכאַמאָל זיך טויפֿן; זייערע קינדער האָבן זיי אָבער קליינערהייט נישט מער געטויפֿט. די טויפֿונג פֿון דערוואַקסענע איז ביי די ווידערטויפֿער געווען דער סימבאָל פֿון רעליגיעזע פֿרייהייט פֿון פּערזאָן.

דאָס האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַ סכסוך מיט דעם שווייצאַרישן קירכלעכן רעפֿאָרמאַטאָר אולריך צווינגלי, וואָס האָט איינגעפֿירט אַ נאַציאָנאַלע מלוכה־קירכע. די ווידערטויפֿער האָבן אין היפּוך דערצו געשטרעבט צו דער אָפּטיילונג פֿון דער קירכע פֿון דער מלוכה, בכדי עס זאָל אויף אַזאַ אופֿן גאַראַנטירט ווערן די פֿרייהייט פֿון יעדן יחיד אין רעליגיעזע פֿראַגן. דעם 18 יאַנואַר 1525 האָט צווינגלי אַרויסגעגעבן אין ציריך אַ באַפֿעל, אַז אַלע קינדער מוזן געטויפֿט ווערן, אונטער דעם שטראָף פֿון אויסווייזן פֿון לאַנד. די ווידערטויפֿער האָבן אַ דאַנק דעם פֿאַרבאָט פֿאַרלאָזן ציריך און האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערשפּרייטן איבער דעם גאַנצן צפֿון פֿון דער שווייץ. באַזונדערס האָבן זיי זיך באַזעצט אין וואַלדסהוט, שאַפֿהאַוזן און סאַנט־גאַללען, אין לעצטן אָרט האָבן זיך צענויפֿגעקליבן ביז 800 ווידערטויפֿער. דאָ אויף דער גרעניץ פֿון דייטשלאַנד זיינען זיי געווען באַאיינפֿלוסט דורך די דייטשע באַוועגונגען און זיי האָבן אויפֿגענומען צום טייל כיליאַסטישע אידייען. אין די פּויערים־אויפֿשטאַנדן האָבן זיי געזעען דעם אָנהויב פֿון די אַפּאָקאַליפּטישע מלחמות. בעת די פּויערישע אויפֿשטאַנדן זיינען אין דייטשלאַנד דערשטיקט געוואָרן, האָט דאָס אויך צוגעגעבן מוט די בירגערלעכע קרייזן אין דער שווייץ, וואָס האָבן אָנגעהויבן אויפֿצוגעמען רדיפֿות קעגן די ווידערטויפֿער. אין יולי 1525 יאָר איז פֿאַרבאָטן געוואָרן דאָס טויפֿן פֿון דערוואַקסענע אין סאַנט־גאַללען און באַלד נאָכדעם אין אַלע איבעריקע שטעט מיט וואַלדסהוט בתוכם, ווי עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער צענטער פֿון דער באַוועגונג. — די ווידערטויפֿער האָבן איבערגעוואַנדערט אין די דרום דייטשע שטעט, וואו די וועבער באַפֿעלקערונג האָט שוין פֿון פֿריער געהאַט בערגהאַרדישע טראַדיציעס און וואָס האָט דערפֿאַר זיי אויפֿגענומען מיט גרויסע סימפּאַטיעס. די הויפּט־שטיצפּונקטן זיינען דאָ געוואָרן אויגסבורג, נירנבערג און שטראַסבורג. אין 1526 און אין אויגוסט 1527 זיינען אַפֿילו אין אויגסבורג פֿאָרגעקומען ווידערטויפֿערישע סינאָדן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט העכער 60 דעלעגאַטן פֿון גאַנץ דייטשלאַנד, שווייץ און עסטרייך. באַזונדערס איז די ווידערטויפֿער באַוועגונג געווען אַנטוויקלט צווישן די בערגאַרבעטער פֿון טיראָל.

אָבער אויך די דאָזיקע פֿרידלעכע ווידערטויפֿערישע באַוועגונג האָט סוף כל סוף אַרויסגערופֿן קעגן זיך אַ רייע פֿאַרפֿאָלגונגען מצד די הערשנדיקע קלאַסן. ביז 1530 האָט מען שוין געציילט ביז 2000 מאַרטירער צווישן די ווידערטויפֿער. אונטער דעם דרוק פֿון די רדיפֿות האָבן אייניקע גרופּן פֿון די

ווידערטויפֿער איבערגעוואַנדערט פֿון דרום־דייטשלאַנד קיין מערן. די קליינע פּריצים אין מערן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אַ ענלעכער לאַגע ווי די בעמישע, זיינען אין זייער קאַמף קעגן די גרויסע פֿירסטן און דעם קייזער, נוטה־געווען צו שטיצן די קאַטאַרישע באַוועגונג, בפֿרט, ווען זי האָט פֿאַר זיי געקענט ברענגען אַ נוצן. בעת עס איז אין יאָר 1526 איינגעוואַנדערט די ערשטע גרופּע ווידערטויפֿער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הובמייער, איז זי אויפֿגענומען געוואָרן דורך לעאָנאַרד פֿאָן ליכטענשטיין, וואָס האָט זיי דערלויבט אויף זיין גוט איינצואָרדנען זייער געמיינדע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנעט, איז געווען אַ דרוקעריי. זייער געמיינדע האָט צוגעצויגן פֿיל אָנהענגער פֿון גאַנץ דייטשלאַנד. אָבער מיט דער צייט, ווען די געמיינדע איז אויסגעוואַקסן האָט זי זיך געשפּאַלטן אין צוויי ריכטונגען. די עקסטרעמערע ריכטונג מיט האַנס הוט בראש האָט פֿאַרטרעטן דעם ריינעם קאָמוניזם און איז געווען קעגן יעטוועדער פֿאָרם פֿון געוואַלט. די מילדערע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הובמייער האָט פֿאַרטיידיקט אַ שוואַכערע פֿאָרם פֿון געמיינזאַמען באַזיץ און האָט ביי געוויסע באַדינגונגען דערלויבט אָנטייל צו נעמען אין מלחמות. דער סכסוך צווישן די דאָזיקע צוויי ריכטונגען האָט געבראַכט דערצו, אַז לעאָנאַרד פֿאָן ליכטענשטיין, וואָס האָט שוין אַליין געהערט צו דער מילדערער ריכטונג, האָט אויסגעוויזן די עקסטרעמערע ריכטונג. הוטס אָנהענגער אין דער צאָל פֿון 200 מאַן האָבן דאַן געגרינדעט אַ נייע געמיינדע ביי אויסטערליץ. די דאָזיקע געמיינדע איז באַזונדערס אויסגעוואַקסן אין יאָר 1529, בעת עס זיינען אָנגעקומען נייע שטראָמען פֿון פֿאַרפֿאָלגטע ווידערטויפֿער, מיט יאַקאָב הוטער בראש, ספּעציעל פֿון טיראָל, וואָס האָבן געהערט צו דער עקסטרעמערער ריכטונג. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הוטער זיינען איינגעפֿירט געוואָרן אין דער געמיינדע שטרענג קאָמוניסטישע מנהגים: דאָס פּריוואַט־אייגנטום איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפֿט געוואָרן; עס איז פֿולשטענדיק פֿאַרבאָטן געוואָרן אָנטיילצונעמען אין דער מלוכה־געוואַלט; עס איז אויך פֿאַרבאָטן געוואָרן צו צאָלן מלחמה־שטייערן; ס'איז אָפּגעהיט געוואָרן אַ שטרענגע מאָנאָגאַמיע, און יעטוועדער פֿאַרברעכן אויף דעם געביט איז באַשטראָפֿט געוואָרן מיטן אויסווייזן פֿון דער געמיינדע; די סעודות און די קינדער־דערציונג איז געווען געמיינזאַם. באַזונדערס גוט זיינען אַוועקגעשטעלט געווען די שולן. בכלל זיינען די דאָזיקע ווידערטויפֿער נוטה געווען צום אַסקעטיזם. זייער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ דעמאָקראַטישע: דער בישאָף איז געווען אַ געוויילטער און די באַאַמטן זיינען געקליבן געוואָרן דורך אַ גורל. די געמיינדע האָט אויך אין געוויסע פּראָדוקציע־צווייגן אַ קאָמוניסטישע צוזאַמענאַרבעט. די ווידערטויפֿערישע באַוועגונג אין מינסטער, וועגן וועלכער מיר וועלן באַלד רעדן, האָט אויף אַ קורצע צייט אַרויסגערופֿן פֿאַרפֿאָלגונגען

אויך אין מערן, אָבער אין צוויי יאָר אַרום האָבן די רדיפֿות אויפֿגעהערט, און די ווידערטויפֿער האָבן דאָ ווייטער געגאָסן אַלע זייערע פֿריערדיקע פֿרייהייטן. אַן ערך 100 יאָר האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג פֿרידלעך אַנטוויקלט, ביז צו דער שלאַכט ביים ווייסן באַרג (1520), וואָס האָט אויסגעליפֿערט מערן צו די האַבסבורגער, וואָס האָבן מיט בלוט און פֿייער דערשטיקט יעטוועדע באַוועגונג קעגן דער קירכע. אַ טייל פֿון די ווידערטויפֿער איז אויסגעוואַנדערט אין אונגאַרן, וואו זיי זיינען גיך אונטערגעגאַנגען.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער גורל פֿון די ווידערטויפֿער, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פֿון דער שווייץ אין נידער־דייטשלאַנד. — נאָך די פֿאַרפֿאָלגונגען אין אויגסבורג, איז שטראַסבורג געוואָרן דער צענטער פֿון דער באַוועגונג. אין שטראַסבורג איז מיט זיינע פּרעדיקן באַרימט געוואָרן מ ע ל כ י אָ ר ה אָ פֿ מ אַ ן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די כיליאַסטישע אידייען אין דער ווידערטויפֿערישער באַוועגונג און פֿאָרויסגעזאָגט אין יאָר 1533 אַן ענדערונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען. כדי צו פֿאַרשפּרייטן זיינע אידייען איז ער געפֿאָרן אין נידערלאַנדן, וואו די ווידערטויפֿערישע באַוועגונג האָט געליטן פֿון גרויזאַמע רדיפֿות אונטער דעם שפּאַנישן יאָך. אונטער דעם דרוק פֿון די דאָזיקע רדיפֿות, האָט זיך פֿון די פֿרידלעכע ווידערטויפֿער, וואָס האָבן זיך נאָך מעלכיאָר האָפֿמאַנס נאָמען אָנגערופֿן מ ע ל כ י אָ ר י ט ן, אָפּגעשפּאָלטן אַ קריגערישע גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿונם בעקער י אַ ן מ אַ ט י ס פֿון האַרלעם און י אָ ה אַ ן ב אָ ק ל ז אָ ן פֿון לעידן. בעת האָפֿמאַן איז אין יאָר 1533 צוריקגעקומען קיין שטראַסבורג האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן רדיפֿות קעגן די ווידערטויפֿער. דאַן האָבן די ווידערטויפֿער פֿון שטראַסבורג און טיילוויז פֿון נידערלאַנדן איבערגעוואַנדערט אין מ י נ ס ט ע ר, דעם וויכטיקסטן אָרט פֿון נידער־דייטשלאַנד, דעם מיטלפּונקט פֿון גאַנץ וועסטפֿאַלן.

אין מינסטער איז זייט לאַנגע יאָרן פֿאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן די צעכן און פּאַטריציער, וואָס האָט אַנטשפּרעכנד דער עפּאָכע, אָנגענומען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער פֿון אַ קאַמף צווישן דער רעפֿאָרמאַציע און קלער. דער קאַמף האָט זיך סוף כל סוף פֿאַרענדיקט אין יאָר 1533 דערמיט, וואָס מינסטער איז ערקלערט געוואָרן אַלס אַן עוואַנגעלישע שטאָט. די צעכן האָבן פֿאַרדאַנקט זייער נצחון די פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען אין זייער רוב געווען ווידערטויפֿער. אָבער ווייל די לאַגע איז נאָך נישט געווען זיכער האָבן די צעכן געמוזט אונטערהאַלטן די ווידערטויפֿערישע באַוועגונג פֿון די אַרבעטער. די וואַקסנדע השפּעה פֿון די ווידערטויפֿער האָט אַלע זייערע קעגנער, בפֿרט די פּאַטריציער געצוואונגען אויפֿצונעמען אַ קאַמף קעגן זיי, אָבער די ווידערטויפֿער זיינען געווען גענוג שטאַרק, בכדי צו דערגרייכן באַשטימטע הנחות און אויסצוקעמפֿן אַ פֿולשטענדיקע טאָלעראַנץ. זיי האָבן אָנגעהויבן דורכצופֿירן זייער קאָמוניזם אין לעבן

און האָבן אָפּגעגעבן זייער האָב און גוטס זייער פּריסטער האָטמאַן צום געמיינזאַמען געברויך. דאָס האָט קענן זיי אַזוי אויפגעבראַכט זייערע קעגנער, אַפילו די פּראָטעסטאַנטן, אַז זיי האָבן גערופן דעם בישאָף צו הילף, וואָס איז דעם 10 פעברואַר 1534 אָן אַ קריגס־דערקלערונג באַפאַלן די שטאָט. דער אָנגריף פון בישאָף איז אָבער אָפּגעשלאָגן געוואָרן דורך די ווידערטויפער. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען פאָרגעקומען אין מינסטער די געזעצלעכע וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט, וואָס האָבן געגעבן אַ מערהייט פאַר די ווידערטויפער. אַזוי אַרום איז די שטאָט אויף אַ פרידלעכן, געזעצלעכן אופן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָמוניסטן. אָבער אַזוי ווי דעם בישאָפס אָפּטיילונגען האָבן באַלאַגערט די שטאָט איז אויסגעקומען איינצופירן דעם קאָמוניזם אונטער אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. די ווידערטויפער האָבן דאַן אויפגעפאָדערט אַלע איינוואוינער אָדער זיך אָנשליסן אָן זיי אָדער צו פאַרלאָזן די שטאָט.

פון קאָמוניזם אין אמתן זין האָט ביי אַזעלכע אומשטאַנדן נישט געקענט זיין קיין רייד. דאָס פּריוואַט־אייגנטום איז געבליבן אין אַ געוויסער מאָס. אויך דאָס ירושה־רעכט איז נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן, עס זיינען נאָר איינגעפירט געוואָרן געוויסע באַגרענצונגען. איינציק און אַליין נאָר דאָס גאָלד און דאָס זילבער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער שטאָט־רעגירונג. דער מסחר איז פאַרביטן געוואָרן דורך דעם נאַטוראַל־אויסטויש. דאַקעגן האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די האַנטווערקעריי און אַקערבוי, די אָרימע לייט האָבן באַקומען זייערע לעבנס־מיטלען אויף דעם חשבון פון שטאָט. עס איז אָפּגעהיט געוואָרן די מאָנאָגאַמיע. אין אַ טייל קוועלן געפינען מיר, אַז אין מינסטער איז איינגעפירט געוואָרן די פילווייבעריי, אָבער דאָס קען נאָר דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס אין מינסטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַליינשטייענדיקע פרויען וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט נאָך די אויסווייזונגען פון די מענער זאָלן זיך אָנשליסן אָן דער, אָדער יענער פאַמיליע. אין מינסטער האָט געהערשט, נישט דער אַסקעטישער ווידערטויפערטום, נאָר דער גייסט פון לעבנספריידיקייט, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך די נידערלענדער. אין מינסטער זיינען איינגעפירט געוואָרן געמיינזאַמע סעודות מיט פאָרלעזונגען פון דער ביבל, יום־טובדיקע פּראָצעסיעס, פאַרשידענע שפּילן, אונטערהאַלטונגען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די מינסטער געמיינדע האָט זיך גערופן „דער נייער ישראל", בראש פון דער געמיינדע איז געשטאַנען „דער מלך פון ישראל" (פריער איז דאָס געווען יאַן מאַטיס, נאָך זיין טויט אויפן שלאַכטפעלד, דעם 5־טן אַפּריל 1534, יאָהאַן באָקלזאָן). דער ראַט פון שטאָט האָט געהייסן: „די עלטסטע פון די צוועלף שבטים" און מינסטער אַליין — דאָס נייע ירושלים.

די ווידערטױפֿער אין מינסטער האָבן געוואוסט, אַז לאַנג וועלן זיי זיך נישט קענען האַלטן. גאַנץ דײטשלאַנד, אַלע בישאָפֿן, אַלע גוטע קריסטן האָבן זיך אױפֿגעהױבן קעגן דער שטאָט. עס איז אַפֿילו אײנגעפֿירט געוואָרן אַ ספּעציעלער מלוכה־שטייער פֿאַר דער מלחמה קעגן מינסטער. אױף אַ שטיצע מצד דײטשלאַנד האָט מינסטער דערפֿאַר נישט גערעכנט. די הילף האָט עס ערוואַרט פֿון נידערלאַנדן, וואו אַ גרױסער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג איז באַשטאַנען פֿון ווידערטױפֿער. אָבער די שפּאַנישע געוואַלט אין נידערלאַנדן, האָט דאָרט נישט דערלאָזט קיין שום פּרואוו צו העלפֿן דער מינסטער געמיינדע. די נידערלענדישע ווידערטױפֿער האָבן געפּרואווט זיך לאָזן מיט שיפֿן פֿון אַמסטערדאַם, בכדי צו קומען צו הילף די מינסטערער, אָבער די שפּאַנישע רעגירונג האָט אײנמאָל דערטרונקען 30 שיפֿן און דאָס צווייטע מאָל 21 שיפֿן מיט 3000 מענטשן. אַן אַנדערער פּרואוו פֿון הילף האָט זיך אױך נישט אײנגעגעבן צוליב אַ פֿאַראַט פֿון באָקלזאָנס אַן עמיסאַר. אין מערץ און אין מאַי 1535 האָבן די נידערלענדער ווידער אַמאָל געפּרואווט מיט געווער אין האַנט צו דערקעמפֿן זיך אַ פֿרייען וועג קיין מינסטער, אָבער בײדע מאָל האָט די רעגירונג די דאָזיקע פּרואוון דערשטיקט אין בלוט און די אָנפֿירער פֿון די נידערלענדער זײנען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דערמיט איז געפֿאַלן די לעצטע האָפֿענונג פֿון מינסטער.

בײ אַזעלכע שווערע באַדינגונגען האָט זיך מינסטער דאָך געהאַלטן אַנדערטהאַלבן יאָר. צום סוף האָט אין מינסטער אָנגעהױבן אױסצופֿעלן לעבנסמיטלען און אַמוניציע. יאָהאַן באָקלזאָן האָט דערלױבט יעדן, ווער ס'האָט געוואָלט, צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. די שונאים, וואָס זײנען געשטאַנען אונטער די מױערן פֿון דער שטאָט, האָבן געוואוסט פֿון דער דאָזיקער שווערער לאַגע, אָבער זיי האָבן נישט געוואַגט אױף אַן אָפֿענעם שטורם. זיי האָבן ערשט אױסגענוצט אַ פֿאַראַט פֿון אײנעם גרעזבעק, וואָס האָט דעם 25־טן יוני 1535 אינמיטן נאַכט אַרײנגעפֿירט 200 לאַנדסקנעכט אין דער שטאָט. האָבנדיק דעם שונא שױן נישט נאָר אונטער דער שטאָט נאָר אױך אין דער שטאָט גופֿא, איז מינסטער געפֿאַלן. די זיגער האָבן זיך אױף אַן אוממענטשלעכן אופֿן נוקם געווען אָן די קאָמוניסטן און זייערע פֿירער.

אױף אַזאַ אופֿן איז אין דײטשלאַנד די ווידערטױפֿערישע באַוועגונג אינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן. אין נידערלאַנדן איז נאָך אין יאָר 1536 פֿאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פֿון ווידערטױפֿער אין באָקהאָלט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פֿולשטענדיקן נצחון פֿון דער פֿרידלעכער, ביליאָסטישער ריכטונג. די קריגערישע ריכטונג איז אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן. די יורשים פֿון די ווידערטױפֿער אין נידערלאַנדן זײנען געווען די מענאָניטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע רעפֿאָרמען און זיך צוגעפּאַסט צו דער באַשטייענ־

דיקער אָרדנונג. נאָך דעם ווי נידערלאַנדן האָט זיך באַפֿרייט פֿון דער שפּאַנישער הערשאַפֿט זיינען די מענאָניטן אויך אָפֿיציעל אָנערקענט געוואָרן. פֿון דער דאָזיקער צייט אָן, האָט די אַזוי אַנטאַרטעטע ווידערטויפֿערישע באַוועגונג פֿאַרלוירן יעטוועדע באַדייטונג פֿאַרן קאָמוניזם.

ח). די ענגלישע רעוואָלוציע אין XVII יאָרהונדערט.

אין סוף פֿון XVI יאָרהונדערט האָט געקעניגט אין ענגלאַנד די קאַטאָליטיקין מאַריע, וואָס האָט מיט אַ שטרענגער האַנט אָנגעהויבן איינצופֿירן דעם קאַטאָליציזם. אונטער איר הערשאַפֿט איז ברייט אויסגעוואַקסן, די רעפֿאָרמאַטאָרישע באַוועגונג אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא דערפֿון, וואָס די רעפֿאָרמאַציע האָט מער אַנטשפּראָכן די באַדערפֿעניש פֿון דעם שוין אויסגעוואַקסענעם בירגערטום. צווייטנס, ווייל די קעניגין מאַריע איז געשטאַנען אין ענגער פֿאַרבינדונג מיטן קאַטוילישן שפּאַניען, וואָס איז געווען ענגלאַנדס הויפּט־קאָנקורענט אינם אויסערלעכן האַנדל, — שפּאַניען איז דערפֿאַר אויך באַטראַכט געוואָרן פֿאַרן נאַציאָנאַלן פֿיינד מצד ענגלאַנד — און דריטנס, האָבן די רדיפֿות קעגן דער קאַטאַרער באַוועגונג מצד דער „בלוטיקער" מאַריע, אַרויסגערופֿן ביי דער באַפֿעלקערונג גרויסע סימפּאַטיען צו דער רעפֿאָרמאַציע. באַזונדערס האָט זיך אָבער פֿאַרשטאַרקט די רעפֿאָרמאַטאָרישע באַוועגונג אונטער דער הערשאַפֿט פֿון מאַריעס נאָכפֿאָלגערין, איר שטיפֿשוועסטער, די פּראָטעסטאַנטין עליזאַבעט. אונטער איר הערשאַפֿט, איז ענגלאַנד געוואָרן די באַשיצערין פֿון די פּראָטעסטאַנטן, וואָס זיינען גערודפֿט געווען אין פֿראַנקרייך און אין נידערלאַנדן, וואָס איז צו יענער צייט געווען באַהערשט דורך דעם קאַטוילישן שפּאַניען. די גרויסע צאָל פּליטים פֿון די קולטורעל העכער אַנטוויקלטע לענדער, לרוב וועבער, האָבן מיט זייער געשיקטלעכקייט מיטגעהאָלפֿן צו דער אַנטוויקלונג פֿון ענגלישן האַנדל און אינדוסטריע, באַפֿעסטיקט די שטעלונג פֿון ענגלישן בירגערטום און דאָס האָט אין סך הכל פֿאַרשטאַרקט די ענגלישע מאַכט פֿאַר דרויסן. דער כאַראַקטער פֿון ענגלישן פּראָטעסטאַנטיזם איז נישט געווען קיין באַזונדערס דעמאָקראַטישער, ער האָט נישט אַנטשפּראָכן די באַדערפֿנישן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן. די לעצטע האָבן נישט געקענט זיין צופֿרידן פֿון די איינגעפֿירטע רעפֿאָרמען, וואָס האָבן זיך רעדוצירט צו דעם, אַז דער מעשר איז נישט געצאָלט געוואָרן דעם רוימישן בישאָף, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם קעניג. באַלד האָבן זיך טאַקע באַוויזן אין עוואַנגעלישן לאַגער גופֿא ראַדיקאַלערע שטרעמונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון לאָלהאַרדישע איבערלעשטלעך און פֿון די ווידערטויפֿערישע אידייען, וואָס זיינען אַריבערגעבראַכט געוואָרן פֿון נידערלאַנדן.

דערפֿון איז אויסגעוואַקסן די פוריטאַנישע באַוועגונג[1]. דער גרוי-סער לוקסוס פֿון קעניגלעכן הויף און פֿון די פריצים האָט ביי די פוריטאַנער אַרויסגערופֿן דעם קעגנזאַץ: דאָס שטרעבן צו שפּאָרזאַמקייט און צו אַ פשוטן לעבן וואָס איז ווייט פֿון יעטוועדן גענוס. די פוריטאַנער האָבן געשטרעבט צו ריי-ניקן די קירכע פֿון אַלע רוימישע טראַדיציעס, ווי אויך צו רייניקן די מדות און די קעגנזייטיקע באַציונגען און אויסראָטן יעטוועדן רשעות. די פוריטאַנער זיינען אָבער נישט געווען קיין האָמאָגענע סעקטע: צווישן זיי האָבן זיך אויס-געטיילט צוויי אויסגעשפּראָכענע ריכטונגען. די ערשטע ריכטונג, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן פרעסביטעריאַנער, האָט באַקומען איר נאָמען דערפֿון, וואָס דאָס פשוטע פֿאָלק האָט דורך זיינע געקליבענע פֿאַרטרעטער — פרעסביטערס, גע-האַט אַ גרויסע השפעה אויף דער קירכע. זיי זיינען געווען שטרענגע פראָ-טעסטאַנטן מיט אַ קאָלאָסאַלער שנאה צו אַלע אַנדערע רעליגיעזע ריכטונגען. די צווייטע ריכטונג — די סעפעראַטיסטן אָדער בּראָוניסטן ווי זיי זיינען אָנגערופֿן געוואָרן לויט זייער פֿירער ראָבערט בראַון — זיינען געשטאַנען אונטער אַ גרעסערן איינפֿלוס פֿון די ווידערטויפֿערישע אידייען. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער טאָלעראַנץ און געפֿאָדערט פֿול-שטענדיקע אומאָפהענגיקייט פֿאַר יעדער רעליגיעזער געמיינדע. זיי האָבן גע-שטרעבט צו אַ פֿולשטענדיקער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער קירכע, צו גלייכהייט און צום ריקקער צום אורקריסטנטום.

די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען צווישן די פוריטאַנער האָבן זיך נאָך באַ-זונדערס פֿאַרשטאַרקט אַ דאַנק דער אומגעהייערער געוואַלט פֿון די הערשער, וואָס האָבן געדרוקט דאָס פֿאָלק אַלץ מער און מער מיט אומגעזעצלעכע שטייערן. די אומצופֿרידנקייט פֿון די פֿאָלקס-מאַסן איז שוין געווען גרויס ביי יאַקאָב דעם ערשטן, דעם זון פֿון מאַריע שטואַרט, אָבער צו אַן אָפֿע-נעם אויסברוך איז עס ערשט געקומען אונטער זיין נאָכפֿאָלגער קאַרל דעם ערשטן.

נאָך אַ פֿיר-יאָריקן סכסוך מיטן פּאַרלאַמענט האָט זיך קאַרל דעם ער-שטן איינגעגעבן בכלל צו באַזייטיקן דאָס פּאַרלאַמענט און 11 יאָר (1629-1640) נאָכאַנאַנד האָט ער אַליין געהערשט. צום סוף פֿון דער צייט האָט זיך אָבער דאָס פֿאָלק אַנטזאָגט צו צאָלן די שטייערן, וואָס זיינען נישט באַ-שטימט געוואָרן דורך דעם פּאַרלאַמענט. פֿון דער אַנדערער זייט, האָט דער שטייפֿער קאַטאָליציזם פֿון קאַרלען, אויפֿגעבראַכט קעגן אים די שאָטלענדער, וואָס זיינען געווען פרעסביטעריאַנער; זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דעם אַזוי-גערופֿענעם „קאָווענאַנט" און אָנגעהויבן ווערבירן מיליטער קעגן קעניג. די-

1) שטאַמט פֿונם לאַטייניש וואָרט purus — ריין.

פּוסטע מלוכה־קאַסע האָט בײַ דער לאַנגע געצװאונגען דעם קעניג װידער־אַמאָל צונויפצורופן דעם פּאַרלאַמענט. דער פּאַרלאַמענט איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פֿון אָפּאָזיציאָנעל־געשטימטע פּוריטאַנער, װאָס האָבן דעם קעניג ערקלערט, אַז זײ װעלן פֿאַר אים אַזוי לאַנג נישט באַשטימען קײן געלט, ביז װאַנען עס װעלן נישט דורך דעם פּאַרלאַמענט דורכגעקוקט װערן די אַלע פֿאַראָרדנונגען, װאָס דער קעניג האָט אַרויסגעלאָזט במשך פֿון די לעצטע 11 יאָר. אַלס תשובה דערויף, האָט דער קעניג פֿונאַנדערגעטריבן דעם פּאַרלאַמענט. אָבער דער צונויפֿשטעל פֿון נײַעם פּאַרלאַמענט איז פֿאַרן מלך געװען נאָך אומגינסטיקער װי דער אַלטער. אָנשטאָט אַרויסצוטרעטן קעגן די שאָטלענדער קאָװענאַנטאָרן, האָט דער פּאַרלאַמענט אין זײ געזען זײַנע פֿאַרבינדעטע. בײַ דער לאַנגע האָט זיך דער מלך געזען געצװאונגען צו גײן אויף געװיסע הנחות לגבי דעם פּאַרלאַמענט. פֿון די פֿעסטונגען זײַנען באַפֿרײַט געװאָרן אַ גרויסע צאָל דעמאָקראַטן, צװישן זײ אויך דזשאָן לילבורן, װאָס האָט אין דער װײַטערדיקער רעװאָלוציע געשפּילט אַזאַ באַדײַטנדיקע ראָל, אַלס פֿאָרשטײער פֿון ראַדיקאַלסטן דעמאָקראַטיזם.

דזשאָן לילבורן, איז געבוירן געװאָרן אין יאָר 1615, אין גרינװיטש בײַ לאָנדאָן און איז געװען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. אין יאָר 1636, בעת דער קעניג קאַרל האָט געהערשט אָן פּאַרלאַמענט, האָט זיך לילבורן באַטײליקט אין אַרויסגעבן פּאַמפֿלעטן מכּוח רעליגיעזע און פּאָליטישע פֿראַגן, פֿאַר װאָס ער איז אינם יאָר 1642 אַרעסטירט געװאָרן. אינם מאָמענט װען די רעװאָלוציע איז אויסגעבראָכן, איז ער שוין געװען אין מיליטער און אין 1644 איז ער געװאָרן אַן אָבערלײטנאַנט פֿון דער אויסגעװײלטער אָפּטײלונג, װאָס איז באַשטאַנען פֿון לויטער באַגײַסטערטע פּוריטאַנער און איז געװען אָרגאַנזירט דורך קראָמװעלן גופֿא.

אויך אין רעװאָלוציאָנערן מיליטער איז עס אײנגיכן געקומען צו סכסוכים צװישן די צװײ ריכטונגען, װאָס האָבן עקזיסטירט בײַ די פּוריטאַנער: צװישן פּרעסביטעריאַנער, װאָס האָבן זיך געשטיצט אויף די לאָנדאָנער סוחרים און די אינדעפּענדענטן, װאָס זײַנען געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קראָמװעל און גענעראַל פֿערפֿאַקס. די אינדעפּענדענטן זײַנען אויך נישט געװען קײן האָמאָגענע גרופּע: צװישן זײ האָבן זיך געפֿונען װידערטױפֿער, פֿאַמיליסטן, װאָס האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע װעלט איז אײן פֿאַמיליע; כיליאַסטן, אַנטינאָמיסטן און די אַזוי־גערופֿענע האַנטערס, װעלכע זײַנען געװען די ראַדיקאַלסטע קאָמוניסטן.

קראָמװעל האָט זיך באַמיט קודם־כּל אָפּצושװאַכן דעם אײנפֿלוס פֿון די פּרעסביטעריאַנער אויפֿן מיליטער. צו דעם צװעק האָט ער דורכגעפֿירט אַ געזעץ אין פּאַרלאַמענט, װאָס איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פֿון פּרעסביטעריאַנער, אַז

מיטגלידער פון פאַרלאַמענט טאָרן נישט געהערן צום מיליטער. אַן אויס-נאָם איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר קראָמוועלן דער דאָזיקער אויסנאַם פאַר קראָמוועלן האָט אַזוי אויפגעבראַכט לילבורנ׳ען, אַז ער איז אַרויסגע-טראָטן פון דער אַרמיי, וואָס איז צו יענער צייט כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון אינדעפּעדענטן.

אין יאָר 1642 האָט דער סכסוך פונם קעניג מיטן פאַרלאַמענט, פאַר דער מאַכט, געבראַכט צו אַן אָפענעם אויסברוך, צו אַ בירגער-קריג צווישן קעניגליכן און פאַרלאַמענטישן מיליטער. די קאַמפן האָבן געדויערט ביז 1645 און האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פונם פאַרלאַמענט. דער קעניג איז דאַן אַנטלאָפן פון לאָנדאָן און אין 1646 זיך פאַרבונדן מיט די שאָטלענדער, וואָס האָבן אים אויסגעליפערט די ענגלענדער אין יאַנואַר 1647. דער קעניג האָט געוואָלט אויסנוצן די סכסוכים צווישן פאַרלאַמענט און מיליטער און האָט פּאָליטיזירט דאָ מיט איין גרופּע און דאָ מיט דער אַנדערער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג צווישן די דעמאָקראַטיש געשטימטע אינדעפּעדענטן אין דער אַרמיי.

צו יענער צייט האָבן זיך אין מיליטער גופא אַנגעהויבן סכסוכים. דאָס מיליטער האָט געהאַט זיין באַזונדערע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע: זי איז באַשטאַנען דערין, וואָס בראש פון יעטוועדן רעגימענט איז געשטאַ-נען דער „ראָט פון דער אַרמיי״ פון 4 מענטשן: צוויי פאַרטרויענס-מע-נער, אַזוי גערופענע „אַגיטאַטאָרן״, וואָס זיינען געקליבן געוואָרן דורך דעם מיליטער, און צוויי אָפיצערן; די סאָלדאַטן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פויערים און האַנטווערקער זיינען געווען מער דעמאָקראַטיש גע-שטימט; זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצורופן לעוועלער — גלייכמאַכער בעת זייערע קעגנער האָבן זיי אָנגערופן „גראַנדן״ אָדער „Gentlmens indepedents“. הגם לילבורן איז אין יענער צייט ווידער געזעסן אין פעסטונג צוליב אַ פּאַמפלעט קעגן די פּרעסביטעריאַנישע דעפּוטאַטן, זיינען מיט אים דאָך געשטאַנען די אַגיטאַטאָרן אין פאַרבינדונג און ער הייסט אויס צו זיין דער מחבר פון דעם „Agreement of the peuple“. דאָס איז דער דעמאָקראַטיש-רעפּובליקאַנישער פאָלקס-אָפּמאַך, לויט וועלכן די גאַנצע מאַכט האָט געזאָלט איבערגיין צום פאָלק.

די רעוואָלוציע האָט זיך געפונען אין אַ קריטישער סיטואַציע. אָבער אַ דאַנק דער קלוגער פּאָליטיק פון קראָמוועלן און לילבורנען, וואָס איז צו דער צייט באַפרייט געוואָרן, איז עס געלונגען צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג צווישן די לעוועלערס און די גראַנדן, און אויסבילדן אַן איינ-הייטלעכן פראָנט קעגן דער קאָנטער-רעוואָלוציע. אין הויפּט-קוואַטיר פון דער אַרמיי איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטע פון ביידע ריכטונגען אויף

פּאַריטעטע יסודות, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַרן פאָלק. איינציייטיק האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן פאָג-נאַנדערצולאָזן דעם פּאַרלאַמענט און באַשטימען נייע וואַלן. דער פּאַרלאַ-מענט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אויפצולעזן און דאַן זיינען צוויי רעגי-מענטער פון דער אַרמיי אַריין אין פּאַרלאַמענט, אַרעסטירט די פּרעסביטע-ריאַנישע דעפּוטאַטן. די דעפּוטאַטן-אינדעפּעדענטן האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט משפטן דעם קעניג, וואָס איז באַשולדיגט געוואָרן אין האכפאַראַט. דעם 17 יאַנואַר איז דער קעניג פאַרמשפט גע-וואָרן צום טויט. דער משפט איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 6 פעברואַר. דעם 19 מאַי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק; די רעגירונג איז איבער-געגאַנגען צו אַ מלוכה-ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון 41 מיטגלידער, צווישן וועלכע ס'איז געווען קראָמוועל, פערפאַקס און אַנדערע גראַנדן.

דער נצחון איבער דער קאָנטר-רעוואָלוציע האָט צוגעגעבן בייעם מוט די גראַנדן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די לעוועלער. דעם 6 מערץ זיינען 5 סאָלדאַטן, לעוועלער, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די לעוועלער האָבן געענטפערט אויף די רדיפות מיט אַ רייע פּאַמ-פלעטן קעגן דער רעגירונג. דעם 25 מערץ האָט לילבורן געהאַלטן אַ רעדע צום פאָלק וועגן די „נייע קייטן פון ענגלאַנד". פאַר דער רעדע איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן. אַ גאַנצע רייע פון דעפּוטאַציעס און אַ פּעטיציע מיט 80.000 אונטערשריפטן האָבן געפאָדערט זיין באַפריי-אונג. דעם 25 אַפּריל איז אין לאָנדאָן געקומען צו אַן אָפענעם אויס-ברוך, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן דורך קראָמוועלן. פינף סאָלדאַטן זיינען ווידער פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן דער באַפעלקערונג און מיליטער, וואָס האָט גע-בראַכט צו נייע אויפשטאַנדן אין באַמבערי, אָקספאָרדסאַר און סאַליטבערי. קראָמוועל, מיט אַן אָפּטיילונג פון 2.000 מאַן האָט צעטריבן די אויפשטענ-דיקע. דער פּאַרלאַמענט און די שטעט לאָנדאָן און אָקספאָרד האָבן דערקלערט קראָמוועלן אַלס רעטער פון פאָטערלאַנד. לילבורן, זיצנדיק אין פעסטונג, האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנצופירן מיט זיינע אָנהענגער; דאָס איז געווען איינע פון די סבות פונם נצחון פון די גראַנדן, וואָס האָבן אין קעגנטייל געהאַט אַזאַ פעיקן פירער ווי קראָמוועל. לילבורנס פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך רעדוצירט נאָר צום שרייבן פּאַמ-פלעטן; ער איז געוואָרן מאַכטלאָז לגבי קראָמוועלן, וואָס האָט מיט אַן אייזער-נער פויסט דערשטיקט די אמתע דעמאָקראַטן: די פּאַרטיי פון די לעווע-לערס איז אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע און צוזאַמען דערמיט האָט זיך אויך געענדיקט די טעטיקייט פון זייער פירער לילבורן. די לעצטע

יאָרן פון זיין לעבן האָט לילבורן זיך אינגאַנצן אָפּגעווענדעט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק, זיך פאַרנומען מיטן אינערלעכן לעבן און איז צוגעשטאַנען צו דער רעליגיעז-דעמאָקראַטישער סעקטע פון די קוואַ-קערס. אין יאָר 1657 איז ער געשטאָרבן.

לילבורן איז געווען דער באַטייטנסטער אָנהענגער פון דער מאַכט פון פאָלק און פאַרטיידיקער פון די אונטערדריקטע קלאַסן קעגן די גייסטלעכע, פּריצים און בירגערטום. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון פּריוואַט-אייגנטום, אדרבה, ער האָט אָפט דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין אָנהענגער פון די קאָמוניסטישע שטרעבונגען. צווישן זיינע חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געשריבן די אויפרופן פון די לע-וועלער, געפינען מיר אָבער באַשטימטע נטיעות צום קאָמוניזם און פי-לאָזאָפישן ראַדיקאַליזם. אַזוי איז, למשל, איינער פון די לעוועלער וואַל-וין געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסט. „עס וועט קיין מאָל נישט זיין גוט אויף דער וועלט, כּל-זמן עס וועלן נישט זיין געמיינזאַם אַלע זאַכן. דאַן וועט מען נישט דאַרפן האָבן קיין רעגירונג און קיין שופ-טים; דער געזונטער מענטשן-שכל וועט גענוגן, בכדי מענטשן זאָלן לעבן גערעכט". זייער אינטערעסאַנט איז אַן אַנאָנימער פּאַמפלעט, וואָס שטאַמט פון די לעוועלערס: „דאָס ליכט וואָס שיינט אין באַקינגהעמסער". אין דעם פּאַמפלעט ווערט געפּרעדיקט דער אומקער צום אורקריסטלעכן קאָמוניזם. דער מחבר שטעלט אָבער פאָלגנדיקע פינף פאָדערונגען: 1) אַ גערעכטן אָנטייל פון יעטווידן אין לעבן; קיינער זאָל נישט דאַרפן צו-ליבן דוחק גנבענען אָדער בעטלען; 2) גערעכטע געזעצן, ווי מען גע-פינט זיי אין דער ביבל; 3) גלייכע רעכט פאַר אַלע; 4) אַ רעגירונג וואָס ווערט צונויפגעשטעלט פון פאָלקס-דערוויילטע; 5) אַ רעפּובליק לויטן מוסטער פון דער ביבל". *)

פון יולי 1648 ביז סעפּטעמבער 1649 האָבן די לעוועלערס אַרויס-געגעבן אַן אייגענע צייטונג „The Moderate" („דער געמעסיקטער"). אַ חוץ פּאָליטישע לייט-אַרטיקלען געפינען מיר אין דער צייטונג אייניקע רמזים אויפן קאָמוניזם. אַזוי למשל געפינען מיר אין דער צייטונג, אַז אַ פּאָר טויזנט בערג-אַרבעטער האָבן זיך געווענדעט צום פּאַרלאַמענט נאָך הילף קעגן די גוטסבאַזיצער, אין קעגנפאַל האָבן זיי געדראָט „צוריק-צוגרייפן צום נאַטור געזעץ". איבערגעבנדיק וועגן אַן אַרעסט פון אַ פּאָר שאָף-גנבים, באַמערקט די צייטונג אַז אין דעם איז שולדיק דאָס פּרי-וואַט-אייגנטום. ווען דאָס פּריוואַט-אייגנטום וואָלט נישט עקזיסטירט,

*) לוצאַטאָ: 195-טע זייט.

וואָלטן די מענטשן נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו פאַרשאַפן זיך לעבנס־מיטלען דורך גנבה. נישט קוקנדיק אויף די קאָמוניסטישע אַנשויאונגען פון א טייל פירער, איז די פאַרטיי אַלס אַזעלכע קיינמאָל נישט אַרויסגעטראָטן פאַרן קאָמוניזם און נאָר געפירט אַ פּאָליטיש־דעמאָקראַטישע אַרבעט.*)

ט) די פילאָזאָפיע פון דער דאָזיקער עפּאָכע.**)

די אַלגעמיינע צושטאַנדן פון יענער צייט, די הונדערטער יאָרן־לאַנגע אויפשטאַנדן און בירגער־מלחמות האָבן געצייטיקט אַ באַזונדערע אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע האָט זיך אויסגעדריקט אין צווייערליי פאָרמען, וואָס געפינען זיך אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג: אין די דאַמאָלסטיקע פילאָזאָפישע סיסטעמען און אין אַ רייע פלענער, וואָס זיינען אויסן געווען איבערצואַנדערשן די באַשטייענדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, וואָס האָבן אין זייער סך־הכל צוריקגעווירקט אויף די אויבנדערמאָנטע אויפשטאַנדן און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען.

די עפּאָכע פון XVI ביז צום XVIII יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פון פאַרשידענע ענדערונגען און באַזונדערס אַ צייט פון אויפבלי פון דער נאַטורוויסנשאַפט. די נאַטורוויסנשאַפט און פילאָזאָפיע האָבן פאַרנומען דעם אָרט פון דער טעאָלאָגיע, און אָנשטאָט דעם אויטאָריטעט פון דער קירכע איז אויסגעוואַקסן די באַטייטונג פון דעם שכל. די רעוואָלוציע אין דער פילאָזאָפיע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן קאַמף פון נאַמינאַ־

*) די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער רעוואָלוציע פאַרלירט מיטן אונטערגאַנג פון די לעוועלער יעטוועדן אינטערעס פאַרן קאָמוניזם און די וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע שיקן מיר אָפּ צו ספּעציעלע היסטאָרישע אויספאָרשונגען.

**) סיי דאָס מאָנאַכנטום, סיי די קאַטאַרער באַוועגונג ביז צום XIII יאָרהונדערט האָבן אין אַ גרעסערער מאָס באַזירט אויף די רעליגיעז־פילאָזאָפישע סיסטעמען פון יענער צייט. דעריבער האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק ביים באַטראַכטן די דאָזיקע באַוועגונגען, וואָס האָבן אגב נאָך נישט געטראָגן קיין בולטן קלאַסן־כאַראַקטער, קודם־כל זיך אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע פילאָזאָפישע יסודות (אָפּטיילונג ב. קאַפּיטל V). גאַנץ אַנדערש איז עס געווען אין דער שפּעטערדיקער עפּאָכע, וועלכע מיר באַהאַנדלען איצט. די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון דער דאָזיקער תקופה זיינען גאָר אין אַ גרעסערער מאָס געווען קלאַסן־באַוועגונגען און זיינען דעריבער ווייניקער געווען באַאיינפלוסט דורך דער פילאָזאָפיע פון דער צייט. די לעצטע אָבער האָט געלייגט אַ בולטן חותם אויף די אוטאָפּיסטישע פלענער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין XVII—XVIII יאָרהונדערט, און דעריבער האָבן מיר אין דעם פאַל געפונען פאַר נויטיק צו באַהאַנדלען די פילאָזאָפיע פון דער תקופה נישט פאַר די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, נאָר נאָך זיי, האַרט פאַר דער באַטראַכטונג פון די אוטאָפּיסטישע פלענער.

ליזם קעגן רעאַליזם. דער רעאַליזם, די דאָמינירנדיקע פילאָזאָפיע פון דער פריערדיקער עפּאָכע, האָט זיך געשטיצט אויף פּלאַטאָנען. די רעאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז קודם־כל עקזיסטירט די אידייע פון די רעאַלע קעגנשטאַנדן, אפילו אויסער אונזער באַוואוסטזיין, און די רעאַלע קעגנשטאַנדן זיינען נישט מער, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די רוחניותדיקע אידייען, וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך פאַר זיי. די גאָטהייט, דער גלויבן אין גאָט, איז געווען די ערשטע אַן און פאַר זיך עקזיסטירידיקע אידייע, אונטער וועלכער עס מוזן אונטערגעאָרדנט ווערן אַלע איבעריקע אידייען; דעריבער שפּילט דער שכל אויך אַ נעבנזאַכלעכע ראָל און ער מוז דינען צו באַגרינדן דעם גלויבן. די אמונה און דער שכל מוזן זיין איינהייטלעך. קעגן די דאָזיקע אָנשויאונגען איז אַרויסגעטרעטן דער נאָמינאַליזם. די נאָמינאַליסטן האָבן דערקלערט, אַז גאָט, די נשמה, די אומשטערבלעכקייט — דאָס אַלץ זיינען אירראַציאָנעלע מעטאַפיזישע באַגריפן, צו וועלכע דער שכל האָט קיין שום שייכות נישט. דער שכל קען זיי נישט באַגרינדן און נישט נעגירן. אויף דעם שכל דאַרף מען נישט אַרויפלייגן אַזעלכע אויפגאַבן, וואָס ער איז נישט בכוח צו דערפילן; זיין אויפגאַבע באַשטייט נאָר מיטצוהעלפן דעם מענטשן אין זיין טאָג־טעגלעכן רעאַלן לעבן.

דער קאַמף פון נאָמינאַליזם קעגן רעאַליזם איז אין זיין תוך געווען אַן אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון דעם קאַמף פון דער אויפשטייגנדיקער שטאָטישער ווירטשאַפט מיטן פעאָדאַליזם. בעת דער רעאַליזם איז געווען אַ פילאָזאָפישער סיסטעם, וואָס איז אויסן די פאַרשטאַרקונג פון דער קירכע און די הערשנדיקע קלאַסן, האָט דער נאָמינאַליזם געוואָלט אָפּטיילן די רעליגיע פונם טעגלעכן לעבן, בכדי אַזוי אַרום צו געבן די נייע־ווירטשאַפטלעכע טענדענצן די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען.

בעת די רעאַליסטן זיינען אויף אַזאַ אופן געווען אידעאַליסטישע מאָניסטן: פאַר זיי האָט עקזיסטירט נאָר איין אמת, דער אמת פון הימל, וועמען עס מוז אַלץ אונטערשפּרעכן, וואָס עס געפינט זיך אויף דער ערד, זיינען די נאָמינאַליסטן געווען דואַליסטן, און ווי מיר וועלן שפּעטער זען, מאַטעריאַליסטישע. פאַר זיי האָבן עקזיסטירט צוויי אמתן: דער אמת פון דער אמונה און דער אמת פון דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. בעת ס'איז געקומען ביי די רעאַליסטן צו אַ קאָנפליקט צווישן דער אמונה און שכל, האָבן זיי געמוזט אָדער זיך אָפּזאָגן פון דער שכל־דערקענטניש אָדער פאַרברענט ווערן ווי הערעטיקער. ביי די נאָמינאַליסטן דאַקעגן האָט געקענט דער שכל, וואָס איז געווען פריי פון דרוק פון דער אמונה, פריי אַרבעטן און דערמיט אַ סך מיטהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון

דער נאַטורוויסנשאַפֿט. דאָס איז אָבער געווען אַ געפֿערלעכער וועג. דער שׂכל האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם קרייז, וואָס די נאָמינאַליסטן האָבן פֿאַר אים באַשטימט. און האָט בהדרגה אויך אָנגעהויבן דורכצודרינגען דעם גלויבן. דאָס האָט געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פֿון ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם. בלייבנדיק אָבער לכתחילה אויפֿן רעליגיעזן באָדן, האָט דער ראַציאָנאַליזם אָנגעהויבן צו באַגרינדן דעם גלויבן מיט דער מאָראַל-פֿילאָזאָפֿיע, פֿונם ריין עטישן שטאַנדפּונקט: דאָס קריסטנטום איז גוט, ווייל זיין עטיק אַנטשפּרעכט דעם שׂכל. מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אמתן פֿון דער מאָראַל-פֿילאָזאָפֿיע זיינען אַקסיאָמאַטישע, אַז זיי נויטיקן זיך נישט אין קיין שום מעטאַפֿיזישע באַגרינדונגען; מען קען זיי אויסלערנען, פּונקט אַזוי ווי מען לערנט זיך אויס רעכענען און שרייבן. דער אויספֿיר פֿון דעם איז געווען, אַז מען קען דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקער דערציִונג אויסלערנען מענטשן צו זיין עטיש. דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא דערפֿון, וואָס דער שׂכל איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַן איבערהאַר, וואָס קען באַהערשן דעם ווילן. דעריבער האָט די דערציִונג פֿאַרנומען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין אַלע דאַמאָלסטיקע אוטאָפּיסטישע פּלענער. די דערציִונג קומט אָבער פֿאָר נישט בלויז אין דער שולע, נאָר אויך אינם פּראַקטישן לעבן, דורך גוטע איינריכטונגען און יושרדיקע געזעצן. וואָסערע זענען אָבער די יושרדיקע געזעצן? דאָ איז געקומען צו הילף די פֿאַרשטאַרקונג פֿון נאַטוראַל-רעכט, וואָס איז געווען אַ פּועל-יוצא פֿון דער אַנטדעקונג פֿון נייע וועלט-טיילן. אין די געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען אין די נייע וועלט-טיילן האָט מען געזען דאָס בילד פֿונם אור-אַלטן קאָמוניזם: גאַנצע פֿעלקער האָבן געלעבט אָן פּריוואַט-אייגנטום און אָן אַ מלוכה. וואָס נעענטער זיי זיינען געווען צו דער נאַטור, אַלץ ווייניקער האָבן זיי געוואוסט פֿון די דאָזיקע באַגריפֿן. די פֿילאָזאָפֿן זיינען אויף דעם סמך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער קאָמוניזם איז דער נאַטירלעכסטער און יושרדיקסטער אופֿן פֿון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אַזוי זאָגט, למשל, דער „פֿאָטער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט" הוגאָ גראָציי (1583—1645) אין זיין ווערק „דאָס רעכט פֿון מלחמה און שלום": „גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן-געשלעכט גלייך נאָך דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט דאָס רעכט אויף אַלע באַשעפֿענעשן פֿון נידעריקערן מין. דאָס איז געשען נאָכאַמאָל נאָך דעם, ווי די וועלט איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן נאָכן מבול... דעריבער האָט יעטוועדער געקענט נעמען פֿאַר זיך, וואָס ער האָט געוואָלט, און פֿאַרצערן, וואָס ער האָט געקענט.. אַזאַ צושטאַנד האָט געקענט אָנהאַלטן, ווי לאַנג די מענטשן האָבן געלעבט אין אַ גרויסער פּשוטקייט, אָדער אין אַ זייער שטאַרקער קעגנזייטיקער

ליבע איינער צום אנדערן. דעם ערשטן פאל זעען מיר ביי עטלעכע פעלקער אין אמעריקע, וועלכע האבן במשך פון הונדערטער יארן געלעבט אויף אזא מין אופן און דערביי נישט געליטן פון קיין שום שלעכטע דערשיינונגען. אלס ביישפיל פון צווייטן פאל קענען באטראכט ווערן די איסיים און די ערשטע קריסטן אין ירושלים".

אויב דער קאמוניזם אנטשפרעכט דעם נאטוראלן צושטאנד און איז בהסכם מיט דער מענטשלעכער נאטור, איז ער פארנונפטיק. די איצטיקע געזעלשאפט-ארדנונג, וואס איז אפגעגאנגען פון קאמוניזם, איז בכן אומפארנונפטיק און באזירט אויף א טעות. די מענטשלעכע געזעלשאפט מוז דעריבער צוריקגעבראכט ווערן צום שכל, דאס הייסט זי מוז זיך אומקערן צום אורשפרינגלעכן קאמוניזם.

אזוי ווי די פילאזאפיע איז צו יענער צייט געווארן אינטער דער השפעה פון דער נאטורוויסנשאפט טענסואליסטיש-מאטעריאליסטיש, ד. ה. זי האט געלערנט, אז דער שכל פארמאגט נישט קיין באגריפן אן און פאר זיך, נאר זיי זענען אן אפשפיגלונג פון די קאנקרעטע לעבנס-פארהעלטנישן, איז דעריבער, ווען מען וויל, אז די בירגער זאלן ווערן דורכגעדרונגען מיט דער קאמוניסטישער אידייע, מוז מען פריער איבערענדערשן די געזעלשאפט אויף קאמוניסטישע יסודות און דאן וועלן שוין די בירגער במילא ווערן קאמוניסטן. פון דעם איז אנטשטאנען די כאראקטעריסטישסטע אייגנשאפט פון קאמוניזם פון דער דאזיקער עפאכע, פון דעם אזוי גערופענעם אוטאפיסטישן קאמוניזם: דאס שטרעבן איינצופירן דעם קאמוניזם נישט דורך די אינערלעכע געזעלשאפטלעכע כוחות, נאר דורך א כוח פון אויסן.

די רענעסאנס-באוועגונג, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין אן אומגעהייערן אויפבלי פון דער אלטער רוימישער און גריכישער קונסט און ספעציעל דער ראמאנטיזם, וואס האבן ארויסגערופן א פאראינטערעסירונג צו די גריכישע פילאזאפן, באזונדערס צו פלאטאנען און די סטאיקער, ווי אויך צו דער גריכישער שפראך, ליטעראטור און געשיכטע, האבן מיטגעווירקט דערצו, אז א סך קאמוניסטישע פלענער און פארשלאגן האבן געשעפט זייער אינהאלט אין א גרויסער מאס פון פלאטאנס מלוכה אדער פון דעם קאמוניסטישן לעבן אין ספארטא.*)

*) צום סוף איז נאך צו באמערקן, אז אין א סך קאמוניסטישע פלענער פיגורירן פארשידענע לענדער און פעלקער פון די נאר וואס אנטדעקטע נייע טיילן פון ערד-קוגל.

י.) אוטאָפּיסטישע פּלענער.

1. די ענגלישע אוטאָפּיעס.

טאָמאַס מאָר.

דער ערשטער קאָנקרעטער פּלאַן, ווי אַזוי עס דאַרף געבויט ווערן די געזעלשאַפט, שטאַמט פון טאָמאַס מאָר (1478—1535). מאָר איז געווען אַ געלערנטער ענגלישער יוריסט, וואָס איז אַ דאַנק זיינע פעיקייטן אפילו געוואָרן לאָרד-קאַנצלער. פון דעם דאָזיקן אַמט האָט ער זיך אָבער אָפּגעזאָגט, אַלס גוטער קאַטוילִיקער, ווען דער קעניג (העינריך דער VIII) איז ערקלערט געוואָרן אַלס דער הויפּט פון דער אַנגליקאַנישער קירכע. זיין טרייהייט צו דער קאַטוילישער קירכע און צום פּויפּסט האָט מאָר באַצאָלט מיט זיין קאָפּ, און אַלס באַלוינונג האָט אים דער פּויפּסט אין יאָר 1886 ערקלערט אַלס מאַרטירער פון דער קאַטוילישער קירכע.

אויף מאָרן האָבן שטאַרק געווירקט די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען פון דאַמאָלסטיקן ענגלאַנד און טיילוויז אויך די באַשרייבונג פון אַמעריקאַ וועספּוטשי וועגן דער „נייער וועלט” (Mundus Novus), וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם לעבן לויט די נאַטור-געזעצן אויף די קאַנאַדישע אינזלען. די מענטשן דאָרט „דאַרפן נישט אָנגערופן ווערן נישט עפּיקורעיער און נישט סטאָיקער. זיי האָבן נישט קיין באַזונדער אייגנטום, אַלץ איז געמיינשאַפטלעך. זיי לעבן אָן אַ קעניג און אָן אויבערהאַר, יעדערער איז זיין אייגענער האַר”. זייענדיק דערצו נאָך גאָמינאַליסט און הומאַניסט, איז מאָר געקומען צו זיין „אוטאָפּיע”.

„אוטאָפּיע” האָט מאָר אָנגערופן זיין ווילכטיק ווערק לויטן נאָמען פון דעם אינזל, וואָס ער באַשרייבט, וואו די מענטשן לעבן גליקלעך און פריי, אָן יעטוועדער אויסנוצונג אָדער צוואַנג *)

די „אוטאָפּיע” גופא באַשטייט פון צוויי טיילן, פון אַ נעגאַטיוון, וואו מאָר קריטיקירט די איצטיקע געזעלשאַפט-צושטאַנדן, און פון אַ פּאָזיטיווער, וואו ער שטעלט פאָר די סאָציאַלע איינריכטונג פון דער „אוטאָפּיע”. אין דעם נעגאַטיוון טייל זאָגט רפאל היטלאָדעאוס, דורך וועמען מאָר זאָגט אַרויס זיינע אָנשויאונגען, אַז אין אַ לאַנד, וואו מען זאָרגט נישט פאַר די אַרבעטער, איז נישטאָ קיין יושר. דער גורל פון די אַרבעטער-מענטשן איז ערגער פון די אַרבעטער-חיות, און די געזעצן זיינען תמיד קעגן זיי. „ווען איך טראַכט דאָס אַלץ איבער, דאַן קומט מיר פאָר יעדע פון די היינטיקע מלוכות, ווי אַ פאַרשווערונג פון די רייכע, וואָס

*) „אוטאָפּיע” שטאַמט פון גריכיש — אויטאָפּיע, וואָס באַטייט אַ גליקלעך לאַנד.

האָבן אין זינען נאָר זייער אייגן גוטס אונטערן דעקמאַנטל פון געזעל-שאַפטלעכער הצלחה... אַט אָ די רייכע באַשטימונגען מאַכן די רייכע אין נאָמען פון כּלל, אַלזאָ אויך אין נאָמען פון די אָרעמע און רופן דאָס אַז געזעצן". די רייכע קריגן אַזאַ מאַכט נאָר דורך דאָס פּריוואַט-אייגנטום, דורך דעם געלט. דאָס געלט איז דער שורש פון אַלע אומגליקן. און אין ענגלאַנד איז עס אַ פּועל-יוצא פון דעם, וואָס די שאָף פאַרטרייבן די מענטשן. די פאַרקלענערונג פון אַקערבוי רופט אַרויס דעם יקרות, דער יקרות רופט אַרויס אַרבעטסלאָזיקייט און גנבות.

וואו איז דער אויסוועג פון דער דאָזיקער לאַגע, פרעגט היטלאָ-דעאוס? קען מען דען ווירקן אויף דער רעגירונג? און דאָ ער-קלערט היטלאָדעאוס, אַז אַ קאָמוניסט דאַרף נישט אָנטיילנעמען אין דער רעגירונג, ווייל די פּרוואון צו היילן דאָס געזעלשאַפטלעכע שלעכטס מיט אָפּנאַרערישע רעפאָרמיסטישע מיטלען ברענגט צו גאָרנישט. ווען דער, וואָס פירט דעם דיאַלאָג, שטעלט היטלאָדעאוסן פאַרשידענע פראַגן ווי אַזוי דאָך איינצואָרדענען די געזעלשאַפט, ענטפערט היטלאָדעאוס נישט דירעקט אויף די פראַגן, נאָר ווייזט אָן אויף דעם ביישפיל פון דער „אוטאָפּיע".

די „אוטאָפּיע" איז אַ רעפּובליק, וואָס באַשטייט פון אַ בונד פון 54 קרייזן, עס איז דאָ אויך אַ געקליבענע צענטראַלע רעגירונג, אָבער פּאַקטיש פירן אָן מיט דעם גאַנצן די קרייז-רעגירונגען — יעדער קרייז ציילט 6000 פאַמיליעס אָדער פויערים-הויפן. יעדע 30 פאַמיליעס קלייבן אויס אַ פילאַרך, און 10 פילאַרכן קלייבן אַ הויפּט-פילאַרך. די פילאַרכן קלייבן אויס דעם הויפּט-מאַגיסטראַט פון קרייז.

דער גרונט-יסוד פון דער גאַנצער ווירטשאַפט איז די לאַנדווירט-שאַפט. יעדער בירגער פון אוטאָפּיע מוז טעאָרעטיש און פּראַקטיש זיין באַהאַוונט אין ערד-אַרבעט. יעדער יאָר בייט זיך אַ געוויסע צאָל פון פאַמיליעס און גייט אריבער פון שטאָט אין דאָרף. אַ חוץ לאַנד-ווירטשאַפט מוז יעדער בירגער קענען נאָך אַ מלאכה: וועבעריי, טישלע-ריי, שמידעריי אָדער בויעריי, אַנדערע מלאכות זיינען גאָר נישטאָ אין „אוטאָפּיע". די פּראָדוקטן געהערן צו דער גאַנצער נאַציע, ווי אויך דאָס געצייג. די אַרבעטסצייט איז נאָר 6 שעה און עס איז נישטאָ קיין איבערשטונדן. אַלע מוזן אַרבעטן, אַ חוץ אַלטע, קראַנקע און די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער וויסנשאַפט. ווען אַ לאַנד-אַרבעטער אָדער בעל-מלאכה, וואָס לערנט אין זיין פרייער צייט, ווייזט אַרויס באַזונדערע פעי-קייטן, אַזוי אַז עס ווערט קלאָר, אַז ער קען ברענגען אַ גרעסער'ן נוצן מיט דער באַשעפטיקונג אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט, דאַן ווערט ער פאַררעכנט צום אָרדן פון געלערטע.

צו די נידעריקערע אַרבעטן ווערן באַנוצט די קנעכט, וואָס זיינען ביי יעדער פֿאַמיליע צו צוויי. דאָס זיינען אָדער פֿאַרברעכער, וואָס זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן פֿאַר אַזעלכע פֿאַרברעכנס, פֿאַר וועלכע עס קומט אין אַנדערע לענדער טויט-שטראָף, אָדער אָרעמע איינגעוואַנדערטע אויסלענדישע אַרבעטער: אין ערשטן פֿאַל איז די באַציִונג אַ שטרענגע, אין צווייטן אַ מילדערע, און די קנעכט קענען פֿאָרן אַהיים, ווען זיי ווילן.

אין „אוטאָפּיע" ווערט שטרענג אָפּגעהיט די מאָנאָגאַמיע, און עהעברוך ווערט שטרענג באַשטראָפֿט. די סעודות זענען געמיינזאַמע.

די בירגער פֿון „אוטאָפּיע" באַטראַכטן די מלחמה אַלס אַן אומגערעכטיקייט. זיי מאַכן אָבער מיליטערישע איבונגען מיט דעם אויסגעשפּראָכענעם ציל זיך צו פֿאַרטיידיקן בעת אַ פֿרעמדן אָנפֿאַל, אָדער בכדי צו באַפֿרייען פֿעלקער פֿון דער טיראַניי. זיי דערקלערן אויך מלחמה די פֿעלקער, וואָס האָבן פֿרייען באָדן און לאָזן אָבער נישט אריין צו זיך אַנדערע מענטשן. די אוטאָפּיער באַטראַכטן, אַז אַזאַ מין איינוואַנדערונגס-פֿאַרבאָט איז סותר דער נאַטור-רעכט.

אין „אוטאָפּיע" איז איינגעפֿירט אַלגעמיינע שול-פֿליכט. די קינדער לערנען מוזיק, לאָגיק, אַריטמעטיק און געאָמעטריע. אין אמונה-פֿראַגן הערשט אַ פֿולשטענדיק טאָלעראַנטע באַציִונג.

רעזומירנדיק זאָגט היטלאָדעאוס: „די „אוטאָפּיע" — גליקלעכן לאַנד — איז די איינציקע געמיינשאַפֿט, וואָס פֿאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען. זי איז אין אמתן אַ רעפּובליק: אַ געמיינוועזן און אַן עפֿנטלעכן רייכטום. אין אַלע אַנדערע לענדער רעדט מען וועגן עפֿנטלעכן אַלגעמיינעם וואוילטאָג, בשעת יעדער איינציקער זאָרגט נאָר וועגן זיין אייגענעם וואוילטאָג, וועגן זיין אייגענעם רייכטום אויפֿן חשבון פֿון זיין נאָענטן. גאַנץ אַנדערש איז עס אין אוטאָפּיע, דאָרט איז נישטאָ קיין פּריוואַט-אייגנטום און יעטוועדער זאָרגט פֿאַר די געמיינשאַפֿטלעכע אָנגעלעגנהייטן. אין אַנדערע לענדער, וואו קיינער איז נישט געזיכערט קעגן אָרעמקייט און הונגער, הגם דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום קאָן זיין גרויס, איז יעדערער געצוואונגען צו זאָרגן פֿאַר זיך אַליין און נישט נעמען אין אַכט די געמיינזאַמע אינטערעסן. דאָרט אָבער, וואו אַלץ איז געמיינשאַפֿטלעך, דאַרף קיינער קיין מורא נישט האָבן פֿאַרן הונגער, כּל-זמן די עפֿנטלעכע מאַגאַזינען זיינען פֿול מיט פּראָדוקטן. עס ליגט דעריבער אין אַלעמענס אינטערעס צו זאָרגן פֿאַר דער געמיינשאַפֿט. אין אַזאַ רעפּובליק איז יעדערער רייך, הגם קיינער האָט נישט קיין אייגנס. די דאָזיקע געזעלשאַפֿטס-פֿאָרם וועט תמיד עקזיסטירן, ווייל אַ דאַנק דער באַזייטיקונג פֿון גאווה און געלט האָבן די אוטאָפּיער באַזייטיקט די סיבות פֿון קמצנות,

פון אויפשטאַנדן און פון דעם גאַנצן שלעכטס, וואָס פירט אין אַנדערע לענדער צו אינערלעכע קאַמפן, בירגער-מלחמות און ענדלעך צום אונטערגאַנג און צעפאַלן פון נאַציעס און מלוכות״.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז ביי מאָרן, אַלזאָ, דער געדאַנק פון אַ געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און פון אַ געזעלשאַפטלעכן פאַנאַנדערטיילן פון פּראָדוקטן — דער געדאַנק, וואָס אייניקט אים מיט די היינטיקע קאָמוניסטן. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז א סך געדאַנקען, וואָס האָבן איצט פאַר אונז אַ סך קלענערע באַטייטונג, ווי למשל די רעליגיעזע טאָלעראַנץ, געמיישאַפטלעכע דערציונג, פולער דעמאָקראַטיזם וכדומה, זיינען פאַר מאָרס עפּאָכע געווען אַ קאָלאָסאַלער שריט פאָרויס. דער הויפּט-חסרון אָבער פון מאָרס אוטאָפּיע איז דער, וואָס ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די שווערע אַרבעטן און האָט געמוזט אַריינפירן „לייבאייגנטום״, אמת אין אַ מילדערער פאָרם; פאַר יענער צייט איז געווען נאָך אומפאַרשטענדלעך דער געדאַנק, אַז אַ פרייער בירגער קען זיך באַשעפטיקן מיט שווערער אַרבעט.

לאָרד באַקאָס.

אָן ספק, אונטער דער ווירקונג פון מאָרס אוטאָפּיע, אָבער אין אַן אַנדער ריכטונג, האָט אויסגעבויט זיין אוטאָפּיסטישע מלוכה לאָרד באַקאָס (1560—1626). זיינע פּלענער זיינען אַ דירעקטער פּועל-יוצא פון דעם שטייגערנדן פּראָגרעס אין דער נאַטורוויסנשאַפט. זיין מלוכה — „די נייע אטלאַנטיס״ געפינט זיך אויף אַ ים-אינזעל, און איז רעגירט דורך אַ קלוגן געזעצגעבער. דער צענטער פון דער מלוכה איז „שלמה׳ס הויז״ אָדער „דער אוניווערזיטעט פון זעקס טעג״. דאָרט ווערן אויסגעאַרבעט און געפינען זיך מאָדערנסטע מאַשינען, די מאָדערנסטע לאַבאָראַטאָריעס, פיזישע אינסטרומענטן, אַלע נויטיקע פּרעפּאַראַטן און מעכאַנישע באַשטאַנד-טיילן פאַר ערפינדונגען אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט. אַ דאַנק דער דאָזיקער איינריכטונג ווערט דאָרט אויסגעאַרבעט אַזוי פיל פּראָדוקטן, אַז עס קלעקט פאַר אַלע בירגער, און אַלע לעבן אין ווױלטאָג.

די אמתע לעוועלערס און אוינסטינלי.

ווייל אין ענגלאַנד האָבן אַם מערסטן סאָציאַל-ווירטשאַפטלעך געליטן די פּויערים, וואָס זיינען, ווי מיר האָבן געזען, געבליבן אָן ערד אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט געפּיטערט שאָף, וואָס איז נויטיק געווען פאַר וואָל-געווינונג, איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס ס׳האָט געמוזט אַנטשטיין אויך אַן אוטאָפּיע, וואו דער גרונד זאָל זיין דער פרייער גענוס פון ערד און באָדן

דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן פאַרטרעטן די אַזוי גערופענע גראָבערס (Diggers) אָדער די אמתע לעוועלערס (גלייכמאַכערס), וועלכע האָבן אַפילו דעם 8 אַפּריל 1649 פּרובירט דורכפירן אין לעבן זייערע קאָמוניסטישע אנשויאונגען. זיי זיינען אַרויס אין גראַפשאַפט סוררעי און פאַראַקערט אַ פרעמדן באָדן. אַז מען האָט זיי געבראַכט צו די אַמטן, האָבן זיי זיך געווייגערט אַראָפּצונעמען דעם הוט — וואָס באַווייזט אויף זייער נאָענטקייט צו די קוואַקערס (זע שפּעטער). זייער פירער איז געוועזן ווינסטענליי (Wistenleys) געב. 1669, וועלכער האָט פאָרמולירט זיין לערע אין „געזעץ פון פרייהייט אַלס פּראָגראַם" (The Law of freedom in platform). דאָרט פירט ער דורך אַ נייעם געזעלשאַפטפּלאַן, וואָס זאָל באַזירן אויף דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם. עס רעגירט אַ פּאַרלאַמענט, וואָס איז געקליבן פון פאָלק. דורך דעם געזעץ ווערט געזיכערט דער געמיינשאַפטלעכער באַזיץ פון באָדן און. די אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט. דער האַנדל און בכלל מקח וממכר איז פאַרבאָטן. אַלע פּראָדוקטן געפינען זיך אין עפנטלעכע מאַגאַזינען. יעדע פאַמיליע אַרבעט וויפיל זי קען און געניסט וויפיל זי דאַרף. עס ווערט דורכגעפירט די שול-פליכט.

זייער אינטערעסאַנט זיינען דריי געדאַנקען ביי ווינסטענלייען. ערשטענס, אַז דער געברויך איז נישט לויט דער אַרבעט, נאָר לויט די באַדערפעניש — צו דעם געדאַנק זיינען נאָך נישט דערגאַנגען אַ סך פון היינטיקע סאָציאַליסטן. צווייטנס, קומט ער צו אַ באמת פאַר זיין צייט אינטואיטיוו-געניאַלער אידייע, וואָס איז געוואָרן איינע פון די גרונט-געדאַנקען פון וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם, צו דער נעגאַטיווער ווירקונג פון דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. ער איז אַ קעגנער פון דער שפּאַר-טעאָריע, פון דעם זאַמלונג פון קאַפּיטאַל. ער זאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר איין מענטשן מיט זיין אייגענער אַרבעט צו זאַמלען גרויסע רייכטימער. יעטוועדער רייכער מוז האָבן אַרום זיך און פאַר זיין אויסהאַלטן אַ גרויסע צאָל פון נישט-באַזיצנדע, וואָס אַרבעטן פאַר אים. דער דריטער געדאַנק איז די דערקלערונג, וואָס ווינסטענליי גיט פאַר דער אנשטייאונג פון דער רעליגיע. די מעטאַפיזישע רעליגיע איז „אַ פּאָליטישער דעקמאַנטל, וואָס ס'האָט אויסגעטראַכט דער לוסטיקער עלטערער ברודער (די באַזיצנדע) בכדי צו באַרויבן און אָפּצונאַרן פון פרייהייטן דעם פּשוט'ערן יינגערן ברודער. בשעת די מענטשן קוקן אין הימל אַריין און חלום'ען וועגן עולם הבא, אָדער האָבן מורא פאַר'ן גהינום, נעמט מען ביי זיי צו די אויגן, בכדי זיי זאָלן נישט זעען, אין וואָס ס'באַשטייט זייער איינגעבוירן רעכט, און וואָס זיי האָבן צו טאָן דאָ אויף דער ערד בעת זייער לעבן".

טשעמבערלען.

אין 1649 יאָר איז ערשינען דער „אַדוואָקאַט פונם אָרימאַן" (Poor Man's adwocate) פון טשעמבערלען (Chemberlen), וואָס פאַרטרעט דעם שטאַנדפונקט, אַז נאָר די אַרבעט דאַרף זיין דער מקור פון רייכטום. ער פאָדערט די נאַציאָנאַליזירונג פון די לאַטיפונדיעס פון דער קירכע און פון קעניג לטובת דער געמיינווירטשאַפט פון די אָרימע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

קאַרנעלי פלאָקבאָי.

אין יאָר 1658 איז אין ענגלישן ערשינען אַ ווערק פון אַ האָלענדער פעטער קאַרנעלי פלאָקבאָי, „אַ פאָרשלאַג פון אַ וועג, צו מאַכן גליקלעך די אָרימעלייט פון דער אָדער יענער נאַציע". דאָס ווערק גיט אָבער נישט קיין פאָרשלאַג פון אַ נייער ווירטשאַפטלעכער אָרדנונג, דאָס איז גיכער אַ פראָיעקט פון אַ גענאָסנשאַפט, וואו יעדער מיטגליד דאַרף איינצאָלן אַ באַשטימטן סכום און וואו די אַרבעט זאָל זיין געמיינזאַם. דערביי דאַרף זיין פאַראייניקט ערד-אַרבעט מיט אינדוסטרי. די נוצן פון אַזאַ געזעלשאַפט זייגען נאָך פלאָקבאָיס מיינונג, דער ביליקער פרייז פון די פראָדוקטן, ביליקע וואוינונגען פון לעבנס-מיטלען פאַר די מיטגלידער און די בעסערע קוואַליטעט פון די פראָדוקטן. דאָס ווערק האָט נישט קיין גרויסע באַטייטונג פאַר די קאָמוניסטישע אידייען בכלל אָבער עס הויבט-אויף צום ערשטן מאָל דעם געדאַנק פון קאָאָפעראַציע, וואָס שפילט אַ באַטייטנדע ראָל אין דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די קוואַקער און בעללערס.

אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אין ענגלאַנד באַוויזן אַ נייע גרופע, די אַזוי גערופענע קוואַקערס, יורשים פון די לעוועלערס, וואָס זיינען נאָך זייערע רעליגיעזע אָנשויאונגען נאָענט צו די ווידערטויפערס. זיי זיינען געווען שטאַרק דעמאָקראַטיש געשטימט. האָבן אַלעמען געדוצט, און פאַר קיין מענטשן נישט אַראָפגענומען דעם הוט. זיי זיינען געווען קעגנער פון יעטוועדער מלחמה, זיך אָפגעזאָגט צו צאָלן מלחמה-שטייערן און אויסגעבויט אַ ברייטן פילאַנטראָפישן כיסטעם. אַ דאַנק זייער פולשטענדיקן פוריטאַניזם און גרויסן פלייס האָבן זיי דערגרייכט אַ גרויסן רייכטום און דעריבער זיינען זיי טאַקע דעגענערירט געוואָרן און לסוף זיך פאַרוואַנדלט מער אין אַ פילאַנטראָפישער געזעלשאַפט. פון נייַנצעטן יאָרהונדערט הויבן זיי אָן ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן.

דער אידעאָלאָג פון די קוואַקערס איז געווען דזשאָן בעללערס (געב. 1654). אין יאָר 1695 האָט ער אַרויסגעלאָזן זיין ווערק: „פאָר־שלאָגן איינצוריכטן אַן אַרבעטער־קאָלעדזש פון אַלע נוצלעכע מלאכות און לאַנדווירטשאַפט", וואו ער לייגט פאָר פאַרייניקן אַקערבוי מיט מאַנו־פאַקטור. די דאָזיקע פאַרבינדונג וועט פאַרלייכטערן דעם אויסטויש און עס וועלן באַזייטיקט ווערן די גרעסטע שעדליגגן — די פאַרמיטלער. געלט דאַרף מען נישט האָבן, נישט צו באַצאָלן די אַרבעטער, נישט פאַר די לייטערס. געמיינזאַמע וואוינונגען פאַר יעדע 300 אַרבעטער, מיט אַ גוטער ביבליאָטעק, גאָרטן, לאַבאָראַטאָריומס; די אַרבעט ווערט געפירט אין אַרבעטער־קאָללעדזשן. דאָס אַלץ זיכערט פאַר די מיטגלידער אַן אנגע־נעמען לעבן; אייגנטליך שמעקן שטאַרק די אַלע פּלענער מיט פּשוטער פילאַנטראָפּיע, אָבער בעללערס זאָגט ווידער אַרויס איין אידייע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרונט פון מאַרקס ווערט־טעאָריע: אין קאָלעדש־זאַנט בעללערס, איז נישט דאָס געלט דער מאָסשטאַב פון ווערט פון אַ פּראָדוקט, נאָר די אַרבעט, וואָס איז נויטיק געווען פאַר דער אויסאַר־בייטונג פון אים.

דער זעלבער בעללערס פאַרמאָגט אַ טיפן איינבליק אין די סבות פון דעם ווירטשאַפטלעכן כאַאָס. ער ווייזט אָן אויף דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע: „דאָס גרעסטע אומגליק פון אונדזערע אַרבעטער איז, וואָס זיי פּראָדוצירן סחורות, ווען קיינער ברויכט זיי נישט". ער שטעלט אויך פעסט דאָס פאַרהעלטניש צווישן די רייכע און אָרימע: „עס איז אוממעגלעך צו פאַרמערן די רייכע, אַז עס זאָלן זיך נישט פאַרמערן די אָרימע: אַ וואו עס זיינען נישטאָ קיין דינער, זיינען נישטאָ קיין הערן". ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער הויפּט־פאַקטאָר, וואס ווירקט אויף די פּרייזן פון אַלע פּראָדוקטן, זיינען די פּרייזן אויף לעבנס־מיטלען: „טייער ברויט מאַכט טייער פּראָדוקטן און רואינירט דעם האַנדל". מיט איין וואָרט, מיר זעען, אַז בעללערס איז דער ערשטער, וואָס באַווייזט אַן אמתן פאַרשטיין פון אַ סך ווירטשאַפטלעכע געזעצן, וואָס זיינען איצט געוואָרן טרואיזמען.

2. די איטאַליענישע אוטאָפּיע.

טאָמאַס קאַמפּאַנעללאַ.

פּמעט אין דער זעלבער צייט איז ערשינען אויך אין איטאַליען אַן אוטאָפּיע פון אַ מאָנאַך טאָמאַס קאַמפּאַנעללאַ (1568—1639). ער האָט געהערט צום יעזואיטישן אָרדען, וואָס איז אין יאָר 1534 געגרינ־דעט געוואָרן דורך לאָיאָלאַ, מיטן צוועק צו באַקעמפן די אַפּיקורסים.

קאַמפּאַנעללאַ איז געווען אַ העכסט געבילדעטער מענטש און איז אַפֿילו געווען באַקאַנט מיט דער יידישער קבלה, וואָס ס'האָט מיט אים געלערנט אַ רב. לאַנגע יאָרן איז ער געזעסן אין תּפֿיסה פֿאַרן אנטייל אין אויפֿשטאַנד קעגן דער שפּאַנישער הערשאַפֿט, און די לעצטע יאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט אין פּאַריז. אין דער לאַנגער תּפֿיסה-צייט האָט קאַמפּאַנעללאַ געשאַפֿן זיין אוטאָפּיע, וואָס איז ערשינען אונטערן נאָמען „זונענשטאָט" אין יאָר 1620—1623.

הגם קאַמפּאַנעללאַ באַקעמפֿט שטאַרק דאָס פּריוואַט-אייגנטום ווי טאָמאַס מאָר, געפֿינט ער אָבער נישט, ווי אַ ראַציאָנאַליסט, דעם הויפּט חסרון פֿון דער געזעלשאַפֿט אין פּריוואַט אייגנטום ווי מאָר, נאָר אין די חסרונות פֿון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. דעריבער קומט ער אויך צו דער איבערצייגונג, אַז די הויפּטזאַך איז דערציונג פֿון מענטשן, אויף וועלכע ער לייגט אַזאַ גרויסן אַכט אין זיין אוטאָפּיע.

עס איז אָבער שטאַרק קענטיק אויף אים די השפּעה פֿון פּלאַטאָנס „פּאָליטייא" און פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג אין ספּאַרטאַ. בראָש פֿון זיין „זונענשטאָט" שטייט אַ מעטאַפֿיזיקער (פּלאַטאָנס פֿילאָסאָף), וואָס מוז זיין באַהאַווונט אין די מדות, מנהגים און אמונות פֿון אַלע פֿעלקער, ער מוז קענען פֿיזיק, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און נאַטורוויסנשאַפֿט און דערביי זיין אַ בקי אין טעאָלאָגיע און מעטאַפֿיזיק. ער מוז אויך קענען אַלע מלאָכות; לעבן אים זיינען דאָ דריי מיניסטאָרן: מאַכט (קריגס-מיניסטעריום), חכמה (בילדונגס-מיניסטעריום), און ליבע, (אַ מיניסטעריום פֿאַר דער דערציונג פֿון אַ געזונטן דור). אין זונענשטאָט איז אַלץ געמיינזאַם, אויך די פֿרויען, ווייל דער פֿרייער געשלעכטס-אויסוואַל איז אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר צו באַקומען פֿיזיש און גייסטיק געזונטע מענטשן. דעם דאָזיקן טייל באַאַרבייט קאַמפּאַנעללאַ זייער גענוי און דאָ איז אַם בולטסטן קענטיק די השפּעה פֿון דער ספּאַרטאַנישער דערציונג וואָס איז געמיינזאַם פֿאַר יינגלעך און מיידלעך און איז גלייך פֿאַר ביידע געשלעכטן. דער צוועק פֿון דער דערציונג איז צוגעמאַכן פֿעיק די מענטשן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און דערפֿאַר דאַרף מען לערנען די קינדער אויף דעם אָדער יענעם געביט, לויט די פֿעיקייטן, וואָס זיי ווייזן ארויס. די אַרבעטס-פֿליכט איז אַלגעמיין; די טעגלעכע אַרבעט דויערט נאָר פֿיר שעה, דער האַנדל ווערט נאָר געפֿירט מיט אויסלאַנד און נאָר דורך דער רעגירונג. די קליידונג איז איינפֿאַך, די באַציונגען פֿריינדשאַפֿטלעך. אויף די דאָזיקע יסודות באַזירט דאָס גליקלעכע, קאָמוניסטישע צוזאַמענלעבן פֿון די סאָליאַריער, (די איינוואוינער פֿון דער זונענשטאָט).

ביי קאַמפּאַנעלען, איז די מלאכה אָוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה

מיט דער וויסנשאַפט, און דאָס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט דעם דעמאָלט־הערשנדיקן פאָראורטייל לגבי דער פשוטער מלאכה. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט די אַלע פאָרוואורפן, וועלכע מען רוקט אַרויס קעגן קאָמוניזם; ער באַווייזט, אז דער קאָמוניזם איז נישט קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, ווייל עס האָבן שוין עקזיסטירט קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן. עס איז נישט ריכטיק, אז דער קאָמוניזם שאַפט אָפּ דעם טרייב־כוח און דערמיט דעם חשק צו דער אַרבעט, אדרבה ביי אַ געהעריקער דערציִונג ווערט ביי די מענטשן די גרעסטע טרייב־קראַפט דאָס גליקלעכע צוזאַמענלעבן פון אַלעמען. ער באַווייזט אויך, אַז די פרויען־געמיינשאַפט איז פולשטענדיק באַרעכטיקט דאָרט, וואו זי ווערט איינגעפירט נישט צוליב שלעכטע מעמים נאָר צוליב אויסבילדן אַ געזונטן דור.

3. די אוטאָפּיעס אין פראַנקרייך.

אויך אין פראַנקרייך איז אנטשטאַנען אין אַכצעטן יאָרהונדערט אַ גאַנצע רייע פון אוטאָפּיסטישע פּלענער און פאָרשלאָגן אַ דאַנק דעם שלעכטן ווירטשאַפטלעכן צושטאַנד פון דער דעמאָלטיקער פאַר־רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

די שטענדיקע עראָבערונגס־מלחמות האָבן דעמאָראַליזירט די העכערע קלאַסן, וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט צום לייכטן רייכטום, און רואינירט די נידעריקע קלאַסן, וואָס האָבן געמוזט אָפּקומען פאַר דעם לוקסוס פון די רייכע, די גוט־באַזיצער האָבן פאַרלאָזן זייערע גיטער און אַרומגערינגלט דעם קיניגלעכן הויף. די שטייערן, ספּעציעל דער זאַלץ־שטייער, האָבן געדריקט די באַפעלקערונג. דאָס וואָס די מלחמות האָבן פאַרשוינט, האָט אויפגעגעסן דער קיניגלעכער הויף מיט זיין אויסטערגעוויינטלעכן לוקסוס. ווען די שטייערן האָבן נישט געקלעקט, האָט זיך די רעגירונג אָנגעהויבן העלפן מיט פּאַפּיר־געלטער, דאָס האָט געבראַכט פראַנקרייך צום באַנקראָט. אויפן יסוד פון דער טרויעריקער לאַגע איז ביי די בעסער־דענקענדע מענטשן אנטשטאַנען אַ דראַנג צוריק צו דער נאַטור, צום נאַטור־רעכט, צום אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם. דערצו האָבן נאָך אין פראַנקרייך צווישן פּויערטום עקזיסטירט הויז־געמיינשאַפטן, אַזוי גערופענע Communeaté, וואָס זיינען נאָך וואו נישט וואו געווען פון יאָר 1788, ספּעציעל אין 16־טן יאָרהונדערט האָבן עקזיסטירט אין פיל דערפער גרויסע געביידעס, וואו עס האָבן געוואוינט מערערע פאַמיליעס. בראש פון אַזאַ געמיינשאַפט איז געשטאַנען אַ מאַיאָר און מאַיאָריטע (מאַן און פרוי), די פעלד־אַרבעט און הויז־ווירטשאַפט איז דאָרט

געפירט געוואָרן געמיינזאַם, דערביי פלעגט דער מאיאָר פאַנאַנדערטיילן די אַרבעט. ווען, קליידער זיינען געווען פּריוואַט-אייגנטום דאָס איבעריקע איז געווען אין שותפותדיקן באַזיץ, די געזעלשאַפט האָט פּראָדוצירט כמעט אַלץ, וואָס זי האָט אַליין געברויכט. די לעצטע, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט ביזן יאָר 1788 האָט פון דרויסן באַצויגן נאָר זאַלץ און אייזן. אין דער פּעאָדאלער צייט האָט אַזאַ געמיינשאַפט געהאַט אַ גרויסן פּלוס, דערמיט וואָס אַ דאַנק דעם געמיינזאַמען אייגנטום פון יעדן אייגנטום האָבן די פּעאָדאַלן נישט געהאַט קיין רעכט צו ירשענען דעם יחיד.

זשאַן מעסליע.

אַ גייסטלעכער זשאַן מעסליער (Meslier) (1664—1729) האָט איבערגעלאָזן זיין צוואה אין דריי בענדער, וואָס איז ערשינען אין דרוק אַסך שפּעטער. אַ גאַנצן לעבן האָט ער געדינט דער רעליגיע, און אין זיין צוואה בעט ער דערפאַר מחילה ביי זיינע בירגער. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער שנאה צו דער רעליגיע און צו דער קירכע. מעסליע שרייבט, אַז די אמונה און די קירכע זיינען נישט מער, ווי אַ מיטל צו האַלטן דאָס פאָלק אין דומהייט און געהאָרכזאַמקייט. ער טרעט אַרויס קעגן קעניגטום, קעגן די פּריצים, גייסטליכע, מיליטאַריזם, באַאַמטן, שטייערן וכדומה. ער האַלט, אַז אַלע גיטער דאַרפן זיין געמיינזאַם און דער פּריוואַטער באַזיץ פון גיטער און אייגנטום איז אַ געוואַלטיקער מיסברויך. דאָס פּריוואַט-אייגנטום האָט אַרויסגערופן די קעגנזאַצן צווישן רייכע און אָרעמע, זאַטע און הונגעריקע, הויכע און נידעריקע. די אומגלייכהייט איז קעגן דעם נאַטוראַל-רעכט, „אַלע מענטשן זיינען גלייך פון דער נאַטור, זיי האָבן גלייכע רעכט צו לעבן און זיך צו באַוועגן, צו גענוסן זייער נאַטירלעכע פרייהייט און צו האָבן אַ חלק אין די גיטער פון באָדן, דערמיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך און פּראָדוצירן די נויטיקע לעבנסמיטלען".*) די ישועה פון דער מענטשהייט ליגט אין דער פאַרייניקונג פון אַלע פעלקער קעגן די טיראַנען און אין דעם באַגרייפן און דורכפירן די נאַטור-געזעצן, וואָס פאָדערן די גיטער-געמיינשאַפט און די אַרבעט פון אַלעמען. מעסליע גיט אַרויס דעם לאָזונג: „אַלע פעלקער פאַרייניקט אייך" (Unissez vous donc, peuples).

דעניס ווערראַס ד'אַללע.

דעניס ווערראַס ד'אַללע (Vairasse) האָט אַרויסגעלאָזן אין יאָר 1675 די געשיכטע פון די סעווערעמבער (Histoire des

*) ציטירט נאָך בעערן: באַנד III זייט 100.

(Severambes, אין וועלכער ער שילדערט די מלוכה אויף אַן אויס־טראַלישן אינזל, וואו אַ פערז סעווער האָט איינגעפירט אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג. די גאווה און דאָס קמצנות זיינען די סיבות פון די שלעכטע צושטאַנדן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; זיי האָבן צעטיילט די מענטשהייט אויף אַריסטאָקראַטן און המון, אויף רייכע און אָרעמע. סעווער שאַפט אָפּ אַלע אונטערשיידן צווישן די שטאַנדן, אַ חוץ די, וואָס שטאַ־מען פון אינדיווידועלע פעיקייטן. אַלע רייכטימער, דער גאַנצער באָדן ווערט ערקלערט אַלס אייגנטום פון דער מלוכה. „אויף אַזאַ אופן האָט ער באַזייטיקט די קמצנות, די ציוויל-פּראָצעסן, די שטייערן, די צאָלן, דעם יקרות און די אָרעמקייט, וואָס האָבן אַזוי פיל שלעכטס געשאַפן אויף דער וועלט. זייט ער האָט דורכגעפירט די דאָזיקע געזעצן זיינען אַלע סעווערעמבן רייך, הגם זיי קענען גאָרנישט אָנרופן אַלס אייגנס. אַלע גיטער פון דער מלוכה געהערן צו זיי, אַזוי אז יעדערער קאָן זיך שעצן אַזוי גליקלעך, ווי דער רייכסטער קייזער אין דער וועלט". *) סעווער פירט אויך איין די אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט און טיילט איין דעם טאָג אין דריי חלקים: אַכט שעה פאַר אַרבעט, אַכט שעה פאַרן אייגענעם גע־ברויך און אַכט שעה שלאָפן — דאָ אַלזאָ זעען מיר דעם ערשטן מאָל אין דער געשיכטע די באַרימטע דריי אַכטלעך. סעווער לייגט אַ גרויס אַכט אויף דער דערציונג פון די קינדער, וואָס דאַרף געפירט ווערן טיילווייז לויט קאַמפּאַנעלען און טיילווייז לויט די אידייען פון אַנדערע קאָמוניסטישע דענקער.

מאָרעלי.

מאָרעלי (Morelly) האָט אין יאָר 1753 פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „געזעצבוך פון דער נאַטור" (Code de la Nature). דער גרונט-געדאַנק איז, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור נישט גוט און נישט שלעכט, ער האָט נישט קיינע איינגעבוירענע אידייען און נייגונ־גען. ער האָט אָבער באַדערפעניש, וואָס ער איז אַליין נישט בכוח צו באַפרידיקן. דאָס צווינגט אים צו אַרבעט, צו טראַכטן און צו פאַרייניק זיך מיט אַנדערע מענטשן. בכדי צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן, האָט די נאַטור געגעבן דעם מענטשן די ערד, וואָס געהערט צו אַלעמען צוזאַ־מען מיט דעם גאַנצן רייכטום, וואָס וואַקסט אויף איר און געפינט זיך אין איר. ווען די פילאָזאָפן און געזעצגעבער וואָלטן געפאָלגט די נאַטור־געזעצן, וואָלטן אַלע מענטשן געווען גליקלעך. זיי האָבן אָבער די ערד

*) בעער: III באַנד.

געמאַכט פאַר פּריוואַט-אייגנטום און דערמיט געשאַפן די מענטשהייט. קיינער טאָר נישט האָבן קיין פּריוואַט-אייגנטום, אחוץ די זאַכן, וואָס זיינען נויטיק צו זיין טאָג-טעגלעכער אַרבעט און פאַר זיין פאַרגעניגן. יעדער בירגער גיט פאַר דער געמיינשאַפט דאָס, וואָס ער קאָן געבן און לויט זיינע מעגלעכקייטן פאַלן אויף אים אָנטשפּרעכנדע פליכטן. אַלע פּראָדוקטן ווערן געזאַמעלט אין עפנטלעכע מאַגאַזינען, און פון דאָרטן פאַנאַנדערגעטיילט. דער האַנדל מיט אַנדערע פעלקער מוז איבערוואַכט ווערן, און ער דאַרף געפירט ווערן נאָר אַלס אויסנאַם. די חתונה איז גילטיק נאָר אויף 10 יאָר און נאָר מיט דער ערלויבניש פון סענאַט, וואָס ווערט דורך אַלעמען געוויילט יעדן יאָר.

גבריאל מאַבלי.

גאַבריעל מאַבלי (Mablys) (1785—1709) האָט אין יאָר 1768 פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „די באַדענקען קעגן די פילאָזאָפישע עקאָנאָמען" (Doutes, proposés aux pilosophes économistes), וואָס איז געריכטעט קעגן די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דאָס פּריוואַט-אייגנטום. ער פאַרטיידיקט דאָס קאָמוניסטישע נאַטוראַל-רעכט, די ליקור-גישע געזעצגעבונג און פלאַטאָנס מלוכה. „ווען איך לייען אַ באַשרייבונג פון אַ וויסטן אינזל, וואו דער קלימאַט איז מילד און דאָס וואַסער געזונט, אַזוי נעמט מיך אָן דער חשק פאָרן אַהין און גריינדן אַ רעפּובליק, וואו אַלע זאָלן זיין גלייך רייך און גלייך אָרעם (אָן באַזיץ), פריי, און וואו אַלע זאָלן ברידערלעך לעבן. אונזער ערשטער געזעץ וועט זיין: קיינער טאָר נישט האָבן קיין פּריוואַט-אייגנטום. מיר וועלן די פירות פון אונזער אַרבעט טראָגן אין די געזעלשאַפטלעכע מאַגאַזינען; דאָרט וועט זיך געפינען דער מלוכה-אוצר און די ירושה פון יעדן בירגער. די עלטסטע פון די פאַמיליעס וועלן יעדן יאָר קלייבן די פאַרוואַלטער, וואָס וועלן יעדן געבן די אַלע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק צום לעבן, און אָנווייזן אים די אַרבעט, וואָס די געמיינשאַפט וועט פון אים פאַרלאַנגען *).

דערביי איז ווערט צו באַמערקן, אַז מאַבלי איז אין היפוך צו אַלע אַנדערע קאָמוניסטן קעגן דער ציוויליזאַציע, קעגן קונסט. נאָך זיין מיינונג איז יעדער פאָרשריט אין דער קולטור נאָר אַ שריט צו פאַרערגערן די לאַגע פון דער מענטשהייט. זיין שטרעבן איז דערפאַר צוריק צו דער נאַטור און צום נאַטירלעכן לעבן.

רעשטיף דע לאַ ברעטאָן.

רעשטיף דע לא ברעטאָן (Bretonne) (1806—1734) האָט

*) ציטירט לויט בעער: III באַנד, 103-טע זייט.

געשריבן אַסך ווערק אויפֿן סאָציאַל-פּאָליטישן געביט; דאָס ווילפּיקסטע איז זיין בוך „אויסטראַלישע אַנטדעקונג“ („La decouverte Australe“). אויף אים האָבן געהאַט אַ השפּעה די פֿיזיאָקראַטישע-געדאַנקען, וואָס זיינען אין יענער צייט געגרינדעטע געוואָרן. לויט זיין מיינונג ליגט דער שורש פֿון אַלע מענטשלעכע ליידן אין עגאָאיזם און אין פּריוואַט-אייגנטום: „דער מענטש איז געווען אומשולדיק, אַזוי לאַנג ווי ער האָט גאָרנישט פֿאַרמאָגט. די עבירה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ער האָט באַקומען אין זיין אויסשליסלעכן באַזיץ אַ פֿרוי; די טיראַניי איז אַנטשטאַנען מיטן אייגנטום, וואָס ער האָט געוואָלט איבערלאָזן בירושה זיינע קינדער; גנבות און קנעכטשאַפֿט זיינען אַנטשטאַנען מיט די סטאַדעס שאָף, וואָס דער מענטש האָט געהאַט אין זיין באַזיץ; אַלע חטאים און פֿאַרברעכנס — מיט דעם שרעקלעכן ברוגז-אייגנטום“. די קאָמוניסטישע פּראָדוקציע שטעלט ער זיך פֿאָר, ווי אַ מין צנף, אין וועלכער ס'הערשט אַ פֿולקאָמענע אַרבעט- און ערווערב-געמיינשאַפֿט. זיין אידעאַלער פֿאָלק אין דער „אויסטראַלישער אַנטדעקונג“ הייסט „מעגאַפּאַטאַגאָניער“, דאָס לעבן פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק באַזירט אויף פֿינף געזעצן: „1. יושר קעגן יעדן, 2. גערעכטיקייט בנוגע צו חיות, 3. געמיינזאַמקייט פֿון יעדן באַזיץ, 4. אַרבעטס-פֿליכט פֿאַרן וואוילטאָג פֿונם כלל און 5. אַ גלייכער אַנטייל פֿון יעדן אין דעם געמיינזאַמען גוט“*). ביי אים באַגעגענען מיר צום ערשטן מאָל דעם געדאַנק, אַז די אַרבעט קען מען מאַכן פֿאַר צוציענד דורך אַן אָפּטן ביטן דעם מין פֿון דער באַשעפֿטיקונג.

4. די בירגערלעכע סאָציאַל-קריטיק אין פֿראַנקרייך.

אין פֿראַנקרייך איז נאָך געווען אַ גאַנצע ריי שרייבער פֿאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט אוטאָפּיסטישע פּלענער, ווי צו פֿאַרבעסערן די געזעלשאַפֿט. אָבער אָריגינעלע געדאַנקען קען מען ביי זיי גאַנץ ווייניק געפֿינען; די וואַריאַציעס זיינען נאָר נוגע דעם פֿאַמיליען-לעבן און דער פֿאָרם פֿון דער רעגירונג.

ר ו ס ס אַ.

אויך צווישן די בירגערלעכע געלערטע און שרייבער פֿון דער צייט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע געפֿינען מיר אַ סך אָנפֿאַלן אויפֿן פּריוואַט-אייגנטום, הגם די מחברים מאַכן נישט די לאָגישע פּועל-יוצאס און קומען נישט צום קאָמוניזם, נאָר בלייבן אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון די

---

*) לוצאַטאָ זייט 228.

הערשנדיקע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. אַזוי האָט זשאַן-זשאַק רוססאָ (Rousseau 1788—1712) אין זיין ווערק „די אומגלייכהייט צווישן מענטשן, וואָס איז ערשינען אין יאָר 1753, געשריבן: „דער ערשטער, וואָס האָט אַרומגעצוימט אַ שטיק באָדן און געזאָגט: דאָס איז מיינס און דערביי געפונען מענטשן, וואָס האָבן אים געגלויבט, איז געווען דער אמתער באַגרינדער פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. וויפיל פאַרברעכנס, מלחמות און רציחות, וויפיל עלנט און שרעקנס וואָלט יענער פאַרשפּאָרט אונזער דור, וואָס וואָלט אַרויסגעריסן די שטעקנס פון צוים, פאַרשאָטן די גריבנס און געזאָגט זיינע חברים: היט אייך צו גלויבן דעם באַטריגער, איר זייט פאַרלוירן, אויב איר פאַרגעסט, אַז די פרוכט געהערן אַלעמען, אָבער די ערד קיינעם נישט".

סימאָן לינגע.

דער קאָנסערוואַטיווער יוריסט סימאָן לינגע (Linguet) (1794—1736) זאָגט אין זיין „טעאָריע פון ציווילן רעכט" (Thèorie des loès civiles), וואָס איז ערשינען אין יאָר 1767, אַז די בירגערלעכע געזעלשאַפט צעשטערט די נאַטירלעכע פרייהייט פון די מענטשן... דער אָרעמאַן פאַרמאָגט גאָרנישט, אַ חוץ זיין אָרעמקייט. די געזעצן קענען אים בכן גאָרנישט געבן. זיי באַצוועקן פיל מער צו באַשיצן די, וואָס לעבן אין איבערפלוס, קעגן די אָנגריפן פון די, וואָס האָבן נישט אפילו דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע... די סכסוכים זיינען אַ פועל-יוצא פון די געזעצן, ווייל זיי אַנטשטייען פון דער ליבע צום אייגנטום, און אויף וואָס-זשע דען שטיצט זיך דאָס אייגנטום, ווען נישט אויף די געזעצן... דער תוך פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט איז צו באַפרייען די רייכע פון אַרבעט... דער פרייער אַרבעטער איז אין אַן ערגערער לאַגע, ווי דער קנעכט. אַ קנעכט באַקומט צום עסן, ווען ער אַרבעט אפילו נישט. אָבער וואָס ווערט מיטן פרייען אַרבעטער, ווען ער האָט נישט קיין אַרבעט? ווער זאָרגט פאַר אים, ווען ער שטאַרבט פון הונגער און עלנט?".

זשאַק נעקער.

אפילו ביי לודוויקס דעם XVI פינאַנץ-מיניסטער זשאַק נעקער (1804—1732) געפינען מיר צום שלוס פון זיין ווערק „דער קאָרן-האַנדל" פאָלגנדע ווערטער: „די בירגערלעכע איינריכטונגען זיינען געשאַפן צום גונסטן פון די אייגנטימער... מען קען זאָגן, אַז אַ קליינע צאָל מענטשן האָבן צווישן זיך פאַנאַנדערגעטיילט די ערד און געשאַפן די געזעצן, בכדי

זיך צו אײַניקן און צו שיצן פֿון דער מאַסע, אַזױ װי זײ האָבן פֿאַרצױמט די װעלדער, בכּדי זיך צו שיצן פֿון װילדע חיות".

בריסאָ.

בריסאָ (Brissot 1794—1736) אין זײנע „פֿילאָזאָפֿישע אױספֿאָרשונגען װעגן אײגנטום און גנבה" (Recherches philosophques sur la propriété et le vol), װאָס זײַנען ערשינען אין יאָר 1780, זאָגט פֿאָלגנדעס: „װען די גלײַכהײט איז בטל געװאָרן, איז אַלץ בולטער געװאָרן דער אונטערשיד צװישן רײַכע און אָרעמע. די געזעלשאַפֿט האָט זיך געשפּאָלטן אין צװײ קלאַסן: צו דעם ערשטן געהערן די בירגערלעכע אײגנטימער, צום צװײטן די פֿאָלקסמאַסע. און בכּדי צו באַשיצן דאָס ערגסטע אײגנטום-רעכט, האָט מען געדראָט מיט די שרעקלעכסטע שטראָפֿן; דעם אָנגריף אױף דעם דאָזיקן רעכט רופֿט מען אָן גנבה, און אין דערװעלבער צײַט איז אין נאַטור-צושטאַנד א גנב דער רײַכער, דער, װאָס האָט איבערפֿלוס; אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן צושטאַנד איז אין היפּוך דערצו א גנב דער, װאָס גנבעט בײַם רײַכן. װי עס בײַטן זיך דאָך די אָנשױונגען".

װי געזאָגט, ניִשט-קוקנדיק אױף די אָפֿט זײער ריכטיקע געדאַנקען מכּוח דער געזעלשאַפֿטלעכער לאַגע און געזעלשאַפֿטלעכע צושטאַנדן, האָבן די אַלע בירגערלעכע קריטיקער פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט זיך ניִשט דערהױבן צום קאָמוניזם; זײ האָבן ניִשט דורכגעטראַכט לאָגיש זײערע געדאַנקען ביז צום סוף. אַזױ איז נעקער געװעזן א פֿינאַנץ-מיניסטער בײַ לודװיקן דעם XVI און מיט פֿאַרשידענע מיטלען געפּרואװט אונטערצוהאַלטן די זינקענדע פֿעאָדאַל-בירגערלעכע געזעלשאַפֿט. אַזױ האָט לינגע געהאַלטן, אַז װער עס װיל לעבן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, מוז מסכּים זײַן צו די אַלע שלעכטע פֿאַרהעלטעניִשן, אַזױ איז בריסאָ ניִשט געװעזן קײן רעװאָלוציאָנער, אַפֿילו ניִשט קײן יאַקאָבינער, נאָר אַ זשיראָנדיסט, װעלכן די יאַקאָבינער האָבן געבראַכט צו דער גיליאָטינע.

אָבער ס'איז קלאָר, אַז גײַסטיק האָבן אױך די בירגערלעכע קריטיקער צוזאַמען מיט די קאָמוניסטישע אוטאָפּיסטן מיטגעהאָלפֿן דעם אומשטורץ פֿון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט, הגם אין זײערע כּװנות איז עס ניִשט אַרײַנגעגאַנגען, און אַזױנאַך אינטעלעקטועל צוגעגרײט די גרױסע פֿראַנצױזישע רעװאָלוציע.

VII.

די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע.

א) דער אַלגעמיינער צושטאַנד.

עס איז נישט אונזער אויפֿגאַבע צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אין איר כראָנאָלאָגישער אנטוויקלונג, אונדז אינטערעסירט דאָ די דאָזיקע עפּאָכע נאָר אויף וויפֿיל עס זיינען אין איר געקומען צום אויסדרוק קאָמוניסטישע שטרעבונגען און די סבות, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן. כדי אָבער דאָס צו פֿאַרשטיין מוז מען קודם-כל זיך באַקאַנען מיט די אַלגעמיינע ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען פֿון סוף אַכצענטן יאָרהונדערט און דערביי אויפֿדעקן די קלאַסן-קעגנזאצן, וואָס האָבן באַקומען זייער אידעאָלאָגישן אויסדרוק אין די שטרעבונגען און מעשים פֿון דער אָדער יענער פּאַרטיי, אין דער עפּאָכע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע.

צום סוף אַכצענטן יאָרהונדערט האָט זיך אין פֿראַנקרייך שוין לגמרי פֿאַרענדיקט דער פּאָליטישער קאַמף צווישן די פּריצים און קיסר-טום מיטן פֿולשטענדיקן נצחון פֿון דעם קיסר. די פּריצים, די פֿעאָדאַלן זיינען געוואָרן געהאָרכזאַמע כלי-זיין אין די הענט פֿון מאָנאַרך, אַזוי האָט עס לפּנים אויסגעזען, ווייל אין דער אמתן איז דער מאָנאַרך געוואָרן דער אויסדריקער פֿון די שטרעבונגען פֿון די פֿעאָדאַלן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. אַרום דעם קייזערלעכן הויף האָט זיך גרופּירט אַ קאַסטע פֿון ליידיקגייער, וואָס האָט געלעבט, און רייך געלעבט, אויפֿן חשבון פֿון פּויערטום. דער לוקסוס פֿון ליודוויקס דעם XVI-נס הויף, איז ביישפּיללאָז אין דער געשיכטע; די שטייערן זיינען געוועזן אומגעהויער גרויס, ווייל דאָס איז געוועזן דער איינציקער מקור פֿון הכנסות. דער קלער, ספּעציעל אין פֿראַנקרייך האָט געלעבט אין פֿולן הסכם מיטן הויף, ווייל אויך ער איז געוואָרן אַ גרויסער גרונט-באַזיצער.

די אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע, באַזונדערס פֿון דער וועבעריי אין ליאָן און אַנדערע שטעט האָט אַרויסגעפֿירט אויף דער פּאָליטישער אַרענע אַ נייעם שיכט — ד ע ם ד ר י ט ן ש ט אַ נ ד. גרויסע קאַפּיטאַלן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון דריטן שטאַנד; ער איז דערפֿאַר געוואָרן פֿאַראינטערעסירט אין אַ רויִקן אופֿן פֿון לעבן: פֿאַר

זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט דער קלאַס זיך גענויטיקט קודם-כל אין באַזייטיקן די מעגלעכע פּאָליטישע פּערטורבאַציעס, והשנית אין אַ גרויסער רעזערוו-אַרמיי פֿון אַרבעטער, וואָס מען זאָל קענען עקספּלואַטירן, ווי דאָס האַרץ גלוסט. אָבער דאָס לייב-אייגנטום. וואָס האָט געבונדן די פּויערים, און די צעכן, וואָס האָבן געבונדן די געזעלן, די אַרבעטער, האָבן געשטערט די פֿרייהייט פֿון די פּויערים און אַרבעטער צו פֿאַרקויפֿן זייער סחורה — זייער אַרבעטס-קראַפֿט. בכדי צו באַקומען אַ פֿולע מעגלעכקייט פֿון עקספּלואַטאַציע, האָט די בורזשואַזיע געמוזט שטרעבן דערצו, אַז דער פּויער און דער אַרבעטער זאָלן באַפֿרייט ווערן. און וואָס די פֿרייהייט האָט זיך אויסגעדריקט און ווי זי איז פֿאַרווירקליכט געוואָרן, וועלן מיר זען אין צווייטן טייל. אָבער בכדי צו שאַפֿן זיך די באַדינגונגען פֿאַר אַ נישט געשטערטן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן אָן פּערטורבאַציעס, ווי אויך בכדי זיכערן די פּויערים און אַרבעטער די פֿרייהייט, וואָס איז נויטיק געווען פֿאַר דער בורזשואַזיע, האָט די לעצטע געמוזט קריגן אַ צוטריט צום פּאָליטישן לעבן: זי האָט געמוזט רעאַליזירן איר ווירטשאַפֿטלעכע באַדייטונג אין דער פּאָליטישער השפּעה. און דאָס האָט זי בעת דער מאָנאַרכיע נישט געהאַט. מיט איר וואַקסנדיקער באַטייטונג פֿאַר דעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד האָט זי געשטרעבט אויך צו ווערן די דעה-זאָגערין אין דער פּאָליטיק: דערפֿאַר איז זי געוואָרן די טרעגערין פֿון דער רעוואָלוציע. זי איז אָבער אין דער רעוואָלוציע אַרויסגעטראָטן אַלס באַשיצערן פֿון די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן מיט אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט זיך געמוזט שטעלן אין קאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און מאָנאַרכיזם אויפֿן צד פֿון דער ערשטער.

אָבער שוין צו יענער צייט זייַנען פֿאָרגעקומען גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע סכסוכים צווישן דער בורזשואַזיע און די אַרבעטער. אַזוי ווייסן מיר פֿון דעם גרויסן וועבער-שטרייק אין ליאָן אין יאָר 1744, וואו די אַרבעטער האָבן געפֿאָדערט די העכערונג פֿון לוין, גלייכבאַרעכטיקונג ביי די וואַלן אין שטאָט-ראָט, אָבשאַפֿן די 300 פֿר., וואָס די געזעלן האָבן געדאַרפֿט באַצאָלן ווערנדיק מייסטערס. דער שטרייק האָט געדויערט 8 טעג און זיך פֿאַרענדיקט מיטן נצחון פֿון די אַרבעטער, אָבער די הנחות האָבן געדויערט נישט מער ווי אַ יאָר. אויך אין יאָר 1786 איז אין ליאָן, וואו עס זייַנען שוין צו יענער צייט געווען ביז 100 טויזנט אַרבעטער, פֿאָרגעקומען אַ לוין-שטרייק, וואָס האָט זיך אָבער געענדיקט מיט טויט-שטראָף פֿאַר דריי אַרבעטער. דערצו איז אין יאָר 1788 צוגעקומען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס איז אַרויסגערופֿן גע-

וואָרן דורך דער שלעכטער ויידן-ערנטע; נישט זעלטן זייגען אויך די פויערים אַרויסגעטראָטן קעגן די פעאָדאַלן און אַפּילו קעגן דער בורזשואַזיע, וואָס איז אַ דאַנק איר רייכטום געוואָרן אויך גרונטבאַזיצער. די אַלע סכסוכים האָבן אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די אַלע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, געאייניקט אויפצוטרעטן קעגן קיסר, פּריצים און קלער, הגם עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די קלאַסן-קעגנזאַצן, וואָס האָבן זיי פאַנאַנדערגעטיילט, האָבן געמוזט גלייך קומען צום אויסדרוק, ווי נאָר די בורזשואַזיע האָט זיך דערפילט אין זאָטל און ווי נאָר זי איז אָפן אַרויסגעטראָטן אין דער פאַרטיידיקונג פון אירע קלאַסן-אינטערעסן. דערביי האָבן אויך געהאַט אַ גרויסע השפעה די פילאָזאָפן און אידעאָלאָגן פון אַכצענטן יאָרהונדערט; זיי האָבן געגעבן די אידעאָלאָגישע פאָרם, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעדריקט די שטרעבונגען פון דעם קלאַס — פּראָלעטאַריער, וואָס איז איצט, נאָר וואָס אנטשטאַנען אַלס אַ זעלבער און וואָס האָט געמוזט היסטאָריש מיטהעלפן דעם אַנדערן קלאַס — דעם בירגערטום צו ווערן דער איבערהאַר בכדי מיט דער צייט אַליין אַרויסרייסן די הערשאַפט פון זיינע הענט: דער פּראָלעטאַריאַט, אַפּרייניגנדיק דעם וועג פאַר דער בורזשואַזיע, האָט געשאַפן דעם וועג פאַר זיין עתיד.

ב. גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געוואָרן צוזאַמענגערופן אין פראַנקרייך נישט צוליבן גוטן ווילן פון קיסר, נאָר צוליב דעם פינאַנציעלן באַנקראָט פון דער מלוכה, פּונקט ווי אין ענגלאַנד אין זיבצנטן יאָרהונדערט. אַזוי ווי די רעגירנדיקע קרייזן מיטן קיסר בראש האָבן געזוכט די איינציקע רעטונג פאַר דער מלוכה אין דעם קאָלאָסאַלן רייכטום פון דריטן שטאַנד, האָט מען דעם לעצטן געגעבן דאָפּלט פאַרטרעטער, ווי די פּריצים און דעם קלער. דער דריטער שטאַנד — אונטער וואָס ס'איז צו פאַרשטיין די גאַנצע אויפשטייגנדיקע שטאָטישע באַפעלקערונג — האָט אָבער געשיקט כמעט אויסשליסלעך בורזשואַזע פאַרשטייער: צו יענער צייט קאָן מען נאָך נישט רעדן וועגן דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין ביים פּראָלעטאַריאַט. דער לעצטער האָט אַפּילו נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַנאַכראָניסטישן וואַל-מאָדוס, וואָס האָט ביי אים כמעט אין גאַנצן באַרויבט דאָס וואַל-רעכט. אמת, די אַלע דירעקטיוון (Cahiers - העפטן), וואָס האָבן באַקומען די פאַרשטייער פון דריטן שטאַנד, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטרענג דעמאָקראַטישן גייסט, הגם וועגן וואַל-רעכט גופא ווערט אין זיי גאָרנישט געזאָגט. אָבער צווישן די

„נאַקאַז" געפינען מיר, אמת ווייניק, אָבער אַ פּאָר, וואָס רעדן שוין וועגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, למשל דער נאַקאַז פון די אָרעמע (Cahier des pauvres) אָדער אַפילו „דער נאַקאַז פון פערטן שטאַנד" (Cahiér du quatriéme ordre), וואָס שטעלט שוין אַוועק די אַרבעטער אַלס אַ זעלבסשטענדיקן פערטן קלאַס, און וואו עס געפינט זיך דער געדאַנק, אַז דער צוועק פון יעדער געזעלשאַפט איז נישט דער שוץ פון אייגנטום, נאָר קודם כל דער שוץ פון מענטש אַליין. די מלוכה דאַרף באַזאָרגן יעדן מיט עקזיסטענץ-מיטלען, וואָס זאָלן אים זיכערן אַ רויק לעבן. דערפאַר איז יעדער פאַרפליכטעט נאָר זיינע כוחות אָפּצוגעבן דער געזעלשאַפט. די פאַראיינצלטע כמעט קאָמוניסטישע געדאַנקען האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שום השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. דער פּראָלעטאַריאַט איז, נישט קוקנדיק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, נאָך געווען אַפילו אַ סך שוואַכער פאַרן פּויערטום, וואָס האָט אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג דורכגעפירט באַשטימטע געזעצן, וואָס זענען געווען גינסטיק פאַר אים.

די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז בכן לויט איר סאָציאַלן צוזאַמענשטעל באַשטאַנען פון פיר פּאָליטישע פּאַרטייען: די אָנהענגער פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיש-קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, דריטנס די גרעסטע פּאַרטיי — די דעמאָקראַטיש-קאָנסטיטוציאָנעלע און פערטנס די קליינע ראַדיקאַלע גרופּע פון ריינע דעמאָקראַטן. בעתן די ערשטע צוויי פּאַרטייען זענען לרוב באַשטאַנען פון אַריסטאָקראַטן און גייסטלעכע, זענען די לעצטע צוויי געווען פאָרשטייער פון דריטן שטאַנד.

דער פאָרשטייער פון די ריינע דעמאָקראַטן איז געווען ר אָ ב ע ס פּ י ע ר. ווען מען זאָל פאַרגלייכן דעם צוזאַמענשטעל פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג מיט די שפּעטערדיקע נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונגען און דעם קאָנווענט, באַמערקט מען אַ וואַקסענדיקע ראַדיקאַליזירונג; די אַנטוויקלונג איז בעגאַנגען אַלץ לינקער און לינקער.

ווייל דאָס פּויערטום האָט אין לאַנד געשפּילט אַ גרויסע ראָלע נישט נאָר אָן און פאַר זיך, נאָר אויך דערפאַר, ווייל עס איז געווען דער רעזערוואַר פון אַרבעטער פאַר דער אינדוסטריע, איז די אויפמערקזאַמקייט פון דריטן שטאַנד קודם כל בעגאַנגען אין דער ריכטונג צו באַפרייען דאָס פּויערטום פון פעאָדאַלן יאָך. די פּערזענלעכע פאַרפליכטונגען פון די פּויערים צו די פעאָדאַלן זענען גלייך אָפּגעשאַפן געוואָרן אָן אַנטשעדיקונג, די פאַרפליכטונגען, וואָס זענען געווען געבונדן מיטן באָדן און וואָס האָבן אַם שווערסטן געדרוקט דאָס פּויערטום, האָט מען פאַרביטן מיט געלט-אָפּצאָלונגען. דער מעשר פאַר דע־

קירכע איז אויך אפגעשאפט געווארן. דער באדן-אייגנטום איז אבער נישט אפגעשאפן געווארן; נישט מער עס איז פארוואנדלט געווארן פון פעאדאלן אין א בירגערלעכן: דער גאנצער באדן פון דער קירכע און דערנאך אויך פון די אריסטאקראטישע עמיגראנטן איז צוטיילט און פארקויפט געווארן אין קליינע חלקים און דאס האט באשאפן א גרויסן שיכט פון קליינע פויערים. אויף אזא אופן האט מען פארפולט די פי-נאנסן פון דער מלוכה און דריי פערטל באדן איז אריבער אין די הענט פון דער בורזשואזיע.

אויב דאס וואל-געזעץ פאר דער נאציאנאל-פארזאמלונג איז דורכגעפירט געווארן שוין אזוי, אז אהין האט געקאנט דורכגיין א גרויסע צאל פון קליינע פויערים, אבער פאר ארבעטער און בעלי מלאכות זענען די טירן נאך אלץ געבליבן פארשפארט.

דער פראלעטאריאט האט אבער געפילט וואו עס ליגט זיין היס-טארישער אינטערעס, און דערפאר האט ער נישט קוקנדיק אויף דעם מיטגעהאלפן דער בורזשואזיע; ער האט געשטורמט און צושטערט די באסטיליע, ער האט געבראכט די גרעסטע קרבנות אין אלע קאמפן און דערביי האט ער געהונגערט און זעלטן ווען עמיצער האט פאר-טיידיקט זיינע אינטערעסן. ראבעספיער איז געווען א קאנסעקווענטער דעמאקראט. ער האט אבער נישט פארטרעטן די אינטערעסן פון פראלע-טאריאט און דער אייגציקער וואס האט יא אמאל געהאט אין זינען די לעצטע איז געוועזן מאראט. ווען אין 4-טן אויגוסט 1889 איז אנגענו-מען געווארן דורך דער גרינדונגס-פארזאמלונג די בארימטע דעקלאראציע פון די מענטשן-רעכט (Déclaration des droits de l'homme), וואס האט פראקלאמירט די גלייכהייט, איז מאראט ארויסגעטרעטן קעגן דער קנעכטשאפט פון די מולאטן, אבער אויף דער פארזאמלונג האט עס נישט געמאכט קיין שום ווירקונג. די זעלביקע דעקלאראציע האט פראקלאמירט דאס אייגנטום אלס הייליק נאטור-רעכט: דאס איז געוועזן דער ציל און דאס שטרעבן פון דריטן שטאנד.

נישט קוקנדיק אויף די פראקלאמירטע גלייכהייט, האט מען שוין אנגעהויבן רודפן ארבעטער, וואס האבן זיך אנגעהויבן צונויפצוקומען אויף פארזאמלונגען ארומצורעדן זייערע קלאסן-ענינים. באלי, דער מער פון דער רעוואלוציאנערער פאריזער קאמונע, האט פארווערט אזעלכע פארזאמלונגען, און ווען די ארבעטער האבן אפעלירט צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג, וואס האט נאר וואס פראקלאמירט די אלגעמיינע פרייהייט, האט די פארזאמלונג דערקלערט, אז די ארבעטער קאנען זיך צונויפ-זאמלען נאר ווי פאליטישע בירגער, אבער פארזאמלונגען לויט פאכן,

וואָס קאָנען ברענגען צו דער נאָר וואָס אָפּגעשאַפטער צעכן-געזעצגע-בונג, קאָנען נישט צוגעלאָזן ווערן. און אַז מאַראַט האָט פּרובירט אין זיין בלאַט „L'ami du peuple“ צו פאַרטיידיקן די רעכט פון דעם „קלאַס פון די באַדערפטיקע“ — האָט דער מער באלי און דער באַרימטער „פרייהייטס-העלד פון ביידע וועלטן“, דער קאָמענדאַנט פון דער נאַציאָ-נאַלער גוואַרדיע, לאַפאַיעט פאַרמאַכט די צייטונג. מיט גרויס מי איז געלונגען מאַראַטן זי שפּעטער ווידער אַרויסצוגעבן.

דער פאַרבאָט פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז שפּעטער פּראָק-לאַמירט געוואָרן אַלס געזעץ (Loi chapellier) דעם 14-טן יוני 1791. די אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט אויך אין דער צייט אַרויס-גערופן אַ רייע לוין-באַוועגונגען ווי אין דער בוי-אינדוסטריע אין פּאַריז. און דאָס אַלץ וואָלט געוויס געבראַכט צו פאַרשאַרפטע באַציונגען אין דריטן שטאַנד גופא, ווען עס וואָלטן נישט אונטערגעקומען די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די בישאָפן און די אַריסטאָקראַטן, וואָס זיינען נישט געווען צופרידן מיט דער באַפרייאונג פון די פויערים און מיטן צונעמען ביי דער קירכע דעם באָדן-אייגנטום. די אַקטיוויטעט פון די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע כוחות האָט געוואַקסן אין אַ גרויסער מאָס, סיי די בורזשואַזיע און סיי די אַרבעטער און פויערים, זיך צו דערנענ-טערן אויף אַ געוויסע צייט, כדי געמיינזאַם אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא. דאָס איז אויך געווען די סיבה דערפון, וואָס די פאָלקס-פאַרטרעטער זיינען אַלץ געגאַנגען אויף לינקס; אגב האָט אויך די בורזשואַזיע, היסטאָריש געמוזט גיין אויף הנחות לגבי דעם פּראָלע-טאַריאַט, בכדי נישט צו פאַרלירן דעם פאַרבינדטן, וואָס האָט פאַר איר אַזוי פיל קרבנות געבראַכט און פאַרהעלטניסמעסיק אַזוי וויניק געפאָ-דערט. די בורזשואַזי איז אָבער אַזוי לאַנג איינגעגאַנגען אויף הנחות, כל זמן זי האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרזיכערט קעגן פעאָדאַליזם; ווי באַלד די בורזשואַזיע האָט געזיכערט איר הערשאַפט, איז זי אַרויסגע-טרעטן קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, וועמעס באַוואוסטזיין עס האָט אָנגע-הויבן וואַקסן. דער מאַר האָט זיינס אָפּגעטון, און די בורזשואַזיע האָט זיך געפּראווועט באַפרייען פון אים.

ג) די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג.

דער צוזאַמענשטעל פון דער געזעצגעבערישער נאַציאָנאַלער פאַר-זאַמלונג, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמ-לונג, איז געווען לחלוטין אַן אַנדערער ווי פון דער לעצטער. דער

פּרואוו צו אַנטלויפֿן מצד דעם קייזער, די אינטריגען פֿון די אַריסטאָקראַטישע עמיגראַנטן, וואָס זייגען אויסן געווען אויפֿצוהעצן גאַנץ אייראָפּע קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פֿראַנקרייך, די פֿאַרשווערונגען מצד די גרויסע בישאָפֿן, די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פּרואוון אין לאַנד גופֿא, האָבן שטאַרק דעמאָקראַטיזירט און רעוואָלוציאָניזירט די באַפֿעלקערונג. דערביי האָט דער געענדערטער וואַל-מאָדוס אַריינגעבראַכט אַ סך פּויערים-פֿאָרשטייער אין דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג. קיין אַריסטאָקראַט איז שוין נישט געלונגען אַריינצוקומען אַהין. די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס האָט געבילדעט אין דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג דעם מעסיקן צענטרום, איז איצט געוואָרן דער עקסטרעמער רעכטער פֿליגל פֿון דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג. צו די דאָזיקע געמעסיקטע דעמאָקראַטן האָט געהערט אַ גרויסע גרופּע פֿון גלענצנדע געלערנטע און רעדנער, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון דער געגנט זשיראָנדאַ, צוליב וואָס די גרופּע האָט באַקומען דעם נאָמען זשיראָנדיסטן. די דאָזיקע גרופּע איז על פּי רוב באַשטאַנען פֿון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ; די לעצטע, פֿאַרטרעטנדיק די קלאַסן-אינטערעסן פֿון בירגערטום, איז אָבער איינזייטיק געווען גאַנץ דעמאָקראַטיש, דאָס אַנטשפּרעכט דעם געזעלשאַפֿטלעכן אָרט פֿון דער אינטעליגענץ בכלל, וואָס נעמט אַריין אין זיך איינזייטיק אמת׳ע בורזשואַזיע און אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער. דער נישט-אויסגעשפּראָכענער קלאַסן-כאַראַקטער פֿון דער אינטעליגענץ מאַכט איר פֿון איין זייט נוטה צו פֿאַרשידענע אינטעליגענטישע טעאָריעס און פֿון דער אַנדערער זייט איז ער גורם איר אומפֿעיקייט צו אַקטיווע אַנטשלאָסענע מעשים. צו די זשיראָנדיסטן האָבן אויך געהערט די אינדיווידואַליסטן — די פֿאַרביסענע פֿאַרטיידיקער פֿון דער פּערזענלעכער פֿרייהייט, וואָס האָבן געזען אין אַלע קאָמוניסטישע אידייען אַ פּראָוו מצד דעם כלל זיך אַריינצומישן אין די ענינים פֿון דעם אינדיווידואום און אונטערדריקן אויף אַזאַ אופֿן די פּערזענלעכע פֿרייהייט.

דעם לינקן פֿליגל פֿון דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג האָבן געבילדעט די אויסגעשפּראָכענע רעפּובליקאַנער, וואָס זענען געווען נישט נאָר אויסגעשפּראָכענע קעגנער פֿון מאָנאַרכיזם און אַריסטאָקראַטיע, נאָר אויך פֿון דעם אומדעמאָקראַטישן וואַל-מאָדוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג. זיי האָבן געפֿאָדערט דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט, פֿולשטענדיקע פֿרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע בירגער. צו דער גרופּע האָבן געהערט ראָבעספּיער, דאַנטאָן, קאַמיל דעמולען און אויך מאַראַט, הגם דער לעצטער איז געווען פֿיל ראַדיקאַלער; פֿאַר די איבעריקע און געהאַט אַרום זיך אַ גרופּע מיט כמעט פּראָלעטאַרישע אָנשויאונגען.

די אָפּטע וואַלן, דאָס אינטענסיווערע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, ווי אין אַלע רעוואָלוציאָנערע עטאַפּן, האָט מיט אַ בליץ-שנעלקייט אַריינגעצויגן די ברייטסטע פֿאָלקסמאַסן אין פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יענער צייט אויסבילדן אויסערפּאַרלאַמענטאַרישע קלובן, וואָס האָבן אייגנטלעך אָנגעפֿירט מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון די דעפּוטאַטן. די פּאָליטישע קלובן זענען געווען כמעט אונזערע היינטיקע פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס גיבן די דירעקטיוון און באַשטימען די טאַקטיק פֿון די פּאַרלאַמענטאַרישע פֿראַקציעס. אַ דאַנק דעם איז די געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונג נישט געוואָרן אַ מין אָליגאַרכישע איינריכטונג, נאָר אַן אינסטיטוט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פֿאַרבינדונג מיט די פֿאָלקסמאַסן, וואָס האָבן אויף דעם אופֿן אויסגעאיבט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דער אַרבעט פֿון דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג. די פּאַרלאַמענטאַרישע קלובן האָבן נאָכן אָרט, וווּ די אויסערפּאַרלאַמענטאַרישע קלובן האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פֿאַרזאַמלונגען, באַקומען זייער נאָמען. דער גאָר רעכטער פֿליגל האָט באַקומען דעם נאָמען פֿעליאַנער, לויטן נאָמען פֿון אַ קלויסטער, וווּ ער פֿלעגט זיך צונויפֿקלייבן, די זשיראָנדיסטן און דער לינקער פֿליגל האָט באַקומען דעם נאָמען יאַקאָבינער אויך נאָך אַ קלויסטער. דער לינקער פֿליגל, די אָנהענגער פֿון ראָבעספּיערן האָבן געהייסן קאָרדעליערן און מאָנטאַניאַרן (דער לעצטער נאָמען, דערפֿאַר וואָס זיי זענען געזעסן אין דער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג אויף די העכערע בענק (דער באַרג אין פֿראַנצויזיש — monte).

דערווייל האָבן זיך אין פּאַריז גופֿא פֿאַרשאַרפֿט די באַציונגען. דער פֿאַרראַט פֿון קעניג האָט אויפֿגערעגט דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געשטורעמט די טוילעריי און גענומען אין טעמפּל געפֿאַנגען די קעניגלעכע פֿאַמיליע. עס האָט אָנגעהויבן פֿעלן ברויט און דער יקרות האָט געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. בכדי אָפּצווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פֿאָלק פֿון אינערלעכן צושטאַנד און בכדי צו הייבן די רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג פֿון די מאַסן, האָבן די זשיראָנדיסטן אַריינגעשלעפּט פֿראַנקרייך אין אויסערלעכע מלחמות, וואָר ס'איז לייכט געווען צו פּראָוואָצירן ביי דער גרייטקייט מצד די אייראָפּעאישע מאָנאַרכן צו דערשטיקן דאָס רעוואָלוציאָנערע פֿראַנקרייך.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס איז פֿריער באַשטאַנען פֿון דורכאויס בירגערלעכע עלעמענטן, איז איצט דעמאָקראַטיזירט געוואָרן. פֿון גאַנץ פֿראַנקרייך האָבן געשטראָמט קיין פּאַריז מחנות פֿון פּאַטריאָטיש-רעוואָלוציאָנער-געשטימטע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן ווי פֿרייוויליקע

אין דער אַרמײ. דאָס האָט געבראַכט אין פּאַריז גופא צו אַ ספּאָנטאַנער אויפֿרײצונג פֿון די מאַסן, וואָס האָבן געהארגעט ביז אַ 1000 ראָיאַליסטן, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון געפֿענגעניש. עס איז לײַכט צו פֿאַרשטײן די דאָזיקע ערשײַנונג, ווען מען ווערט זיך דערמאָנען, אַז די ראָיאַליסטן זענען געוועזן די פֿאַרבונדעטע פֿון די פֿײַנטלעכע מלוכות, וואָס האָבן זיך געגרײט צו דערשטיקן פֿראַנקרײַך. פֿון דער דאָזיקער בלוט-פֿאַרגיסונג האָבן זיך אַלע פּאַרטײען אָפּגעשאָקלט און אײן פּאַרטײ האָט באַשולדיגט אין איר די צווײטע. די אויפֿרעגונג פֿון די פּאָליטיקער איז געגאַנגען הויפּזעכלעך קעגן מאַראַטן. אין ווען מען האָט געזען דעם גײַסטיקן פֿאָטער פֿון דער בלוטפֿאַרגיסונג, אַ דאַנק אײַנעם פֿון זײַנע אַרטיקלען.

נאָך אַ גאַנצער רײ פֿון צײַטווײַליקע נצחונות פֿון דעם עסטרײַכישן מיליטער, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געוועזן אַ פּועל יוצא פֿון דעם פֿאַרראַט פֿון די ראָיאַליסטיש-געשטימטע גענעראַלן, איז דעם פֿראַנצויזישן מיליטער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל קעלערמאַן ענדלעך בעלונגען, דעם 20-טן סעפּטעמבער 1792, אָפּצוהאַלטן אַ גלענצענדן ניצחון לעבן באַלמי. פֿאַר דער רעוואָלוציע, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דער סכנה פֿאַרניכטעט צו ווערן מצד דער אײראָפּעאישער קאָנטר רעוואָלוציע, האָט דער ניצחון געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג.

געטע, וואָס האָט אָנטײל גענומען אין דער דאָזיקער שלאַכט אין דער דײַטשער אַרמײ, האָט שוין דאַן פֿאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצן די באַדײַטונג פֿון דעם דאָזיקן ניצחון פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און פֿאַר דער גאַנצער מענטשהײט: „פֿון הײַנט אָן הײבט זיך אָן אַ נײַע עפּאָכע אין דער וועלט-געשיכטע און איר קאָנט זאָגן, אַז איר זײַט דערבײַ געוועזן" — האָט ער געזאָגט צו זײַנע חברים.

אין גיכן נאָך דעם, האָט זיך די מלחמה פֿאַרענדיקט. אַ דאַנק אַ צווײטן ניצחון, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער פֿראַנצויזישער גענעראַל דימוריץ האָט אָפּגעהאַלטן נעבן זשעמאַף. דאָס רעוואָלוציאָנערע פֿראַנקרײַך האָט באַקומען אויף אַ געוויסע צײַט די מעגלעכקײט צו אַנטוויקלע- זיך אָן אויסערלעכע מניעות.

ד) דער קאָנווענט.

אין טאָג פֿון זיג בײַ באַלמי איז צונויפֿגעקומען דער קאָנווענט— די דריטע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז געוועזן נאָך ראַדיקאַלער געשטימט ווי די צווײטע, די געזעצגעבערישע. די לינקע זשיראָנדיסטן

מיט ברוסאָ בראש, דעם באַרימטן געלערנטן פאַנדאַרסער און דעם פריי־
ערדיקן מער פון פאַריז, פעטיאָן, וואָס איז געקומען אויף דעם אָרט
פון דעם צו ווייניק רעוואָלוציאָנערן באַלי, האָבן פאַרנומען דעם עקסט־
רעמסטן פליגל פון קאָנווענט. די מאָנטאַניאַרן מיט ראָבעספּיערן, דאַנטאָנען
און מאַראַטן בראש, זענען געווען דער לינקער פליגל, זיי זיינען אָבער
געוואָרן אַסאַך שטאַרקער אין צאָל, הגם אינערלעך האָבן זיך שוין גע־
לאָזט פילן רייבונגען; ספּעציעל מיט מאַראַטן. דער צענטער האָט פאַרנו־
מען די נישט־אָנטשידענע עלעמענטן מיטן אַבבאַט פיעס און אַדוואָקאַט
שאַניער בראש, הגם די זשיראָנדיסטן זענען געווען אין קאָנווענט
די שטאַרקסטע פּאַרטיי, האָבן דאָך דעם גרעסטן איינפלוס געהאַט די
מאָנטאַניאַרן, ווייל זיי זענען געוואָרן געשטיצט דורך דער רעוואָלוציאָ־
נערסטער קאָמונע — פּאַריז.

די מאָנטאַניאַרן האָבן געפאָדערט אַן אומגילטיקן משפט איבער
דעם קעניג און דערצו ווייטגייענדע סאָציאַלע רעפאָרמען. זיי זיינען
אָבער נאָך ווייט געווען פון קאָמוניזם. די מאָנטאַניאַרן האָבן, אדרבה,
פאַרטיידיקט דאָס קליינע פּריוואַטע אייגנטום און געפאָדערט נאָר די
פונאַנדערטיילונג פון דעם באָדן, וואָס האָט געהערט צו דער מלוכה און
צו די גייסטלעכע, צווישן די אָרעמע. דער אָנטשלאָסנסטער צווישן זיי איז
געווען העבערט, וועלכער האָט אין זיין בלאַט, „Pere Duchense“
געפּרעדיקט די ראַדיקאַלסטע אידייען. אין תוך אַריין האָט ער נאָר
אויסגעדריקט די שטימונגען פון דער פּאַריזער מאַסע. אָבער אַפילו
העבערט איז נישט דערגאַנגען צום קאָנסעקווענטן קאָמוניזם. ער האָט
געפאָדערט, אַז די מלוכה זאָל צונויפקויפן די גאַנצע רענטע און צוטיילן
זי צווישן די דעפּאַרטאַמענטן לויט דער צאָל פון די איינוואוינער. ער
האָט אויך געפאָדערט אַ גרויסן פּראָגרעסיוון הכנסה־שטייער. ער איז
שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן די פאָלקס־פאַרטרעטער, וואָס האָבן געדאַרפט
זאָרגן פאַרן פאָלק און האָבן להיפוך נישט פאַרבעסערט זיין לאַגע. מען
זעט אין העבערטס אָנשויאונגען צום טייל קאָמוניסטישע עלעמענטן. ער
קערט זיך נישט איין מאָל צוריק צום געדאַנק וועגן געמיינזאַמען באַ־
זיץ, ספּעציעל אויף גרונט און באָדן.

די מאַכט פון די זשיראָנדיסטן, ווי מיר האָבן עס געזען איז געווען
באַגרינדעט דערויף, וואָס זיי האָבן אין געהעריקן מאָמענט אַרויסגערופן
די אויסערלעכע מלחמות און דערמיט געהויבן דעם רעוואָלוציאָנערן
פּאַטריאָטיזם. די מלחמות האָבן אָבער געפאָדערט מענטשן און געלט.
די מלוכה־הוצאות זיינען אומגעהויער געוואַקסן, דאָס פּאַפּיר־געלט איז
געפאַלן אין פּרייז און דער יקרות איז נאָך מער געשטיגן, נאָר אַ דאַנק

דעם וואָס די גרויסע גוט-באַזיצער האָבן זיך נישט געאײַלט אויסצובייטן זייערע תבואות אויף ווייניק-ווערטיקע פּאַפּיר-אַסיגנאַציעס. די אויפרעגונג צווישן די פאָלקס-שיכטן איז געוואַקסן און אַנטשפּרעכנד צו דעם די סימפּאַטיע צו די מאָנטאַניאַרן. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם טויט-משפּט אויף לודוויק דעם XVI. די אַרבעטסלאָזיקייט, דער יקרות פון לעבנסמיטלען, דער הונגער, די אומגעלונגענע ווירטשאַפט, מיסברויכן פו באַאַמטן, אַנטווערטונג פון געלט — דאָס אַלץ האָט צעהיצט ביז גאָרן די אַטמאָספערע. די מאַסע האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט, אָפּשאַפונג פון דער צענזור און די סעקציעס. די זשיראָנדיסטן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם קאָפּ און נישט געוואוסט ווי אַזוי צו באַהערשן די סיטואַציע. דורך אַן אומגעלונגענער פּאָליטיק האָבן זיי גאָר מער אויפגעהעצט די פאָלקסמאַסן. אַזוי האָבן זיי באַשולדיקט די פּאַריזער קאָמונע, וואָס האָט פאַרזאָרגט די פּאַריזער באַפעלקערונג מיט שפּייז-מיטלען, אין פאַרשווענדונג פון מלוכה-געלטער. די דאָזיקע קריטישע לאַגע איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן דערמיט, וואָס די ראָיאַליסטן האָבן זי געפּראַוועט אויסנוצן פאַר זייערע צילן; עס איז זיי אויך געלונגען אויפצוהייבן וואַנדעיע קעגן דער רעוואָלוציע. די זשיראָנדיסטן האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דאָס מיטל, וואָס האָט זיי שוין אַמאָל געהאָלפן אין דער צייט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, דעם 1-טן פעברואַר 1793 האָבן זיי ערקלערט מלחמה ענגלאַנד און האָלאַנד.

דאָס מאָל האָט אָבער די מלחמה געהאַט גאָר אַנדערע פּועל יוצא׳ס פאַר די זשיראָנדיסטן. דער גענעראַל דימוריץ, אַ זשיראָנדיסט און מאָנאַרכיסט און דערפאַר אַ שונא פון די מאָנטאַניאַרן, האָט נאָך אַ ריי ניצחונות אין האָלאַנד, געליטן אַ שטאַרקע מפּלה פון די עסטרייכער און בעלגיער און איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרראַט: ווען די קאָמיסאַרן פון קאָנווענט זענען געקומען אין דער אַרמיי, האָבן זיי געפונען דעם גענעראַל דימוריץ באַשיצט פון עסטרייכישע הוזאַרן. אגב האָט ער אַליין מודה געווען, אַז ער האָט געהאַט בדעה צוריק אויפצושטעלן די ווייניק דעמאָקראַטישע פאַרפאַסונג פון יאָר 1791 און אַרויפזעצן אויפן טראָן פון פראַנקרייך דעם הערצאָג פון שאַרטר. ער איז אַנטלאָפן און זיין פאַרראַט האָט געוואָרפן אַ גרויסן שאָטן אויף זיין פּאַרטיי — די זשיראָנדיסטן, וואָס האָבן שוין לחלוטין פאַרלוירן יעדן צוטרוי פון פאָלק. פון דעם מאָמענט אָן ווערן די זשיראָנדיסטן די שונאים פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט באַהערשן. זייער פּאָליטישער איינפלוס פאַלט כסדר, זיי הויבן אָן אַלץ מער און מער אָפּטרעטן אויפן צווייטן פּלאַץ. די מאָנטאַניאַרן, געשטיצט דורך דער פּאַריזער קאָמונע,

וואָס איז תּמיד געווען רעוואָלוציאָנערער געשטימט פאַר דער פּראָווינץ, הויבן אָן צו באַקומען די איבערהאַנט אין קאָנווענט. אונטער זייער איינפלוס האָט דער קאָנווענט באַשטימט אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, וואָס האָט געמשפּט אַלע פאַרברעכערס קעגן דער פרייהייט און גלייכהייט פון די בירגער און קעגן דער איינהייט און אונטיילבאַרקייט פון דער רעפּובליק. דער טריבונאַל האָט געקאָנט, אָדער פאַרמשפּטן צום טויט, אָדער באַפרייען — קיין אַנדערע אורטיילן האָט ער נישט געקאָנט אַרויסטראָגן. די מאָנטאַניאַרן האָבן אויך אָנגעהויבן דורכפירן אין קאָנווענט ענדערונגען אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג. קודם כּל האָבן זיי געמוזט עפּעס טאָן בנוגע דעם יקרות. זיי האָבן פעסטגעשטעלט אַ מאַקסימאַלן פּרייז פאַר די פּראָדוקטן און אַ מינימאַלן פּרייז פאַר אַרבעטער-שׂכירות. אַ סך ברייטערע פאָרמען האָט אָנגענומען די אַגראַרע געזעצגעבונג, ווייל סיי די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און סיי די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָבן איבערגעלאָזן אַ סך לאַסטן אויף די פּויערים אין באַציאונג צו די פּריצים. יעטוועדער פּרוּוו אָפּצושאַפן אַ וואָסערע נישט איז פאַרפליכטונגען פון פּויערים לגבי די פּריצים, וואָלט אַלע מאָל אַרויסגערופן פּראָטעסטן מצד דער בורזשואַזיע; פאַר איר איז יעדער פּרוּוו צו ענדערן דורכן געזעץ די אייגנטומס-פאַרהעלטענישן געווען קאָמוניזם. דער קאָנווענט האָט עפּעס געמוזט אויפטאָן אויף דעם געביט. צו יענער צייט איז ערשינען אַ בוך פון דאַליוויע, וועלכער האָט געפאָדערט די גלייכע פאַנאַנדערטיילונג פון באָדן צווישן אַלע פאַמיליעס. מיט אַ טייל פון באָדן, וואָס האָט געהערט צו דער מלוכה, האָט מען טאַקע געפּרוּווט אויספירן דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

נאָך דעם פאַראַט פון דימוריעץ און אַ דאַנק די שטאַרקע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, האָט דער קאָנווענט באַשאַפן אַ מין דיקטאַטור-קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון ניין מיטגלידער, צווישן זיי, דאַנטאָן און קוטאָ. ראָבעספּיער איז שפּעטער אַרײַן. אָבער די גרויסע צאָל דיקטאַטאָרן האָט אָפּגעשוואַכט די ענערגיע פון דער רעגירונג.

די זשיראָנדיסטן, פילנדיק ווי די ממשלה גליטשט זיך אַרויס פון זייערע הענט, האָבן אָנגעהויבן מאַכן איין אומבאַרעכנטן שריט נאָכן אַנדערן, דאָס האָט זיי געבראַכט סוף כּל סוף צום עשאַפאָט. קודם כּל האָבן זיי אָנגעגריפן זייער ערגסטן שונא מאַראַטן, וועלכן ס'איז זיי געלונגען צו שטעלן פאַר אַ געריכט, אונטער דער באַשולדיקונג אין האָכפאַראַט. הגם דאָס געריכט איז באַשטאַנען פון בלויז זשיראָנדיסטן, איז אָבער מאַראַט איינשטימיק פרייגעשפּראָכן געוואָרן און די באַשולדיקונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן טריומף פון דעם פאָלקס-ליבלינג.

די אויסערלעכע לאַגע איז געווען זייער אומגינסטיק און די מאָנ־טאַניאַרן האָבן זיך גענזעען געצוואונגען פאַרצוגיין מיט דער גרעסטער שאַרפקייט קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע בכלל און וואַנדעיע בפרט. אַלע פּריצים און גייסטלעכע פון וואַנדעיע, וואָס האָבן גענומען אַן אַנטייל אינם אויפשטאַנד, זענען ערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ. די זשיראָנ־דיסטן זענען אַרויסגעטרעטן קעגן די דאָזיקע אַנטשיידענע מעשים פון די דעמאָקראַטן און קעגן די ראַדיקאַלע זשורנאַליסטן און האָבן אפילו אַרעסטירט דעם ליבלינג פון פּאַריזער קאָמונע העבערטן. אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די מאָנטאַניאַרן איז ער באַפרייט געוואָרן, אָבער די חוצפה פון די זשיראָנדיסטן האָבן איבערגעפולט די מאָס און דאָס באַוואָפנטע פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון די באַאַמטן פון דער פּאַריזער קאָמו־נע האָט געצוואונגען דעם קאָנווענט אָנצונעמען זייער פאָדערונג, וואָס מאַראַט האָט פאַרטיידיקט און אויסגעשלאָסן 22 זשיראָנדיסטן און שפּע־טער זיי אַרעסטירן (22־טן יוני).

אַזוי זיינען אויף אַ צייט אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע די זשיראָנדיסטן, די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָבן געשטרעבט נאָר צום אָפּשאַפן דעם אַבסאָלוטיזם, דאָס אַפּטרופּסות פון פּריצים און גייסטלעכע, וואָס האָבן געשטערט די אַנטוויקלונג פונם אויפשטייגנדן קאַפּיטאַליזם; זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אָפּשאַפן דאָס קעניגטום בכלל, און האָבן געקעמפט קעגן דער ברייטער סאָציאַלער געזעצגעבונג, קעגן דעם צו שטאַרקן אָנרירן דאָס פעאָדאַלע אייגנטום, קעגן דעם ברייטן דעמאָקראַטיזם. דערפאַר האָט דאָס לעבן זיי אַריבערגעוואַקסן און אָפּגעשווענקט זיי פון דער פּאָלישער אַרענע.

די מאַכט איז איבערגעגאַנגען אויסשליסלעך צו די מאָנטאַניאַרן

ה. דער טעראָר.

די מאָנטאַניאַרן האָבן אָנגעהויבן צו רעגירן מיט אַן אייזערנער האַנט. די בירגערלעכע היסטאָריקער שטעלן פאָר די צייט, ווי אַ שרעק־לעכע טעראָריסטישע הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט. יעדער מאָנטאַניאַר ווערט געשילדערט ווי אַ בלוט־הונט. אויב די אַכזריות פון די מאָנ־טאַניאַרן איז באמת אַ פאַקט, וואָס געפינט איר באַרעכטיקונג און דער מסוכנער אויסערלעכער און אינערלעכער לאַגע פון דער רעפּובליק, איז אָבער דאָס נישט געווען בשום אופן די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך כלומרשט בלויז נוקם געווען אין זייערע קלאַסן־שונאים. די מאָנטאַניאַרן, אַלס אַ געשלאָסענע גרופּע, זענען געווען גאַנץ ווייט

פון קאָמוניזם; דער הויפּט-דיקטאַטאָר פון יענער צייט — ראָבעספּיער איז געווען דער אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פון פּריוואַט-אייגנטום. אַלע דעקרעטן פון יענער צייט טראָגן אין בעסטן פאַל אַ קליינבירגערלעכן קליין-פּויערשן כאַראַקטער, אָבער נישט מער. דערביי איז ווערט צו באַמערקן, אַז פון 2750 גיליאָטינירטע אין פּאַריז, האָבן נאָר 650 געהערט צו די באַזיצנדע קלאַסן און די איבעריקע האָבן געהערט צו די אָרימסטע שיכטן — צום פּראָלעטאַריאַט. אויך אין דער פּראָווינץ איז דאָס בילד אַ גלייכס: נאָר 20 פּראָצענט פון די גיליאָטינירטע האָבן געהערט צו די באַזיצנדע קלאַסן.

די אויסערלעכע לאַגע פון דער רעפּובליק איז געווען זייער שווער; ענגלאַנד און שפּאַניע האָבן בלאָקירט פראַנקרייך פון ים; דריי ראָיאַליסטישע אַרמייען, יעדע צו 12.000 מאַן, זענען געווען אין לאַנד גופא. אַ גאַנצע ריי פון דעפּאַרטאַמענטן פון דרום און צפון מיט די שטעט באָרדאָ, טולוזא, מאַרסעל, טוליאָן און ליאָן, זענען אויפגעשטאַנען צו פאַרטייִקן די געפאַלענע זשיראָנדיסטן. נאָר אַ פעסטע האַנט האָט געקאָנט העלפן דער רעוואָלוציע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ריי פון טויט-שטראָפן קעגן אַלע שוואַנקנדיקע און צווייפלהאַפטע רעפּובליקאַנער. אין דער זעלבער צייט האָבן די מאָנטאַניאַרן געפונען צייט דורכצופירן אין קאָנווענט אַ נייע קאָנסטיטוציע (1793) — וואָס האָט בולט אַרויסגעוויזן זייער דעמאָקראַטיזם און קליינבירגערלעכקייט. לויט דער קאָנסטיטוציע איז איינגעפירט געוואָרן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט פאַר אַלע בירגער פון 21 יאָר. יעדן ערשטן מאַי קלויבן יעדע 50.000 בירגער איין דעפּוטאַט. איבערן לאַנד רעגירט די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג און קאָמיסיעס וואָס זענען דורך איר געוויילט, דאָס פאָלק האָט דאָס וואַל-רעכט דורך אַלגעמיינע פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, די געזעלשאַפט האָט די פליכט צו באַזאָרגן אַלע בירגער מיט אַרבעט און דערנערונגס-מיטלען. די פאַרפאַסונג איז אָבער מיט דער הסכמה פון די דעפּאַרטאַמענטן און געמיינדעס אויף דער אויסנאַם-צייט סוספּענדירט געוואָרן. צוליב דעם זעלביקן אויסנאַם-צושטאַנד איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די דיקטאַטאָרישע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אַריין ראָבעספּיער און קאַרנאָ.

אין דער זעלבער צייט איז מאַראַט געהאַרגעט געוואָרן דורך אַ היסטערישער זשיראָנדיסטין. זיין צייטונג האָט געפּרוּווט ווייטער אַרויסצוגעבן זשאַק רוקס. ראָבעספּיער איז געוואָרן דער איינציקער דיקטאַטאָר וואָס האָט געהאַט די סימפּאַטיע פון פאָלק.

די דאָזיקע פּאָליטישע סיטואַציע, האָט ווייניק געקאָנט מיטהעלפן צו פאַרבעסערן די קריטישע ווירטשאַפטלעכע לאַגע. פון ענגלאַנד זיינען

אַריינגעקומען אַ מאַסע פאַלשע אַסיגנאַציעס, וואָס האָבן נאָך מער דער-
בידעריקט דעם פּרייז פון דעם פּאַפּירענעם געלט. דער יקרות איז געשטיגן,
דער האַנדל האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט, די ספּעקולאַציע און וואוכער
איז געוואַקסן, די שכירות האָבן זיך פאַרקלענערט און דערצו זיינען זיי
אויסגעצאָלט געוואָרן אין אַסיגנאַציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּן קויפ-
ווערט. דאָס דורכפירן פון מאַקסימאַל-פּרייז האָט זיך אָנגעשטויסן אויף
אַזעלכע מניעות, אַז עס איז אַפילו אויפגעשוואומען אַ געדאַנק צו סאָ-
ציאַליזירן דעם האַנדל מיט לעבנס-מיטל. די מיניסטאָרן וואָס האָבן אָנגע-
פירט דעם קאַמף מיט דער אינערלעכער קאָנטער-רעוואָלוציע און מיט
דעם אויסערלעכן שונא האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט אַ בריי-
טער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואַקסן פון טאָג
צו טאָג. דאָס עלנט, אָרימקייט, הונגער האָט אָנגענומען שרעקלעכע פאַר-
מעסטן. בכדי צו געבן אַ באַשעפטיקונג דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט, האָט
דער קאָנווענט ספּעציעל געבילדעט אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון זעקס
טויזנט מאַן מיט אַ טעגלעכן לוין פון 2 פראַנק. אויך דאָס אָנטיילנעמען
אין די סעקציע-פאַרזאַמלונגען, האָט די רעגירונג באַצאָלט צו 2 פראַנק
אַ טאָג. אַ דאַנק זייערע באַמיונגען צו לינדערן די נויט, האָבן די מאָנ-
טאַניאָרן געוואונען גרויסע סימפּאַטיעס ביי דער פּאַריזער באַפעלקערונג.

ביי אַזעלכע אויסערלעכע און אינערלעכע צושטאַנדן האָט גע-
הערשט דער טעראָר, קאָרנאָ האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד און די
זשיראָנדיסטישע דעפּאַרטאַמענטן און אַסאַך שטעט זיינען ממש צושטערט
געוואָרן. אין פּאַריז גופא איז יעדער פאַרדעכטיקער מענש גיליאָטינירט
געוואָרן. דעם 15-טן אָקטאָבער האָט באַשטיגן דעם עשאַפאָט מאַריאַ
אַנטואַנעטאַ. דעם 31-טן אָקטאָבער זיינען גיליאָטינירט געוואָרן די זשי-
ראָנדיסטן, צווישן זיי אויך דער געוועזענער מער פון פּאַריז-באַלי.

אין סוף פון 1793 האָט זיך פאַרבעסערט די אויסערלעכע לאַגע.
אַלע אָנפאַלן פון די אויסערלעכע שונאים זיינען אָפּגעשלאָגן געוואָרן.
און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן סכסוכים און רייבונגען אינערהאַלב פון די
מאָנטאַניאָרן גופא, די פּאַריזער גרופּע האָט געבילדעט די ראַדיקאַלסטע
ריכטונג; זי איז געשטאַנען אַם נאָנסטן צו אַ פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט.
דאָרט האָבן געהערשט די העבערטיסטן, העבערט אַליין, שאָמעט און
אַנדערע. צוזאַמען מיט זיי האָט געאַרבעט דער מאַטעריאַליסט און אויס-
געשפּראָכענער אַטעאיסט קלאָץ. ווי לאַנג מאַראַט האָט געלעבט, האָט
ער, וואָס איז געווען ווייט פון אַטעאיזם, אַליין געווירקט אויף זיין גרופּע.
נאָך זיין טויט האָבן די העבערטיסטן זיך באַגייסטערט מיט קלאָצס אַטעאיזם
און דעם 18-טן אָקטאָבער זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די קריסטלעכע

רעליגיעזע צערעמאָניעס אין פּאַריז. אונטער דעם איינפלוס פון העבערטן און שאָמעטן, איז דער אַרכיבישאָף פון פּאַריז געקומען דעם 7-טן נאָוועמבער אין קאָנווענט: און האָט ערקלערט: „איך בין געווען בישאָף, ווען דאָס פאָלק האָט געוואָלט האָבן בישאָפן; איך הער אויף צו זיין בישאָף, ווייל דאָס פאָלק וויל שוין מער נישט האָבן קיין בישאָפן". אָבער בכדי צו באַפרידיקן די בטיעות פון פאָלק צו פייערלעכע צערעמאָניעס, האָבן די העבערטיסטן איינגעפירט דעם קולט פון שכל — פאַרנונפט. עס איז נישט ריכטיק וואָס די בירגערלעכע היסטאָריקער דערציילן וועגן דער אוממאָראַליטעט, וואָס איז כלומרשט געווען אַ פּועל-יוצא פון אָפּשאַפן דעם קריסטלעכן קולט. אדרבה, דער קאָנווענט האָט אַפילו אָנגענומען אַ פאָרשלאָג אויסצווייזן אַלע פּראָסטיטואירטע פון דער רעפּובליק, ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט אויספירן און איז געקומען צו הילף אויף דעם געביט נאָר מיט דער איינריכטונג פון שפּיטאָלן פאַר די פּראָסטיטואירטע, וואָס האָבן פריער נישט געהאַט קיין צוטריט צו די שפּיטאָלן, און האָט איינגעפירט אַנדערע שוץ-מיטל.

די אָנשויאונג פון די העבערטיסטן, וואָס זענען שוין געווען נאָענט צום קאָמוניזם, ווי למשל די אָבליגאַטאָרישע בילדונג, די אָנווייזונגען אויפן געמיינזאַמען לעבן פון די מוראַשקעס, דער אויסגעשפּראָכענער, ווייט-גייענדער דעמאָקראַטיזם האָבן געמוזט געפינען אַ קעגנער אין ראָבעספּיערן — דעם אָנהענגער פון פּריוואַט-אייגנטום — וואָס האָט אַגב אין דעם וואַקסנדן איינפלוס פון די העבערטיסטן, געזען אַ סכנה פאַר זיין דיקטאַטאָרישער „טוגענדהאַפטער" מלוכה און פאַר זיין פּערזענלעכער דיקטאַטור. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך צו יענער צייט געבילדעט אַ רעכטער פליגל פון די מאָנטאַניאַרן מיט דאַנטאָנען און דעמולין בראש, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם שרעקלעכן טעראָר. באַדראָט פון רעכטס און פון לינקס האָט ראָבעספּיער באַשלאָסן זיך צו באַפרייען פון די ביידע פליגלען.

ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אַטעאיזם פון די העבערטיסטן; ער האָט געטענה'ט „דער אַטעאיזם איז אַריסטאָקראַטיש; זאָל גאָט נישט עקזיסטירן, וואָלט מען אים געדאַרפט אויסטראַכטן" (דאָס באַרימטע וואָרט פון וואָלטערן). דערצו האָבן, ווי עס ווייזט אויס, די העבערטיסטן געפּלאַנט אַ פאַרשווערונג, בכדי לכתחילה אָפּצושלאָגן ראָבעספּיערס אָנגריף. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייטן ראָבעספּיערן צו אַרעסטירן די העבערטיסטן און ברענגען זיי דעם 24-טן מערץ צום עשאַפאָט. גלייך דערמיט איז אויפגעלעזט געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די העבערטיסטן, ווי עס זיינען בכלל אָפּגעשאַפט

געוואָרן אַלע דעקרעטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די הער־בערטיסטן לטובת דעם הונגערנדיקן פאָלק. אַנשטאָט לעבנס־מיטלען און אונטערשטיצונגען פון צייט צו צייט, האָט די פּאַריזער באַפעלקערונג אָנגעהויבן פילן איבער זיך נאָר אַ שווערע פּויסט. ראָבעספּיער האָט גע־האַלטן, אַז די רעוואָלוציע דאַרף זיך ווייטער נישט אַנטוויקלען און אַז יעטוועדע ערנסטער סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע אויפהייבונג פון די פאָלקס־שיכטן, קען נאָר ברענגען צו אַנאַרכיע, אָבער בכדי צו באַפעסטיקן זיין דיקטאַטור האָט ראָבעספּיער געמוזט נאָך די העבערטיסטן באַזייטיקן אויך די רעכטע, די דאַנטאָניסטן; אויך זיי האָבן געענדיקט אויף דער גיליאָטינע. אַזוי האָט זיך ראָבעספּיער פולשטענדיק איזאָלירט פון רעכטס און לינקס און געבליבן נאָר מיט זיינע טרייע פריינט — סען־זשוסט און קוטאָן.

דער טריאומוויראַט האָט געוואָלט איינאָרדנען אַ לאַנדווירטשאַפט־לעכע מלוכה, וואו יעדער בירגער באַקומט אַ שטיק באָדן אָדער אַרבעט די דערציונג פון קינדער, די פאַרזאָרגונג פון קראַנקע און זקנים גע־הערט צו דער מלוכה. דערמיט איז אָבער נישט אָפּגעשוואַכט די אָרעמקייט צווישן די מאַסן. די מלוכה האָט זיך נעגייטיקט אין אַ סך געלט. דאָס האָט זי געקאָנט באַקומען פון די שטייערן, וואָס זיינען אָבער זער וויי־ניק אַריינגעקומען אין דער מלוכה־קאַסע, אַ דאַנק דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס. די רעגירונג האָט זיך אויסגעהאַלטן מיט דרוקן אַלץ נייע מאַס אַסיגנאַציעס, און דאָס האָט אָבער נאָך פאַרערגערט די לאַגע. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז, בעת ראָבעספּיער בלייבנדיק אַליין, האָט גע־פּראַוווט רופן צו הילף די פאָרשטאָטן פון פּאַריז, האָט ער באַקומען אַ תשובה: „מיר שטאַרבן פון הונגער און איר ווילט אונז שפּייזן מיט טויט־שטראָפן”.

ראָבעספּיער האָט זיך געפילט נישט זיכער. פּראָווונדיק צו באַפעס־טיקן זיין לאַגע האָט ער געוואָלט רעפאָרמירן דעם רעוואָלוציאָנערן טרי־בונאַל אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָלן דאָרט נישט זיין קיין אַדוואָקאַטן און קיין עדות זאָלן נישט אויסגעהערט ווערן. דאַן וואָלט דער טריבו־נאַל געווען אין זיינע הענט, ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער גע־שיקט אויפן עשאַפאָט אַפילו אָן אַ פאָרמעלן געריכט. און הגם דער גאַנ־צער קאָנווענט האָט זיך אקעגן דעם אַנטקייגן געשטעלט, האָט ראָבעס־פּיער באַוויזן אין 45 טעג דורכצופירן 1285 טויט־שטראָפן. דער דאָזיקער טעראָר האָט אויפגעבראַכט דעם קאָנווענט, די איבערגעבליבענע דאַנטאָ־ניסטן האָבן זיך פאַרייניקט מיט די רעשטלעך פון די העבערטיסטן און בכלל מיט אַלע שונאים פון דעם דיקטאַטאָר. דעם 27־טן יולי 1797

(דעם ניינטן טערמידאָר פֿון יאָר II) איז געקומען אין קאָנווענט צו אַ גרויסן קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ראָבעספּיער און זיינע אָנהענגער האָט מען אַרעסטירט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען באַפֿרייט געוואָרן דורך אַ טייל פּאַריזער קאָמונאַרן — טעראָריסטן, איז ראָבעספּיער מיט זיינע פֿריינט סך-הכּל 20 מאַן דאָך גילאָטינירט געוואָרן דעם 28-טן יולי, און דעם 29-טן יולי זענען גילאָטינירט געוואָרן ווייטערע 80 פֿריינד ראָבעספּיערס פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. אַזוי האָט זיך געענדיקט די עפּאָכע פֿון טעראָר.

די שווערע אויסערלעכע לאַגע האָט געצוואונגען די רעוואָלוציע צו האָבן אַ דיקטאַטאָר, ווען די לאַגע האָט זיך פֿאַרבעסערט, איז דער דיקטאַטאָר געוואָרן איבעריק און געמוזט אַראָפּגיין פֿון דער אַרענע.

ו. די טערמידאָריסטן און דאָס דירעקטאָריום.

מיט דעם ניצחון פֿון די אַזוי גערופֿענע „טערמידאָריסטן“ איבער ראָבעספּיערן — הויבט זיך אָן אַ פּעריאָד פֿון דער רעאַקציע, וואָס איז אַלץ געגאַנגען crescendo: דער הונגער און נויט האָט אין פּאַריז נישט אויפֿגעהערט, נאָר אדרבה, ער האָט זיך פֿאַרשטאַרקט — אַ דאַנק דעם ניצחון איבער ראָבעספּיערן זיינען ווידער געקומען צו דער מאַכט די זשיראָנדיסטן, וואָס זיינען צוריקגעקומען אין קאָנווענט. זיי, די אָנהענגער פֿון דער אַבסאָלוטער פֿרייהייט, זיינען געווען די פֿאַרביסנסטע קעגנער פֿון דעם, אַז די מלוכה זאָל אויף וועלכן נישט איז אופֿן אַריינמישן זיך אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן און שטערן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. באַזונדערס איז זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז דער געזעץ וועגן מינימאַלן לוין, וועלכן זיי האָבן טאַקע גלייך אָפּגעשאַפֿט. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרגרעסערט די אַרבעטסלאָזיקייט און דעם עלנט פֿון די מאַסן. די מאָנטאַניאַרן, האָבן זיך באמת אויסגענוצט די דאָזיקע לאַגע און געפּרוּווט אַרויסרופֿן מאַסן-אויפֿשטאַנדן קעגן דעם קאָנווענט. אַזוי האָבן זיך טאַקע דעם 20-טן מערץ 1795 אויפֿגעהויבן די פֿאַרשטאָטן פֿון פּאַריז אונטער דעם לאָזונג: „ברויט און די פֿאַרפֿאַסונג פֿון 1793“. מיט דער הילף פֿון דער אָרגאַניזירטער יוגנט פֿון דער רייכער בורזשואַזיע דער אַזוי גערופֿענער „Jeunesse dorée“ האָט דער קאָנווענט צוטריבן די מאַסן און ערקלערט אַז די פֿאַרפֿאַסונג פֿון 1793 איז „נישט דעמאָקראַטיש“: דעם 1-טן אַפּריל איז ווידער אַריינגעקומען אין קאָנווענט אַ באַהאַפֿנטע מאַסע פּראָלעטאַריער און געפֿאָדערט ברויט, זי איז ווידער צוטריבן געוואָרן דורך דער בורזשואַזער יוגנט, דערביי זיינען פֿאַרמשפּט

געוואָרן צו טורמע-שטראָפן און צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אַ גאַנצע רייע פון מאָנטאַניאַרן, וואָס מען האָט חושד געווען אין אָנטיילנעמען אין דעם אויפשטאַנד.

אין מאַי האָט מען די ברויט-פּראָצעס, וואָס זיינען פריער אין דער גרויס פון איין פונט פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג פאַרקלענערט אויף אַ האַלב פונט. דאָס האָט איבערגעפולט די מאָס און דעם 20-טן מאַי זיינען די אַרבעטער פון די פּאַריזער פאָרשטאָטן ווידער מיט וואָפן אין די הענט אריינגעדרונגען אין קאָנווענט, דאָס מאָל איז נישט געלונגען זיי תיכף אַרויסצושטויסן. אונטער דעם דרוק פון דער באַוואָפנ-טער מאַסע האָט דער קאָנווענט אָפּגעשאַפט אַלע זיינע קאָמיסיעס און אויסגעקליבן איין אויספיר-קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּאַטריי-ענט-מענער פון פאָלק. אָבער באַלד זיינען די דאָזיקע הנחות צוריק גענומען געוואָרן. מען האָט די מאַסע באַרויקט מיט פוסטע הבטחות ביז עס זיינען געקומען קיין פּאַריז די מיליטער-אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען טריי דעם קאָנווענט און אַנטוואָפנט דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. זעקס מאָנטאַניאַרן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. זיי האָבן זיך אָבער פריער אַליין גענומען דאָס לעבן. פון דאַן אָן איז דער פּראָלע-טאַריאַט אייגנטלעך אַראָפּגעגאַנגען פון דער פּאָליטישער אַרענע אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער טרייב-כּוח.

אין דער זעלבער צייט האָט דער קאָנווענט פּראָקלאַמירט די רע-ליגיעזע טאָלעראַנץ, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן די אָפּשאַפונג פון דעם פאַרנונפט-קולט און די ווידעראיינפירונג פון דער קאַטוילישער קירכע.

די אָרעמע מאַסע איז געווען צעשלאָגן דורך דער האַרטער פויסט. די דאָרפישע באַפעלקערונג איז געוואָרן פאַרמאַטערט און אַפּאַטיש. און אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז דער קאָנווענט האָט אין יאָר 1795 אָנגענומען אַ נייע פאַרפאַסונג, לויט וועלכער די וואַלן צו דער נייער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג מיט צוויי פּאַלאַטן דאַרפן פאָרקומען אין צוויי קוריעס און מיט אַ הויכן צענז. דעם 5-טן נאָוועמבער איז צונויפגעקומען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטאַנען פון $^2/_3$ מיטגלידער פון דער פריערדיקער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג; די פאַרזאַמלונג האָט אויסגע-קליבן אַ דירעקטאָריום פון 5 מיטגלידער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן בראש פון דער מלוכה. און אָנגעהויבן רעגירן אויפן רעאַקציאָנערסטן אופן, אָן ריקזיכט פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן. די אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער זיינען דערווייל געשטיגן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ריי פון שטרייקן, וואָס האָבן געדויערט פון דעצעמבער 1795 ביז זומער 1796 און זיינען דערשטיקט געוואָרן דורך דער מאַכט.

צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן אַ מענטש וואָס איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און טעטיקייט, כמעט אין מאָדערנעם זין; דאָס איז געווען גראַקך באַבעף.

ז. גראַקך באַבעף און דער עפּילאָג פון דער רעוואָלוציע.

גראַקך באַבעף איז געווען נישט נאָר אַ סאָציאַליסט אין היינטיקן זין פון וואָרט, הגם פיל מאָל איז ניכּר ביי אים דער נאַאיווער אוטאָפּיזם פון מיטלאַלטער. ער האָט אויך געגרינדעט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געזאָלט דורכפירן אין לעבן זיינע אַנשויאונגען. ער האָט איינגנטלעך געהייסן פראַנסואַ נאָעל, זיין פּסעוודאָנים, אָנגעשטרעבנד דער מאָדע פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט, האָט געשטאַמט פון דער רוימישער געשיכטע. ער איז געבוירן אין 1760 ביי אָרעמע עלטערן. אין יאָר 1786 האָט ער שוין פאַרעפנטלעכט אַן אַנאָנימע בראָשור קעגן די פּריווילעגיעס פון מיליטער און די פּריצים. באַלד נאָך דעם, הויבט ער אָן אַרויסצוזאָגן זיינע קאָמוניסטישע אַנשויאונגען. דערווייל נאָך אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק מעסיקער פאָרם אין זיינע בריוו צום סעקרעטאַר פון דער אַקאַדעמיע אין אַראַס. אין די בריוו טרעט ער אַרויס פאַרן געמיינשאַפטלעכן באַזיץ פון באָדן און פאַר דער אַלגעמיינער גלייכהייט פון אַלע בירגער. ער פאָדערט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט און דאָס פאַרבייטן פון אַלע שטייערן דורך איין גרינטלעכן שטייער פון פאַרמעגן און באָדן. פאַר זיין בראָשור וואָס האָט אַגיטירט ביי זיינע מיטבירגער אין ראַיאָן צו נישט אָנערקענען דעם שטייער אויף געטראַנקען, האָט מען אים אַרעסטירט, אָבער אַ דאַנק מאַראַטן איז ער באַפרייט געוואָרן. קומענדיק נאָך אַ צווייטן פּראָצעס אין פּאַריז איז ער אַ דאַנק זיין נאָנטער באַקאַנטשאַפט מיטן אַטעאיסט סילווען מאַרעשאַל געוואָרן אַ באַאַמטער ביי דער פאַרוואַלטונג פון לעבנס־מיטלען, וועלכע האָט אַ סך געהאָלפן מיט איר איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון די פּאַריזער אַרבעטער. אין דער צייט פון די טערמידאָריסטן, האָט ער אַפילו זיי פאַרטיידיקט קעגן ראָבעספּיערן, אָבער ער האָט גיך פאַרשטאַנען זיין טעות. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן די צייטונג: „Journal de la Liberté de la Presse" וואָס האָט געהאַט דעם מאָטאָ: „דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז דאָס אַלגעמיינע גליק". מיט אַ יאָר שפּעטער הייסט זיין צייטונג „Tribun du peuple" (פאָלקסטריבון). אין איר טרעט ער ענערגיש אַרויס קעגן דער דאַן אַלץ שטייגנדער רעאַקציע. אין יאָר 1795 האָט ער אָפּגעדרוקט אַן

אַרטיקל, וואו ער זאָגט אַרויס צום ערשטן מאָל דעם באַגריף פֿון אַ קלאַסן-שטאַט און וואו ער רעדט פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פֿון אַ מלוכה אָן קלאַסן. ער פֿאָדערט פֿון דער רעפּובליק נישט נאָר די גלייכהייט, וואָס ווערט פֿעסטגעשטעלט, דורך דעם רעכט, די גלייכהייט אין די ביכער, דאָס הייסט אין דער טעאָריע, נאָר אויך אַן אָנשטענדיקע לעבנס-מעגלעכקייט, אַ געזעצלעך פֿאַרזיכערטע גענוגענדע באַפֿרידיקונג פֿאַר אַלע קערפּערלעכע באַדערפֿענישן און אַלע סאָציאַלע פֿאָרצוגן אַלס געדעכטע און אומבאַדינגטער עקוויוואַלענט פֿאַר יענעם טייל אַרבעט, וואָס יעדער טראָגט אַריין צו דערפֿילן די אַלגעמיינע אויפֿגאַבן.״ און צום סוף זאָגט ער: „אייגנטלעך קאָן מען יעדע פּאָליטיק צוריקפֿירן דערצו, אַז זי זאָל פֿאַרזיכערן יעדן רעגירטן אַ גענוגנדע באַפֿרידיקונג פֿון זיינע באַדערפֿענישן״.

נעמענדיק אין אַכט די אַלץ שטייגערנדע אָרעמקייט פֿון די מאַסן, האָט באַבעף אין זיין ציישונג אַגיטירט פֿאַר אַ „פֿרידלעכן אויפֿשטאַנד״. ער האָט געראָטן דערלאַנגען אַ פּעטיציע צו די פֿאָלקספֿאַרטרעטער. דאָס דירעקטאָריום האָט אָבער גלייך אַרעסטירט באַבעפֿן און פֿאַרמשפּט אים צו 20 יאָר געפֿענגעניש. דאָך האָט מען אים באַפֿרייט אין אַ האַלב יאָר אַרום, דעם 10-טן סעפּטעמבער 1765, ווייל די ראָיאַליסטן זענען געוואָרן צו געפֿערלעך און דאָס דירעקטאָריום האָט מורא געקריגן פֿאַר זיי. באַלד האָט באַבעף ווידער אַרויסגעלאָזן זיין „פֿאָלקסטריבון״ און דאָס מאָל האָט ער מיט אַזאַ שאַרפֿקייט אָנגעגריפֿן די רעגירונג, אַז ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. נאָך זייענדיק אין געפֿענגעניש האָט ער געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע בכדי אַרויסצורופֿן אַן אויפֿשטאַנד פֿון אַלע אומצופֿרידענע עלעמענטן, וואָס זאָל האָבן דעם צוועק צו באַקעמפֿן די רעאַקציע און איינפֿירן אַ מלוכה, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישע אידייען. אין מערץ 1796 האָט ער זיך צו דעם צוועק פֿאַרבונדן נאָך מיט אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערן ווי דער פֿריער אָנגערופֿענער מאַרעשאַל, פֿעליקס לעפּעלעטיע, אַנטאָנעל, דאָרטע, פֿיליפּ, באָונאַראָטי, און אַנדערע. דער שלאָסער דיביע, אַן אַמאָליקער מיטגליד פֿון דעם רעוואָלוציאָנס-געריכט איז געוועזן דער פֿאַרמיטלער צווישן געהיימען דירעקטאָריום און די סעקציעס, וואָס האָבן געהאַט צו דעם צוועק ספּעציעלע אַגענטן. דעם 9 אַפּריל איז אין פּאַריז פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרן אַן אויפֿרוף, אונטער דעם נאָמען „אַנאַליז פֿון דער לערע פֿון פֿאָלקסטריבון באַבעף, וואָס איז פֿאַרפֿאָלגט פֿון דירעקטאָריום, ווייל ער האָט געזאָגט דעם אמת״. דער דאָזיקער אויפֿרוף אַנטהאַלט דאָס פּראָגראַם פֿון דער אָרגאַניזאַציע אין 15 פּונקטן, פֿון וועלכע די וויכטיקסטע זיינען פֿאָלגנדע:

„1. די נאַטור האָט יעדן מענטש געגעבן גלייכע רעכט צו גענוסן פֿון אַלע גיטער.

2. דער ציל פֿון דער געזעלשאַפֿט איז די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער דאָזיקער גלייכהייט, וואָס איז אין נאַטור-צושטאַנד אָפֿט אָנגעגריפֿן פֿון די שטאַרקע און די שלעכטע, און אויך די ווילכערונג פֿונם געמיינשאַפֿט-לעכן גענוס דורך דעם צוזאַמענאַרבעטן פֿון אַלעמען.

3. די נאַטור האָט אויף יעדן מענטשן אַרויפֿגעלייגט דעם חוב צו אַרבעטן. קיינער קאָן זיך נישט אָפּזאָגן דערפֿון — דאָס אָפּזאָגן זיך איז אַ פֿאַרברעכן.

4. די אַרבעט און דאָס גענוסן מוז זיין פֿאַר אַלע מענטשן געמיינ-שאַפֿטלעך.

5. ווען איינער אַרבעט זיין גאַנץ לעבן און ליידט דערביי דוחק אין אַלץ, בשעת דער צווייטער טוט גאָרנישט און לעבט אין וואוילטאָג און איבערפֿלוס — איז דאָס אונטערדריקונג.

6. דאָס צואייגנען זיך פֿונם אויסשליסלעכן רעכט אויף ערד און אינדוסטריע — איז אַ פֿאַרברעכן.

7. אין אַן אמתער געזעלשאַפֿט דאַרפֿן נישט זיין קיין רייכע און אָרעמע.

8 די רייכע, וואָס גיבן נישט אַוועק זייער עודף פֿאַר די נויט-באַדערפֿטיקע זיינען שונאים פֿון פֿאָלק.

9. קיינער האָט נישט דאָס רעכט זיך צו צואייגנען די נויטיקע ביל-דונגס-מיטלען און דערמיט צונעמען ביים אַנדערן די מעגלעכקייט פֿון לערנען וואָס איז יענעם נויטיק פֿאַר זיין גליק; די בילדונג מוז זיין געמיינזאַם.

10. דער ציל פֿון דער רעוואָלוציע איז צו צושטערן די אומגלייכ-הייט און ווידער איינפֿירן דאָס גליק פֿאַר אַלעמען.

11. די רעוואָלוציע איז נישט געענדיקט, ווייל די רייכע נעמען פֿאַר זיך צו אַלע גיטער און די אויסשליסלעכע הערשאַפֿט, בשעת די אָרעמע אַרבעטן, ווי אמתע קנעכט, שמאַכטן אין עלנט און האָבן נישט קיין שום השפּעה אין דער מלוכה.

דער אויפֿרוף האָט בעמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער באַפֿעל-קערונג און די רעגירונג האָט זיך געזען געצוואונגען אַרויסצולאָזן דעם 14-טן אַפּריל אַ קעגן-פּראָקלאַמאַציע, וואו זי האָט ערקלערט, אַז די פֿאַרפֿאַסונג פֿון 1793, וועלכע ס'האָט געפֿאָדערט דער אויפֿרוף פֿון באַ-בעפֿן, איז נישט דורכפֿירבאַר. בינו לבינו האָט די פּראָקלאַמאַציע גע-שאָטן פעך און שוועבל און אויסגעטראַכט פֿאַרשידענע אינסינואַציעס

אויף די באַבעפיסטן. דערביי האָט די רעגירונג דורכגעפירט שאַרפע געזעצן קעגן דער פרעסע, ספעציעל צו שעדיקן באַבעפס „פאָלקסטריבון" און דעם „באַלייכטער פון פאָלק" (Êclaireer du peuple), וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון אַ פריינט פון ראָבעספיער—דיופליי.

נישט קוקנדיק דערויף, איז די צאָל באַבעפיסטן דאָך געשטיגן און די אָנפירונג פון זיי האָט שוין געפּלאַנט דורכצופירן אַן אויפשטאַנד-אַקט (Acte d'insurrection), וואָס זאָל זיין אַ סיגנאַל פאַר אַן אַלגע מיינעם אויפשטאַנד. דערביי איז אָבער זייער באַמערקנסווערט, אַז די-אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג, האָבן זיך גרופירט לויט זייערע באַטריבן. דאָס איז געווען שוין דער פועל-יוצא פונם וואוקס פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען.

אויך אין דער אַרמיי איז אַריינגעדרונגען די אַגיטאַציע פון באַבעפס גאָכפאָלגער — ווי מען האָט זיי דאַן גערופן „גלייכע".

דער „אויפשטאַנד-אַקט" ערקלערט די פאַרפאַסונג פון 1793 אַלס אַ מעגלעכן „וועג צו אַ גרעסערן גוטס". אַלע לעבנסמיטלען זאָלן אויף עפנטלעכע פּלעצער צוטיילט ווערן דעם פאָלק. אַלע גיטער פון די עמי-גראַנטן, פון די פאַרשווערער און פון די שונאים פון פאָלק דאַרפן תּיכּף צוטיילט ווערן צווישן די פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד און צווישן די אומגליקלעכע. אינטערעסאַנט איז אין דעם דאָזיקן אַקט דער געדאַנק, אַז די פאַרברויכונג פון דער מאַשין אין דער פּראָדוקציע וועט פאַרקלע-נערן די אַרבעט פון די מענטשן.

אין דער זעלבער צייט איז ערשינען באַבעפס בראָשור, אין וועל-כער ער האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן דעם פאָרוואורף פון דער רעגירונגס-פּראָקלאַמאַציע, אַז ער מיינט אַלס „צוטיילן" צווישן אַלעמען. „דאָס סיסטעם פון גלייכהייט שליסט אויס יעדע טיילונג" — זאָגט ער — „יעדער זאָל אַרבעטן פאַר דער גרויסער סאָציאַלער פאַמיליע און יעדער וועט פון איר באַקומען די מיטלען צו זיין עקזיסטענץ, זיינע פאַרגעניגנס און זיין גליק; דאָס איז דער קול פון דער נאַטור". באַבעף קומט אויך צו דער איבערצייגונג, אַז די אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט וועט אין אַ גרויסער מאָס פאַרגרינגערן די אַרבעט פון יעדן איינציקן. „אויפגעקלערטע מענשן, וואָס זיינען צוגעוואוינט צו אַרבעט דורך דער געמיינזאַמער דערציונג, וועלן מער ליב האָבן זייער פאָטערלאַנד, ווי זיי האָבן איצט ליב זייער פאַמיליע". קעגן דעם פאָרוואורף, אַז די איבערגאַנגס-צייט וועט אַרויס-רופן אַן אַנאַרכיע, ערקלערט באַבעף אַז דאָס לוינט דורכצומאַכן, בכדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו מאַכן אַ סוף צו דער איצט הערשנדיקער

און דויערנדער אַנאַרכיע פון דער געזעלשאַפט און בכדי אײַנצופירן דאָס גליק פאַר אַלעמען.

דער „מאַניפעסט פון די גלײַכע" וואָס עס האָט פאַרפאַסט סילווען מאַרעשאַל, איז אײגנטלעך נישט דורך אַלע באַבעפיסטן אָנגענומען געוואָרן אין גאַנצן. אין מאַניפעסט ווערט אויסגעדריקט, צווישן אַנדערע דער געדאַנק, אַז די גלײַכהייט איז דאָס וויכטיקסטע און די ציוויליזאַציע שטערט אין אַ געוויסער מאָס דער גלײַכהייט. „מעג די גאַנצע קונסט פאַרשווינדן, זאָל נאָר בײַ אונדז בלײַבן די אמתע גלײַכהייט". אויפן סמך פון באַבעפס אָנשויאונגען, ווי ער זאָגט זײ אַרויס אין פאַרשידענע אַרטיקלען קאָן מען רעכענען, אַז ער האָט נישט מסכים געווען אין דעם פּרט מיט דער מיינונג פון „מאַניפעסט פון די גלײַכע".

באַבעפס לערע איז זייער אינטערעסאַנט אין צוויי הינזיכטן. בשעת אַלע קאָמוניסטישע אידייען ביז אים, זײַנען נישט אַרויס פון דער ספערע פון טעאָריען אָדער פאַנטאַזיע — האָט ער דער ערשטער געשאַפן אַ קאָמוניסטישע פּאָליטישע באַוועגונג אין מאָדערנעם זין פון וואָרט. פון דער אַנדערער זײַט איז ווידער וויכטיק וואָס באַבעף האָט פעסטגעשטעלט, דאָס וואָס מאַרקס האָט שפּעטער אויפגעפאַסט, אַז די באַפרײַאונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון די אַרבעטער גופא; אין קעגנזאַץ צו אַלע פריערדיקע קאָמוניסטישע דענקער און אַפילו אין היפוך צו אַ סך פון די, וואָס זײַנען געקומען שפּעטער פון באַבעפן, ווי פוריעַ, אָווען, האָט באַבעף באַגרינדעט די באַוועגונג, אויף נישט אויפגעקלערטע קאַפּיטאַליסטן, נישט אויף גוטהאַרציקע הערשער אָדער רעגירונגען, נאָר אויף דער מאַסע גופא. ער האָט דעם פּראָלעטאַריאַט גערופן צום קאַמף און נאָר פון אים האָט ער ערוואַרט די דורכפירונג פון קאָמוניסטישן אידעאַל און אויב ער האָט זיך אַפילו פאַרבונדן בײַ דער דורכפירונג פון זײַנע פּלענער מיט די בירגערלעכע דעמאָקראַטן, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז די ראַדיקאַלע ענדערונג וועט מען מוזן דורכפירן קעגן דעם ווילן פון די לעצטע. ער האָט די דעמאָקראַטן נאָר געוואָלט אויסנוצן צום גונסטן פון דער אַרבעטער-זאַך.

דעם ערשטן מיטוואָך פון יאָר 1796 האָבן די „גלײַכע" אַלץ צוגעגרייט צו אַן אויפשטאַנד, אָבער דורך אַ פּראָוואָקאַציע זײַנען די פירער, צווישן זײ באַבעף, בואָנאַראָטי, דאַרטע און אַנדערע אַרעסטירט געוואָרן, סילווען מאַרעשאַל און דעבאָן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. דאָס דירעקטאָריום, האָט ערקלערט דעם צושראָקענעם פּאַריז, אַז ס'איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַ פאַרשווערונג, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק אַן אַלגעמיינע פּלינדערונג און הריגות. די בירגערלעכע דעמאָקראַטן האָבן זיך גלײַך

אָפּגעשאָקלט פון באַבעפן; אַראָפּגעמענדיק פון זיך דעם חשד האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט שמוץ זייערע פריערדיקע פאַרבינדעטע. פון תּפיסה האָט באַבעף געשריבן צו זיין פריינט לעפּעלעטיע: „איך דענק, אַז איך בין געבליבן ווערט דיין אַכטונג און דעם אינטערעס פון אַלע מענטשן, וואָס זיינען געראַכט ווי דו". באַבעף און דאַרטע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, די איבריקע זיינען אויסגעוויזן געוואָרן פון לאַנד. פאַרן טויט האָט באַבעף דער פרוי זיינער געשריבן: „איך האָב נישט געקענט באַגרייפן קיין אַנדערן אופן ווי אַזוי אייך גליקלעך צו מאַכן, ווי נאָר דורך דעם אַלגעמיינעם גליק. איך בין באַזיגט, איך האָב זיך פאַר אַ קרבן געבראַכט. מיין טויט וועט אייך צונוץ קומען".

באַבעף און דאַרטע האָבן אַפילו פאַרזוכט זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן, זיי האָבן זיך אָבער נאָר פאַרוואונדעט און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי זייערע קעפּ פאַר דעם מענטשן-גליק אוועקגעלייגט אויפן עשאַפאָט. (1797).

מיט באַבעפן איז די פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע באַוועגונג אינגאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע פון דער רעוואָלוציע. די אַרבעטער זיינען געוואָרן צוקלאַפּט, די דעמאָקראַטן האָבן געהאַט פּחד, די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען אין לאַנד האָבן זיך נישט נאָר פאַרבעסערט, נאָר פיל פאַרערגערט, בעת מאַראַט האָט אין זיין צייט פּראָטעסטירט קעגן די מלחמה-פּלענער פון די זשיראָנדיסטן האָט ער פאָראויסגעזען, אַז די שטענדיקע מלחמות מוזן פירן צו דער מיליטערישער דיקטאַטור און דאָס האָט איצט פּאַסירט. אַ פעיקער גענעראַל פון אַ נישט הויכער אָפּשטאַמונג האָט דורך זיינע ניצחונות ערוואָרבן די סימפּאַטיע פון פאָלק. אין אים האָט דאָס פאָלק דערזעען דעם מענטשן, וואָס וועט אַ סוף מאַכן צו די שטענדיקע מלחמות און איינפירן אַ מער-ווייניקער זיכערע אָרדנונג. דעם 9-טן נאָוועמבער 1799 איז דער גענעראַל — נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן ב אָ נ אַ פּ אָ ר ט געוואָרן דער ערשטער קאָנסול און מיט אַן אייזערנער האַנט האָט ער איבערגענומען די ממשלה.

דאָס פאַרמאַטערטע פאָלק האָט געשוויגן, דאָס בירגערטום האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויסנוצן די לאַגע וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם שטורץ פון פעאָדאַליזם. נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער פרייער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דער שונא פון אַלטן פעאָדאַלן רעזשים.

די צייט פון זיין הערשאַפט איז זייער אומגינסטיק געווען פאַר סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און דער קאָמוניזם, וואָס איז אויף אַ מאָמענט ערשינען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, איז ווידער אַריינ-

געדרוקט געווארן אין די קאבינעטן פון די געלערטע. ער האט אבער שוין געהאט די ערשטע פראקטישע ערפארונגען און אויב ער האט זיך בישט געקאנט באפרייען פון די אוטאפיסטישע עלעמענטן האט ער זיך אבער א סך דערנעענטערט צום מאדערנעם סאציאליזם.

דער אנפאנג פון XIX יארהונדערט האט אין דער געשיכטע פון סאציאליזם געבילדעט דעם איבערגאנג פון אלטן ראציאנאליסטיש-אוטאפיסטישן צום ווירטשאפטלעכן סאציאליזם.

דער אנטוויקלונג פון סאציאליזם אין ניינצנטן יארהונדערט וועט זיין געווידמעט דער צווייטער באנד.

(סוף פון ערשטן באנד).

אינהאַלטס-פאַרצייכניש:

הקדמה

איינלייטונג

I די אידייען פון גערעכטיקייט און קאָמוניזם אין פאַלעסטינע.

א. די אַלגעמיינע צושטאַנדן.

ב. די נביאים.

ג. די איסיים.

II דער קאָמוניזם.

א. אַלגעמיינע באַמערקונגען.

דער קאָמוניזם אין ספּאַרטאַ.

III די קלאַסן-קאַמפן אין רוים.

א. דער קאַמף צווישן די פּאַטריציער און פּלעבעיער.

ב. די רעפאָרם-באַוועגונג פון די ברידער גראַקך.

ג. די שקלאַפן-אויפשטאַנדן.

ד. די פאַרשווערונג פון קאַטאַלינאַ.

ה. די קריטיק פון די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען אין דער ליטעראַטור.

IV דאָס אור-קריסטנטום.

א. די אומשטענדן.

ב. יעזוס.

ג. די אורקריסטלעכע געמיינדן.

ד. די קירכענפאַטערס.

ה. די אַנטאַרטונג פון קריסטנטום.

V קאָמוניסטישע אידייען.

(פון III ביזן XIII יאָרהונדערט).

א. די ווירטשאַפטלעך-פּאָליטישע לאַגע.

ב. די פֿילאָזאָפֿישע אָנשויאונגען.
ג. דער קלויסטערישער קאָמוניזם.
ד. די קאַטאַרער קאָמוניסטישע באַוועגונגען — אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק.
ה. די קאַטאַרער קאָמוניסטישע באַוועגונגען — באַזונדערע גרופּירונגען.

V די קאָמוניסטישע אידייען און קאַמפֿן אין מיטלאַלטער.

(פֿון XIII-טן ביז צום XVIII-טן יאָרהונדערט).

א. דיווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פֿון דער דאָזיקער עפּאָכע.
ב. דער פּויערים-אויפֿשטאַנד אין פֿלאַנדריען.
ג. די דזשאַקעריי אין פֿראַנקרייך.
ד. די פּויערים-אויפֿשטאַנדן אין ענגלאַנד.
ה. די הוסיטן-מלחמות אין בעמען.
ו. די פּויערישע מלחמות אין דייטשלאַנד.
ז. די ווידערטויפֿער.
ח. די ענגלישע רעוואָלוציע אין XVII יאָרהונדערט.
ט. די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער דאָזיקער עפּאָכע.
י. די אוטאָפּיסטישע פּלענער.

1. די ענגלישע אוטאָפּיע (טאָמאַס מאָר, לאָרד באַקאָס, די אמתע לעוועלער און אואיסטערליי, טשעמבערלען, קאָרנעלי פֿלאָקבאָו, די קוואַקערס און בעלערס).
2. די איטאַליענישע אוטאָפּיע (טאָמאַס קאָמפּאַנעלאָ).
3. די אוטאָפּיעס אין פֿראַנקרייך (זשאַן מאָליער, וועראַסע, מאָרעלי, מאָבלי, רעשטיף דעלאַברעטאָן).
4. די בירגערלעכע סאָציאַל-קריטיק (רוססאָ, סימאָן לינגע, זשאַק נעקער, בריסאָ).

VII די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע.

א. דער אַלגעמיינער צושטאַנד.
ב. די גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג.
ג. די געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונג.
ד. דער קאָנווענט.
ה. דער טעראָר.
ו. די טערמידאָריסטן און דאָס דירעקטאָריום.
ז. גראַקך באַבעף און דער עפּילאָג פֿון דער רעוואָלוציע.